STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03173

SHTERN OYFN HIML

Meir Charatz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאיר חַרַץ / שטערן אויפן הימל

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן שרייבער־פאַראיין אין ישראל און קרן תל־אביב לספרות ולאמנות, קאָנצערן סולל בונה און יוסף פעקלמאַן, אַלע דריי באַקומענע פרעמיעס און סתם קִישקע־געלט פון דער אייגענער קעשענע.

מאיר חַרַץ

שטערן
אויפן
הימל

פארלאג "אייגנס" ירושלים, 1977

MEIR CHARATZ

SHTERN OIFN HIML

FARLAG „EIGNS" IERUSALEM 1977

©

כל הזכויות שמורות

Printed in Israel

נדפס בדפוס קואופרטיבי "אחוה", ירושלים

אינהאַלט

די עפּל פאַלן 10

בילד און מעשה

בילד און מעשה 11
ווייסע לאַנדשאַפט 12
ווינטערדיקער הימל 12
בילדער 13
פון דיין שטיבל 14
גייט אַ מיידל צו דעם ברונעם 15
מיידלטרויער 15
דאָסביימל 16
דאָס רעדל 17
דער בוים, וואָס פילט 17
ווי ס׳טיילט זיך אָפּ 18
ווען די פענצטער הייבן אָן צו טאָגן 19
טרעפּ 19
מיר ווילט זיך 20
מיין יונגער, מיין אַלטער,
לאַנגאָניקער טרוים 20
אין מיין פענצטער 21
די זון פאַרגייט 21
ברייטע וועגן און שמאָלע שטעגן 22
דער אַלטער ברונעם 23
איך גיי אַרויס פאַר טאָג 23
אין אַלע טייכן 23
אָוונט־בילדער 24
איבערגאַנג 24
דרייען זיך שאָטנס אַרום 25
פאַר טאָג 26
ביימער 26
דאָס קליינינקע ווינטל 27
די וואָלקנס ברענען אויס 27
ניט דאָס רוישן 28
מיטנזומער 28
נאַכט 29
די שקיעה שמעקט 30
אויף ווייטע וועגן 30
אויפן פאַן פון בלויען רוים 31
ציינד אָן 32
אין מיינע אויגן 32

גאָלדענע אויגן

כ׳האָב פאַרשפּעטיקט צו מיין חלום 33
די נאַכט 33
איך טאַפּ מיט די אויגן 35
גלוסט זיך ביי נאַכט מיר 36
אַ שניי אין אפּריל 36
אַ רגע חלום 37
ווי עמעצער וואָלט אויסגעשיט 37
וויפל דאַרף מען האָבן 37
זונליד 38
כ׳האָב געפּרווט 39
מיין באָרד 40
זכרונות ווערן מער און מער 40
האַרבסטיק 41
אין אַ רעגנאַכט 41
דאָס מעסער 42
דאָס שליסעלע 43
מיר זענען אַלע פון דער שטוב אַרויס 43
צי הערט איר ניט? 44
אַ שטיין 45
שטיפעריש 46
שלוחים 47
ס׳איז אומעטיק 48
פון וועג 49
פעלד און פעלד 51
פון אַלע בלינדע 51
צעבליען זיך אין הימל 53
דער דלות רופט 53
אין דער סאַמע מיט 54
די דעכער פון דער גרויסער שטאָט 55
שפּעט ביי נאַכט 56

שיינע לידער קאַסטן טייער

צי קאָן מען? 57
אַלט און קראַנק און גראָ און מיד 57
שיינע לידער קאַסטן טייער 58
אַ מאָל בין איך 59
איך וואַרט 59
אָט בין איך 59
סע לעשט ניט מיין דאָרשט 60
דיכטונג 61
איינגעראַמט און פאַרבליבן 62
גיכער, גיכער! 62

דער רעגן האָט געקלאַפּט 63
דער וואַנדער־דיכטער 65
נאַכטיקע לידער 66
די אויגן ברענען מיר 67
אַ פּייערדיקער זומערדיקער דרויסן 68
פרעג מיך ניט גאָרניט 68
אַוונטליד 69
מיר גייען צו דער אַרבעט 70
איצטער 70
שוין וויפל מאָל? 71
קאָן זיין 72
אַלט געווען 72
איך זע דעם טויט פון דער ווייטנס 73
איך קום ניט 73
אין שטענדיקן וואַרטן 74
אויפן פערד 75
מיין אוצר 75
שטורעמדיק וועל איך קומען 77
אייער געוויין 79
עס הייבט זיך שוין אָן 80
נעם צונויף 81
נאָך אַ ליד 81

עכאָס

שלאָפט מיין שאָטן 82
דער האָריזאָנט איז רונד אַרום פּאַרמאַכט 82
כ'האָב מורא 83
אַז די פענצטער 83
עכאָס 84
ס'איז אויפגעגאַן אין מיר 85
סע וויינט מיין נשמה 85
אין חלום 86
מיינע אָפגענאַרטע בלוטן 87
דאַנקען גאָט 87
מיין קאָפּ איז קלאָר 88
מיין קאָפּ 88
איך ווייס ניט 91
מיט פּאַרמאַכטע אויגן 91
איך האָב אַזוי פיל נאַרישקייטן אָפּגעטאָן 92
אין קעלער פון מיין נשמה 93
איז וועמען דערציילן? 94
כ'וויל זיך איבערבעטן 94
פריי פון חלום 94
און איך בין ניט קיין חסיד פונעם עתיד 95
פאַר וועמען? 96
דער וואָלף טרעט 97
די בייזע שפּיל 98
היי! 98

שטערן אויפן הימל

לוד 1972 99
טומלט ניט! 100
חיפה 101
אין באר שבע 101
שטערן אויפן הימל 102
ירושלים 103
ביים כותל 103
נייע שטאָט 105
ירושלימער ווינטער 105
זעונג 106
צעברעכן וועל איך 106
אין ירושלים 107
אין שפּיטאָל 108
זיץ איך אין מיין הויז 109
די צוואה אונטערגעשריבן 109
שלאָפלאָזיקייט 110
ניט גוט 111
קלאָג 112
שטראַלן קרומען זיך 112
ניטע, ניטע! 113
ניט ווי שמשון 113
מיין שטיין 114
גורל 114
איך און די ווייטקייט 115
די שטיינער שטאַרצן 115
די צייט מאָלט 116
פון מידבר בלאָזט 116
גאָט 117
ספר הזכרונות 117
וויפל באָדן דאַרף דען גאָט? 118
און גאָט הייבט אויף 119
דער טאָג 120
שוואַרצע יונגע בערד 121
די סעודה 122

אונטער דער שטילקייט

און ווידער שפּאַנט 124
און איך האָב געזען 125

אונטער דער שטילקייט 125
איך שרייב מיט די אויגן 126
די פעלדער שמעקן 126
רעכנט ניט 127
איך ליג ווי אַ באַזיגטער 128
מיינע אַנגעגלאָזטע שויבן 128
מיין טאָגבוך 129
איך בייל צונויף 130
פאַרשטיינערטע וואָלקנס 130
שטיל, די שכנים זענען מיד 131
מיינע פריידן 131
שריים ליגן אויפן טיש צעשיט 132
דערוואַכונג 132
אין דרויסן רינט 134
איך בעט דיך 134
מיט זיך אַליין 135
ווי נעמט מען ? 136
צי קומט די קראַפט ? 136
אַ מאָדנע שטימונג 137
כ'בין אויפגעשטאַנען היינט פאַר טאָג 138
אַ שרויף אין מיין נשמה 139
צי זאָל איך פאַרענדיקן 139
רייפקייט 140
ים 141
בין איך ניט 141
דו 142
אַהין 142
קריך אַראָפּ 143

אַנפּאַס און פּראָפּיל

משה־לייב, דער ריטער 144
צו מ. ל. האַלפּערן 145
ח. לייוויק 146
איציק מאַנגער 146
היידל־דידל־דוי 147
געשטאָרבן דער זינגער 147
אליעזר שטיינבאַרג 148
וואָס וועט זיין ? 150
פּאָרטרעט פון אַ פּאָעט אַ רעזשיסער 151
איין פּאָרטרעט פאַר צוויי פּאָעטן 152
דוד האָפּשטיין 152
שמואל האַלקין 153
צו שמואל האַלקין 153
פרץ מאַרקיש 154
פּאָרטרעט פון אַ פּאָעט אַן עקשן 154
שלמה רויטמאַן 155
שיקע דריז 156
פּאָרטרעט פון אַ דיכטער פון קורצע לידער 156
אַזאַ מין שטראָף 157
זייליקן 158
י. לערנער 159
הערש־לייב קאַזשבער 160
פּאָרטרעט פון אַ פּאָעט אַ וווּנדערקינד 161
אַ פּאָעט אין חלום 161
פּאָרטרעט 162
פּאָרטרעט פון אַ מאָלער 162
פּאָרטרעט פון אַ קאָמפּאָזיטאָר 163
פּאָרטרעט פון אַ רעציטאַטאָר 164
דעם פריינד פון פּאָעטן 164
רייזל זשיכלינסקי 165
וועגן זיך 166
מ. חרץ 166

מיטנווּעג

חשבון הנפש 167
געבעט 168
ס'איז יעדער געליגן 170
מיין לעצטער טאָג 171
אָט קוק איך אַריין 172
איך זיץ אין דער שטילקייט פּאַרטראַכט 172
נעכטיקע טעג 173
כ'האָב אַלע מיינע ליבעס 174
ווינטערליד אויף דער עלטער 174
כ'בין ניט קיין קינד 175
פון יאָר צו יאָר 176
מיטנווּעג 176
אויף דער עלטער 177
כ'בין מיד 178
כ'געדענק אַ צייט 179
כ'האָב אַנגעדרייט דעם זייגער 179
לעבנסלוסט 180
מיין לייב איז מיד 180
אויסגעשעפּט און אויסגעוועפּט 181
די לעצטע כוחות 181
אין שפּיטאָל 182
באַלד — באַלד 183
מיין גרויסער גאָט 183

נאַכט־געדאַנקען 183
מײַנע נעכט און טעג 184
און איך בין מיד 184

ווערטער

ווער סע זאָגט 185
ווערטער יידישע 185
וווּנדערווערטער 186
אַן עמער מיט ווערטער 187
אין דער קראָם פון שיינע ווערטער 187
מײַן וואָרט 188
מיר טאַפּן אַן 189
געפין מיר אויס 189
איך זוך ניט 190
איך בין אין גערטנער ניט געווען 190
די ווערטער־קאַשע 191
ווערטער 192
ווען ווערטער שווייגן 192
איך בעט זיך 192
אָנגעשאַרפטע ווערטער 193
ווערטער־שטרײַק 194
כ׳האָב אויסגעלערנט זיך אַ נײַע שפּראַך 195
גראַמען 195
אַ ליד אַן גראַמען 196
דאָס וואָרט 196
אַז ס׳טוט מיך וויי 197
ביים איבערשרייבן 198
איך לייען פּאָעטן 198
ביים לייענען 199
לידער, לידער 199
פּראָזע 200
איך לייג אָוועק 200
יידיש 201
זאַך און שפּראַך 201
שטילקייט 202
אָן לשון 202
* סע ברומט שוין ווידער 203
איך שעם זיך אייך צו דערציילן 203
זינגען איז געזונט 204
וואָס וועט זיין? 206
זינג מיר אַ לידעלע 206
אבות 207
שוין צו פיל ווערטער 213
והיה באחרית הימים 213

מיט פאַרטראַכטע אויגן

פּאַראַן 214
אויף אַלע בריוו 214
צייט 215
צייט און אייביקייט 116
אַ צייט אַזאַ 216
עס ווייסן שוין אַלע 216
ביי גאָט 217
אויפן אויסגעשפּאַנטן טראָטואַר 217
אויפגעבויט אַ הויז 218
דאָס רעדן צום שטיין 218
די לאַנדשאַפט בליט 219
סע גייט, סע גייט, סע קומט פון די בערג 219
שטייט דער באַרג 220
אונדזער גיין 220
און אַז די ערד איז קראַנק געוואָרן 221
אַ גוט מאָרגן, אַ גוט יאָר 221
מיר זעגען געגאַנגען 221
אויפן פּאַן פון דער שטילקייט 222
דער ווינט פּאַרוויגט די ביימער 222
אַ טאָג אַזאַ 223
האָסט שוין ווידער אָנגעפּאַצקעט רו 224 225
כ׳זיץ אין אָוונט 225
נעם ניט די פּען 226
מיין ערשטע ליד 226
איך וועל קיין חסרונות ניט זוכן 227
ברויט אין לידער 228
ביים פּאַרמאַכן 230
וועגן טויט 230
און אַז דו רייטסט 231
אַ מיש־מאַש 231
די נאַכט האָט אָפּגעשוואַרצט 232
כ׳האָב אַ גרונט געזוכט 233
שפּיגלפלאַך האָט איינגעראַמט 233
המבדיל בין קודש לחול 234
גרויסשטאָט און הויפּטשטאָט 235
איך גיי און איך גיי 235
גערשטן און קאַרטאָפל 236
כ׳האָב ליב ביים פענצטער פון וואַגאָן 236
ס׳קען ניט זיין 237
זאָל זיין געזאָגט דאָס היינט 238
אַ לידער־בוך 239

אין מיינע ביז־איצטיקע דריי לידערביכער אַרויסגעגעבענע אין ישראל זענען פון די געבראַכטע לידער אַריין מער ווי אַ העלפט. דערווייל איז דאָס אַרויסגעבן אַ בוך געוואָרן מער ווי דריי מאָל טייערער און מער ווי פיר מאָל שווערער צו קריגן די מיטלען דערויף. אין איצטיקן, אין פערטן בוך, האָב איך זיך געמוזט אָפּזאָגן פונעם טיפּול פון אַ פאַרלאַג ווי אויך פונעם לוקסוס אָנצוהייבן יעדער ליד אויף אַ נײַ זייטל, ווי ס׳איז געווען אין די פריערדיקע ביכער. די אַמעריקאַנער טוען דאָס שוין לאַנג.

אויף אַ שטח פון 15 דרוקבויגן האָב איך צונויפגעבראַכט איבער 300 לידער. כ׳האָף, אַז דער לייענער וועט ניט האָבן קיין פאַריבל דערפאַר. צווישן זיי איבער 50 נייע לידער געשריבענע אין ישראל. מער ווי אין אַלע דריי פריערדיקע ביכער, מער ווי אַ העלפט פונעם ציקל "אַנפּאַס און פּראָפּיל" (לירישע פּאָרטרעטן) זענען אין איצטיקן בוך ניט אַריין און געבליבן פאַרן 5טן בוך און וועלן קומען אין איינעם מיט די לעצטע פון די "געבראַכטע" און מיט נייע ישראלדיקע לידער, וועלכע זאַמלען זיך אין מיין שופלאַד.

אַ גרעסערע פּאָעמע "מאַרקולעשט" איז אָפּגעדרוקט אין מאַרקולעשטער יזכור־בוך, וואָס איז דערשינען אַדער דערשיינט די טעג אין תל־אביב.

די עפּל פֿאַלן

די עפּל פֿאַלן ווידער אַראָפּ,
זיי זענען ווידער רייף און זיס
און ווער ס'איז געשטאַנען אויפֿן קאָפּ
שטעלט ז'זיך צוריק אויף די פֿיס.

דער ווייץ איז ווידער געל און גרייט
צום שניט אַזוי ווי צוריק מיט אַ יאָר
און ווער ס'האָט גערעדט אין דער יוגנט פֿאַרדרייט,
רעדט אויף דער עלטער קלאָר.

און ווער ס'האָט גערעדט אין דער יוגנט קלאָר,
מיט יאָרן צוריק, אַמאָל,
וועט איצטער אויף די עלטערע יאָר
דערהערן זיין אייגן קול,
דאָס קול פֿון אַמאָל-אַמאָל.

בילד און מעשה

בילד און מעשה

הויך פאַרשנייטע דעכער ווייסע —
ס'איז אַ בילד און ניט קיין מעשה.

לאָמיר זיך באַגיין מיט בילדער
פונעם ווינטער, וואָס איך שילדער.

ס'איז ניט שווער דעם שניי צו מאָלן —
אָנגעשנייטע בערג און טאָלן,

אָנגעשנייטע וועג און פעלדער,
הויך־פאַרשנייטע ווייסע וועלדער.

הויך פאַרשנייטע דעכער, גאַסן,
ביי די גאַסן — ווייסע פאַסן.

ווייס־פאַרשנייטע טראָטואַרן —
שטייען מענטשן און זיי שאַרן

דאָרט צונויף די שנייען ווייסע,
אָבער דאָס איז שוין אַ מעשה.

לאָמיר האָבן פאַרגעניגן,
לאָמיר זיך מיט בילד באַגניגן.

ווייסע לאַנדשאַפט

ס׳האָט דער שניי מיר אָפּגעשיט די אויגן,
ווייס געמאַכט די לאַנדשאַפט, וואָס אַקעגן,
ווייס געמאַכט אין גאַס די גראָע שטויבן,
ווייס געמאַכט די סטעזשקעס און די וועגן.

בלויז דער שליטן מיטן פערדל, וועלכע טראָגן
זייער בידנע בילדל איבער מיינע שויבן,
בלויז די קראָ, וואָס פּאַכט מיט שווערע פליגל,
שלאָגנדיק די ווייסקייט, וואָס דערמאָנט אין טויבן,

ווייטער זעט מען גאָרניט, גאָרניט, גאָרניט,
אין אַ ווייסקייט איז די וועלט פאַרלאָרן
און די ווייסקייט האָט צו זיך קיין פּאָר ניט,
ס׳איז די זעלבע נאָך פון פאַר אַ יאָרן.

ווינטערדיקער הימל

ווינטערדיקער הימל אָן אַ טאָג, אַ נאַכט,
שטערן, זון, לבנה ערגעץ ווו פאַרמאַכט,
ערגעץ ווו באַהאַלטן אין אַ פרעמדן לאַנד,
הענגען דאָרט אין איינעם אויפן זעלבן ראַנד,
שפּיגלען זיך אין טייכן אַלע מיט אַ מאָל,
וויגן זיך און זינגען אויף אַ לויטער קול.
פליסט דאָס קול אַהער צו ווי אַ ריטשקע העל
און עס ווערט פאַרפרוירן ביי דער סאַמע שוועל
און עס ווערט פאַרפרוירן און עס ווערט פאַרדעקט
אונטער טונקלעם הימל מיט אַ ווייסער דעק.

בילדער

דרויסן אויף די האַרטע שטיינער
ליגט אַ ווייכער טאָג אַ שיינער,
ליגט אַ בלויער טאָג אַ מילדער,
אַ באַהאָנגענער מיט בילדער.

איז דאָס ערשטע בילד — אַ פויער
איינגערעמלט אין אַ טויער,
און דאָס בילד דאָס צווייטע ווייטער
איז אַ יונגער, שיינער רייטער.

און דאָס דריטע בילד — אַ מיידל
טוט זיך אויס ביים טייך דאָס קליידל
און זי מעסט זיך אָן אַ כוואַליע,
צי זי פּאַסט איר צו דער טאַליע.

דרויסן אויף די האַרטע שטיינער
ליגט אַ ווייכער טאָג אַ שיינער,
ליגט אַ בלויער טאָג אַ מילדער,
אַ באַהאָנגענער מיט בילדער.

און דאָס פערטע בילד — דער טויער,
וווּ געשטאַנען פריער דער פויער,
איצטער שטייט שוין דאָרט דער רייטער,
וואָס איז פריער געשטאַנען ווייטער.

און דאָס פינפטע פון די בילדער
איז דער זעלבער טאָג דער מילדער
אַרום פריש געבאָדן מיידל,
אָנגעטאָן צוריק אין קליידל.

און דאָס שענסטע בילד — דאָס זעקסטע
פון די בילדער — איז דאָס עקסטע,
אין אַ ווינקל שטייט דאָס פּאָרל,
שיינען זייערע יונגע יאָרן
אינעם שיינעם טאָג דעם קלאָרן.

פון דיין שטיבל

פון דיין שטיבל ביז מיין היים
מוז אַ ליד הײַנט ווערן;
געסלעך, שטיבעלעך פון ליים,
און אַ הימל שטערן.

כ'האָב אַ גאַנצן טאָג געוואַרט
דער פאַרנאַכט זאָל קומען,
ווען די וועסט פון צימער צאַרט
מיר אַנטקעגן שווימען.

און איך וועל דיך ערגעץ ווײַט
צו די גראָזן ברענגען,
אָפּזיצן מיט דיר די צײַט
און מיט דיר פאַרברענגען.

ס'איז מיר גוט צו דיר צו גיין,
דיך אַהיים צו פירן
און פון דיר אַליין אַהיים —
גיין און פאַנטאַזירן.

איצטער ערשט דערמאָן איך זיך,
וואָס געוואָלט דיר זאָגן —
ערגעץ מיניעט זיך אַ ליכט
און סע נעמט שוין טאָגן.

אייל איך גיכער זיך אַהיים,
מאָרגן קום איך ווידער!
געסלעך, שטיבעלעך פון ליים,
און אַ הימל לידער.

גייט אַ מיידל צו דעם ברונעם

גייט אַ מיידל צו דעם ברונעם
מיט צוויי עמער אין די הענט,
ביז דאָס מיידל איז געקומען,
האָט דער ברונעם אָפּגעברענט.

איז דאָס מיידל פֿונעם ברונעם
צו דעם טייך אַוועק צערייצט,
ביז זי איז צום טייך געקומען,
האָט דאָס גראָז דעם טייך פֿאַרפּלייצט.

האָט זי ביידע פּוסטע עמער
אויפֿן גראָז געטון אַ וואָרף
און דערזען, אַ סטאַדע לעמער
פֿירט דעם פּאַסטעך צו דעם דאָרף.

האָט זי ווידער ביידע עמער
אויפֿגעהויבן פֿונעם גראָז
און צעטריבן אַלע לעמער
און דעם פּאַסטעך זיך געלאָזט.

האָט דער פּאַסטעך זי גענומען,
זי געקושט אויף זיינע הענט,
איז געוואָרן פֿול דער ברונעם,
וואָס האָט אָקערשט אָפּגעברענט.

ס'האָט דאָס גראָז צוריקגעצויגן
זיך פֿון מיטן טייך צום פֿעלד
און אין מיידלס ביידע אויגן
האָט זיך אומגעקערט די וועלט.

מיידלטרויער

פֿאַר נאַכט צו פֿאַלט צו דער טרויער,
איך טרינק אים ווי ווייַן אויס ווי זיסן.
ווער האָט עס מיך ליב אָן מיין וויסן ?
כ'פֿאַרמאַך זיך אַזוי ווי אַ מויער.

צי מעג מען פון טרויער געניסן ?
דער טאָג איז געווען אַזאַ בלויער,
ביי נאַכט גייען יינגלעך אויף לויער,
צי מעג מען אַזוי זיך פאַרשליסן ?

אַ יינגל בלייבט שטיין ביי מיין טויער,
צי זאָל איך דאָס יינגל באַגריסן ?
צי וועט זיך די גאַס ניט דערוויסן ?

איך זיץ און איך צערטל דעם טרויער,
די שכנים באַהיטן מיין טויער,
ווער האָט עס מיך ליב אָן מיין וויסן ?

דאָסביימל

אין דרויסן איז נאַכט געוואָרן,
די שטיבער אין שטאָט זענען שוואַרץ
און ס'וויגט זיך אונטער אַ גאָרן
אַ ביימל אַן איינגעדאַרטס.

סע וועט שוין קיין בוים ניט ווערן,
דאָס ביימל וואָס וויגט זיך קוים,
דאָס ביימל באַוויינען שטערן,
סע וועט שוין ניט ווערן קיין בוים.

פאַר טאָג וועלן זונענשטראַלן
זיך אויסציען ביז צו דער שטאָט
און ס'וועט אַרונטערפאַלן
דאָס ביימל אונטער אַ ראָד.

דאָס ראָד וועט דאָס ביימל צערייבן,
און ווייטער אַוועק אין געדריי,
ס'וועט עמעץ דאָס רעדל טרייבן
ביז צו דעם לעצטן דריי.

דאָס רעדל

בײַ אונדז אין הויף ליגט אַ רעדל,
עס האָט זיך געדרייט אַ מאָל,
ווען ס׳האָט זיך דער וואָגן פון שטעטל
געיאָגט איבער באַרג און טאָל.

ניטאָ שוין דער וואָגן פון שטעטל,
דאָס שטעטל איז אויך ניטאָ
און נאָר דאָס איינציקע רעדל
געבליבן איז ליגן דאָ.

דאָס איינציקע רעדל פון וואָגן,
דאָס הילצערנע איינציקע ראָד,
עס האָט אים אַהער צו פאַרטראָגן
באַגראָבן צו ווערן אין שטאָט.

באַגראָבן צו ווערן אין מיסטן
פון הויף, וואָס מע שיט דאָ אויס.
מע לאָזט עס ליגן אומיסטן,
ווען מ׳פירט די מיסטן אַרויס.

בײַ אונדז אין הויף ליגט אַ רעדל,
עס האָט זיך געדרייט אַ מאָל,
ווען ס׳האָט זיך דער וואָגן פון שטעטל
געיאָגט איבער באַרג און טאָל.

דער בוים, וואָס פילט

דער בוים, וואָס פילט דעם מינדסטן ווינט
און רוישט מיט אַלע זײַנע בלעטער
און טאַפּט ווי איינער, וואָס איז בלינד
מיט צווייגן־שפּיצן אָן דעם וועטער,
האָט אויסגעטאָן זיך ווי אַ קינד,
וואָס איז נאָך גאַנץ פון בושה פּטור,
ער ווײַנט, ווען אַסיען שפּריצט און רינט
און שײַנט אין פרילינג שפּעטער.

דער בוים, וואָס פירט זיין שאָטן אום
אַרום זיין שטאָם און זיינע צווייגן
און מאַכט דאָרט אויבן אַן אַ זשום,
בשעת די שאָטנס אונטן שווייגן,
האָט זיך פאַרקלאָגט פאַרן אַרום —
די ערד פאַר אים איז ווי אַ שטייגל,
ער וואָלט שוין לאַנג דערגרייכט די זון
מיט זיין עקשנותדיקן שטייגן.

דער בוים, וואָס איז שוין אַלט און קראַנק
און איז שוין גאַנץ פאַרדאַרט געוואָרן
און ס'איז אים זומער אויכעט קאַלט,
נאָך קעלטער פיל ווי פאַר אַ יאָרן,
פאַרטראָגט אויך ניט די זון, וואָס שטראַלט,
אויף זיינע אָפגעלעבטע יאָרן,
ער בענקט צום העקער פונעם וואַלד,
וואָס זאָל דאָס קרענקען אים פאַרשפּאָרן.

ווי ס'טיילט זיך אָפּ

ווי ס'טיילט זיך אָפּ אַ זייפנבלאָז
פון דינעם לעכעריקן שטרוי
אין קינדערישן מיילעכל,
ווי ס'ציט זיך פון אַ פּאַפּיראָס
דער רויך אַרויף צום הימלבלוי
און דרייט זיך ווי אַ קנייַלעכל,
אַזוי האָט היינט אַ שווער געפיל
פון האַרצן לייכט זיך אָפּגעטיילט
און אויפגעהערט צו מאַטערן,
און אָפּגעפלויגן שאַ און שטיל,
און אָנגעהויבן אין דער וועלט
אין זעונגען צו פלאַטערן.

ווען די פענצטער הויבן אָן צו טאָגן

ווען די פענצטער הייבן אָן צו טאָגן,
הייבן אויף די ווענט זיך פון דער נאַכט,
ווערט די גאַס ווי פון אַ גרויסן וואָגן
אויסגעלאָדן, אויף איר פלאַץ געבראַכט.

ווען די פענצטער הייבן אָן צו טאָגן,
הער איך, ווי אַ צווייטער וואָגן פאָרט,
טיש און שטולן ווי אַריינגעטראָגן
שטעלן זיך צוריק אויף זייער אָרט.

ווען די פענצטער הייבן אָן צו טאָגן,
ווערן טיר און טויער אויפגעמאַכט
און דער וועכטער איילט זיך אָפּצוזאָגן
אַ גוט־מאָרגן ווי אַ גוטע־נאַכט.

טרעפּ

איך שטיי אויף דער הייך פונעם זעקסטן שטאָק
מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ,
איך קוק און איך קוק אויף די טרעפּ און איך זאָג :
די טרעפּ לויפן אַראָפּ.

מיין פריינד ביי דער שוועל פונעם ערשטן שטאָק
הייבט דעם קאָפּ זיינעם אויף,
ער קוקט און ער קוקט אויף די טרעפּ און ער זאָגט :
די טרעפּ לויפן אַרויף.

און צווישן אונדזערע קעפּ
שווייגן די טרעפּ.

מיר ווילט זיך

מיר ווילט זיך אַ טרייסל טון מיט דער קרוין
פונעם פלוימענבוים,
אַז אַראָפּ פון אים זאָלן ניט נאָר קיין פלוימען,
נאָר אויך דער טרוים
פון מיינע טרוימען,
וואָס כ'האָב אים נעכטן אויפן בוים געלאָזט
פאַרן שלאָפן גיין,
ווי מע לאָזט אַ רעקל אויפן גראָז,
אַ ביכל אויף אַ שטיין
און מע טרעפט פאַר טאָג זיי ליגן דאָרט
פינקטלעך אויפן זעלבן אָרט.

כ'האָב נעכטן בעתן זונפאַרגיין
די שקיעה שטאַרק צעבלאָזן
און איצטער, ביים אַהערצוגיין,
איך האָב זי דאָ געטראָפן שטיין
אַקעגן פונקט אינעם זונאויפגיין
און רויט ווי כ'האָב זי דאָרט אַליין
געלאָזן.

איך קוק צום הימל ווי דורך אַ שויב,
ווי דורך אַ גרינעם שלייער,
די ווייטקייט, וואָס מע זעט זי קוים,
איז אָפּגעשיט מיט פייער.
די פלאַמען שלינגען איין די פלוימען
און ס'גליט דער סאַמע הייסטער טרוים
פון אַלע מיינע טרוימען.

מיין יונגער, מיין אַלטער, לאַנגאָניקער טרוים

מיין יונגער, מיין אַלטער, לאַנגאָניקער טרוים
צעהענגט אויף די צווייגן פון נאַקעטן בוים
פילפאַרביקע בלעטער,
וואָס וועלן ערשט אויסוואַקסן שפּעטער —

רייס מיר ניט איבער דאָס טרוימען.

מיין יונגער, מיין אַלטער, מיין שטענדיקער טרוים
צעהאָנגען האָט וואָלקנדלעך טונקעלע אין רוים —
אַ סטאַדע פון שאָף, וואָס איז נאָך ניט געשוירן,
די שאָף וועלן סוף־כל־סוף ווערן געבוירן —
רייס מיר ניט איבער דאָס טרוימען.

מיין יונגער, מיין אַלטער, טאָג־טעגלעכער טרוים,
ער האַלט זיך שוין היינט אויף די אויגן מיר קוים,
איך ציטער אים ניט צו פאַרלירן,
נאָך איידער איך זע די קאַלירן
פון בלעטער אויף בוים און פון שאָף אין די רוימען —
רייס מיר ניט איבער דאָס טרוימען.

אין מיין פענצטער

אין מיין פענצטער זע איך ווי אין שפּיגל —
ס'פאַכט דער ווינט מיט צווייגן ווי מיט פליגל.

וואָלקנס יאָגן אָן פון אַלע זייטן,
טראָפּנס, טראָפּנס אויף די שויבן רייטן.

און איך ווייס ניט פריער ווו צו קוקן —
אויף די צווייגן, וואָס זענען נאָך טרוקן,

צי גאָר אויפן טייך, וואָס ליגט אַקעגן
און ער פילט קיין טעם ניט אינעם רעגן.

די זון פאַרגייט

די זון פאַרגייט און בלוטיקט פאַרן שטאַרבן,
סע רינען אויס די איבעריקע פאַרבן,
דאָס איבעריקע ליכט, וואָס שניידט די אויגן.
די זון פאַרגייט. איר ליכט ווערט אָפּגעוויגן,

די שטראַלן אירע שאַרף אַרומגעשוירן
און אינעם ליכט אַלץ שוואַכערן פאַרלוירן
און נאָר דער וואָלקן שיינט אין סאַמע אָוונט
און טראָגט אונדז צו די פלאַמען זיינע נאָענט.

דער וואָלקן שטראַלט, ער טרויִמט אַ זון צו ווערן,
עס שטאַרבט די זון און לאַכט מיט גרויסע טרערן,
עס שטאַרבט די זון און לאַכט נאָך פאַרן שטאַרבן,
איר ליכט צעשאָטנט זיך אין הונדערט ניינצן פאַרבן,
וואָס רינען אויס און רעגענען אויף טייכן,
דער וואָלקן פרוווט זיך מיט דער זון פאַרגלייכן
און שפּיגלט אָפּ זיך אין די ציטער־כוואַליעס,
דער אָוונט לעשט זיך אויס און דאָס איז אַלעס,
אַלעס.

ברייטע וועגן און שמאָלע שטעגן

ברייטע וועגן און שמאָלע שטעגן
זענען מקבל אויף זיך דעם רעגן,
ליגן און טוען זיך ניט באַוועגן,
ווען סע פּלייצט אויף זיי דער רעגן.

שטאָטישע דעכער און באַרגיקע שטיינער,
קיינער זאָגט ניט אָפּ זיך, קיינער,
נישט די דעכער און ניט די שטיינער
פונעם רעגן, וואָס מאַכט זיי ריינער.

ניט די טאָלן, וואָס ווערן גרינער,
ניט די בערג, וואָס ווערן דינער,
ניט דער דניעפּער, דער אוקראַינער,
ניט דער דניעסטער, דער כאָטינער.

מעג עס זיין אַ שלאַקס, אַ מבול,
זענען די וועגן אויף זיך מקבל,
זענען די וועגן גרייט צו טראָגן,
סיי דעם פלייץ און סיי דעם האָגל.

דער אַלטער ברונעם

דער אַלטער ברונעם רעדט צום יונגן בוים:
"אין מיינע טיפן כ'האָב דיך אויסגעטרוימט.

ביסט אויפגעגאַנגען מיט דיין גרינעם קאָפּ,
בשעת איך האָב געגראָבן זיך אַראָפּ.

דיין וווּקס איז הויך, דיין פּרוכט איז רונד און רייף
און איך בין ווי אַ שפּיגל אויסגעשלייפט.

און גאָרניט פעלט צו אונדזער בילד אין פעלד,
דער מענטש, וואָס האָט אונדז דאָ אַוועקגעשטעלט,
האָט אויגן, זאָל ער קוקן אויף זיין וועלט".

איך גיי אַרויס פאַר טאָג

איך גיי אַרויס פאַר טאָג אין הויף
און זאַמל ליכט צונויף אין אויג,
איך שאַר די שטילקייטן צונויף
און לייג צונויף זיי אין אַ סטויג.

און אויפן סטויג ווי אויף אַ וואָג
איך וויג זיך און איך קוק צום פעלד,
וואָס ווערט אין מיטן זומערטאָג
פון פולן אויג מיינעם באַהעלט.

אין אַלע טייכן

אין אַלע טייכן ליגט דאָס זונענגאָלד צעגאָסן,
אויף אַלע וועגן ליגט דער זונענשטויב צעשיט,
צו יעדן מיידל קומט אַ שיינער חתן,
אין יעדן וויגל שלאָפט אַ וויגנליד.

אָוונטבילדער

כ׳זיץ אין אָוונט אַ צעשטרייטער,
סע שאַריעט שוין אויף נאַכט,
ס׳ברענט די שקיעה ווי אַ שייטער
ווייטער דאָרט, ניט דאָ געדאַכט.

ס׳ברענט דער וואַלד אין יענעם ווינקל,
וווּ פאַר טאָג געווען איז קיל,
ס׳איז געווען אין יענעם לינקן
ווינקל שאָטנדיק און קיל.

כ׳האָב שפּאַצירט אין יענער געגנט
און צום וואַלד זיך צוגעהערט
און איך האָב דעם טאָג באַגעגנט,
קוקנדיק פון דאָרט אַהער.

און געזען כ׳האָב דעמלט ברענען
אַלע כוואַליעס פונעם טייך,
ס׳איז אַ פערד אַרויס פון גיהנום
אויסגעבאָדן לייכט און פייכט.

איצטער קוק איך שוין פון דאַנען,
כ׳האָב געמאַכט אַ שטיקל בייט
מיט דער זון. כ׳בין פריער געשטאַנען
דאָרט, וווּ זי, אויף יענער זייט.

איבערגאַנג

די ווינטער־גרויקייט האָט זיך אויפגעהויבן
און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פרילינג־רעגן
און ס׳האָט דער נייער טאָג מיט גרינעם גלויבן
געלאָזט זיך אויף די אָפּגעפרישטע וועגן.

אין וואַסערפלייץ זיך האָבן איינגעשניטן
די דינע רעדער פונעם הויכן וואָגן
און אויף די שפּורן פון פאַרפעלצטן שליטן
געלאָזט זיך גלאַנצנדיק און נאַקעט יאָגן.

געלעכטערס יונגע האָבן זיך צעגלעקלט
און זיך צעכוואַליעט און פאַרפלייצט דעם דרויסן.
די לעצטע קריעס האָבן זיך צעברעקלט
אויף קליינע פישלעך אינעם טייך דעם גרויסן.

די ייִנגסטעביימלעך האָבן אויפגעוועקט זיך
צו זייגן זונענשיין און וויין פון רעגן,
די ברייטע וועגן האָבן גרין פאַרדעקט זיך
און פריי געלאָזט צווישן זיך די שטעגן.

איז לאָמיר גיין, דעם רוקזאַק אויפן רוקן,
די שטיוול אין די הענט, פאַרלירנדיק דאָס היטל,
נישטאָ קיין צייט אין וועג צוריק צו קוקן,
דער פרילינג יאָגט, די זון איז שוין אין מיטן.

דרייען זיך שאָטנס אַרום

דרייען זיך שאָטנס אַרום
ביז צו דעם זונפאַרגאַנג,
פאַלן די שטראַלן קרום,
ווערן די שאָטנס לאַנג.

כ׳זעץ זיך אַרויף אויף אַ פערד,
ציט אונדזער שאָטן זיך אויס
איבער אַ האַלבער ערד,
האַלט איך זיך שטאָלץ און גרויס.

שטיל לאָזט די זון זיך אַראָפּ,
טיף אינעם טייך ביזן דנאָ,
זוך איך מיין שאָטן־קאָפּ,
זענען קיין שאָטנס ניטאָ.

קוק איך אַראָפּ אויפן פערד,
קוק איך אויף זיך אַליין,
בין איך אַ דרויבל אויף דר׳ערד,
שטיי איך פאַרלוירן און קליין.

פאַר טאָג

פאַר טאָג.
איך אָטעם די טונקעלע לופט אַריין
און אָטעם זי אַרויס מיט שיין
און וואַרט, וואָס ווייטער וועט זיין.

דער טאָג איז אַ סטויג.
אַ פייערפלעמל איז מיין אויג,
וואָס צינדט
דעם סטויג אויפן ווינט.

אַ סטויג האָט געגעכטיקט אויפן פעלד,
זיך אָנגעצונדן און פאַרכאַפּט די וועלט.

##ביימער

די וואָרצלען ווי פיס אין שניי פאַרגראָבן,
דער שטאַם און די קרוין אַרויסגעשטעקט,
אויף טונקעלע ביימער נעסטן זיך ראָבן,
וואָס וואַרפן אַן אויף דער וועלט אַ שרעק.

געוויינלעך ציטערן ביימער אין בליען
און וואַקסן פאַר מורא גרויסע אויס,
די ראָבן מערן זיך אין פליען,
פאַרפליען ווייט פונעם מאַרק אַרויס.

און ווינטער, ווען אַלע ביימער שטייען
אָן חשק צו בליען און אָן שרעק,
פאַרדעקן זיי זיך מיט ווייסע שנייען,
מיט ווייכער ווייסער ווינטערדעק.

ערשט דעמלט צעקראַקען זיך די ראָבן
און וועקן ביי ביימער דאָס שרעקגעפיל,
נאָר ביימער שטייען אין שרעק פאַרגראָבן
און ענטפערן ניט און שוויגן שטיל.

דאָס קלייניניקע ווינטל

דאָס קלייניניקע ווינטל אַריין איז אין צאָרן
אַזוי ווי די מעכטיקע ווינטן אין מידבר,
דער הימל דער הויכער איז שטויביק געוואָרן
און האָט מיטן שטויב אויף די פעלדער גענידערט.

דיביימער די שטאַרקע, וואָס וואַקסן פּאַוואָליע,
זיי האָבן צעוויגט זיך אין רונדיקן רוישן,
די ברייטע אַקאַציעס, די שמאָלע טאָפּאָלן
אַזוי ווי עס וואָלט ניט געקלעקט זיי דער דרויסן.

די וואָרצלען פאַרהאַלטן די שטאַמען, די קרוינען,
זיי זענען אין ראַם פון מיין פענצטער פאַרבליבן,
עס האָבן לסוף זיך באַרויקט די רוימען,
די רוימען די בלויע מיט צווייגן באַשריבן.

די וואָלקנס ברענען אויס

די וואָלקנס ברענען אויס,
סע שיט זיך אָוונטאַש,
פאַרדעקנדיק דעם רויש,
פאַרלעשנדיק דעם רעש.

דער טומל דרימלט איין,
די טונקל דעקט אים צו,
צעפינקלט זיך אַ שיין
פון ווייטן ערגעץ ווו.

די שיין איז קליין און שוואַך
און לעשט זיך אויכעט אויס,
אַ גרויסער שוואַרצער דאַך
פאַרדעקט דעם דאַך פון הויז.

ניט דאָס רוישן

ניט דאָס רוישן איז די שפּראַך פוןביימער,
ניט די שטילקייט איז די שפּראַך פון שטיינער,
אָפט מאָל רירט קיין בוים ניט מיט קיין צווייגל,
הייסט עס דען, אַז ביימער שווייגן ?
אָפט מאָל פאַלט אַראָפּ אַ שטיין אַ שטומער
פון אַ באַרג מיט שטיינער מיט אַ דונער,
הייסט עס דען, אַז שטיינער אונדז פאַרטויבן
ווי דער דונער פון די וואָלקנס אויבן ?
ביימער רעדן נאָר דורך זייער בליען,
שטיינער דורכן אייביקן און האַרטן קיום
און מע דאַרף פאַרשטיין די ביימער,
און מע דאַרף פאַרשטיין די שטיינער.

מיטן־זומער

מיטן־זומער, אַלע שוואַלבן
זענען פאַר דער צייט
אָפּגעפלויגן מיט אַ האַלבן
זומער אין דער ווייט.

מיטן־זומער. אַלע וועגן
שימלען אויפן פעלד,
ניט קיין זון און ניט קיין רעגן —
ווינט און ויסטע קעלט.

מיטן־זומער, מיטן־זומער
און דער זומער איז צו ענד
און אַ קרומער בוים אַ פרומער
ברעכט אין ווינט די הענט.

נאַכט

דיביימער טרעטן אין טונקלעניש אָפּ,
די שטיינער וואַרפן אין טייך זיך אַראָפּ,
דער ווייסער וועג צווישן טייך און וואַלד
ווערט קירצער, קירצער און ענדיקט זיך באַלד.

עס איז צו שפּעט צוריק צו גיין
און איך בין ווייט פון דער היים און אַליין,
פאַר מיר און הינטער מיר איז נאַכט,
דער וועג איז פון ביידע זייטן פאַרמאַכט.

ס׳ווערט מיר הייס און ס׳ווערט מיר קאַלט,
דער וועג צווישן טייך און וואַלד איז אַלט,
נאָר עלטער פון אים איז אויף טויזנטער יאָר
מיין עלטער־זיידע באַוואַקסן מיט האָר.

איך ציטער און שרעק זיך אַזוי ווי אַ שאָף,
מיין זיידע וועקט זיך אין מיר ווי אין שלאָף,
מיין זיידע, דער וואָלף, מיין זיידע דער בער —
״ווי קומסטו, אייניקל מיינס, אַהער ?״

— איך קום פון אַ הויז, איך גיי פון דער שטאָט,
עס האָט מיך אַ צי געטון צו גאָט,
וואָס וווינט אין אַ הימל איבער אַ וואַלד,
די וואָלקנס צייכענען זיין געשטאַלט.

מיין זיידע צעלאַכט זיך אין מיר אויף אַ קול
און ס׳קלינגט דער עכאָ אָפּ מיט אַ מאָל
און פלאַקערט ווי אַ דונער אין רוים,
ביז וואַנען ער לעשט זיך, קלינגענדיק קוים

און איך שטיי ווייטער אין וועג אַליין
און ווייס ניט וווהין צוריק צו גיין
פון זיידן, פון גאָט און פונעם וואַלד
און ס׳ווערט מיר הייס און ס׳ווערט מיר קאַלט.

די שקיעה שמעקט

די שקיעה שמעקט מיט געבראָטנס,
דאָס פעלד ליגט פאַרחלשט, פאַרשמאַכט,
צען טויזנט פיר הונדערט שאָטנס
גיסן צונויף זיך,
נאַכט.

אויף יענער זייט פעלד ליגט דער שונא,
ווער ווייסט, צי ער שלאָפט, צי ער וואַכט,
די וואָלקנס — געבראָטענע, ברוינע —
צערייצן די לופט פון דער נאַכט.

די וואָלקנס פאַרברוינטע, פאַרקוילטע,
זיי הילן אין טונקל זיך איין,
אַ סקירדע מיט שטרויען צעפוילטע
גלאַנצט אין לבנה־שיין.

און איבער דער סקירדע מיט שטרויען
די וואָלקנס, קויטיק ווי זאַלץ,
זיי טריפן ווי קויטיקע טויען,
מיט טראָפּנס לבנה־שמאַלץ.

אויף ווייטע וועגן

אויף ווייטע וועגן שטייט אַ בוים,
וואָס קלאַפּט אין רוים אָן מיט זיין קרוין
ווי אין אַ שויב, אַ בלויער שויב
און וואָלקנס צווייַ — אַ קראָ, אַ טויב
מיט פליגל, פליענדיק צעשפּרייט,
זיי קרייזן קונציק זאַלבע צווייט
אַרום די צווייגן ווי דער ווינט,
וואָס יאָגט מיט שאָטנס אָן געשווינד
און ברענגט פון רעגן אַ גערוך
און ווי אונטער אַ טונקלעם טוך
איז יעדער דאַך און יעדער בוים,

וואָס קלאַפּט אין רוים אָן מיט זיין קרוין
ווי אין אַ שויב, אַ טונקעלער שויב.
די קראָ צעקריגט זיך מיט דער טויב,
און זיגט די קראָ, ווערט בלינד די וועלט
און ס'בלאָנדזשען שטעט אַרום אין פעלד,
און זיגט די טויב, ווערט ליכטיק באַלד,
אַ בליץ שניידט דורך אַ שוואַרצן וואַלד
און עמעץ קוקט פון דאָרט אַרויס
ווי דורך אַ פענצטער פון אַ הויז,
און נאָך אַ הייסן שאַרפן בליץ —
אַ קילער, דינער, שאַרפער שפּריץ,
און ליכטיק, ליכטיקער אַלץ ווערט,
און גרין און שמעקנדיק די ערד,
און אויגן ווערן גרויס און בלוי
און אָנגעגאָסענע מיט טוי,
וואָס שפּיגלען איין דעם ווייטן רוים.

אויף ווייטע וועגן שטייט אַ בוים.

אויפן פּאָן פון בלויען רוים

אויפן פּאָן פון בלויען רוים
שטייט אַ הויכער גרינער בוים,
רירט זיך אָן זיין גרינע קרוין
מיטן זוים פון בלויען רוים.

פלוצעם שווימען וואָלקנס אָן,
בייט די פאַרב זיך פונעם פּאָן,
ווייסט דער בוים ניט, וואָס צו טאָן,
הייבט דער בוים צו רוישן אָן.

טונקעלער, טונקעלער רוישט דער בוים,
רירט זיך אָן זיין טונקעלער זוים
מיטן זוים פון טונקלען בוים,
קאָן מען זיי צעטיילן קוים.

צינד אָן

צינד אָן דעם פֿאַרביקן לאַמטערן
און בייט די שייבלעך רויט און גרין,
און שיין אַרויף צו בלאַסע שטערן,
די שיין וועט גרייכן ביז אַהין.

צו יענע בלאַסע, קליינע שטערן,
וואָס פֿינטלען קוים מיט שטערנשיין
און שפּילן זיך אין זיין, ניט ווערן
און קערן זיך צוריק צום זיין.

קאָן זיין אין זעקס צי זיבן רגעס
פֿון גרין ביז רויט, פֿון רויט ביז גרין,
שווימט צו אַ וועלט צו אירע ברעגעס
און פֿולט זיך אָן מיט זיין, מיט זין.

אין מיינע אויגן

אין מיינע אויגן לעשן זיך בילדער
ווי רווישיקע שקיעות נאָך זונפֿאַרגאַנג
און אָרעמער ווערט די וועלט, וואָס איך שילדער
און אָרעמער ווערט מיין געזאַנג.

איך לאָז אויפֿן שטול זיך אַראָפּ אַ מידער
און שלעפּעריק שליסן די אויגן זיך צו,
די ליפּן מורמלען: ווייניקער לידער
און מערער, מערער רו.

גאָלדענע אויגן

כ'האָב פאַרשפעטיקט צו מיין חלום

כ'האָב פאַרשפעטיקט צו מיין חלום, כ'האָב געלייגט זיך נעכטן שפעט
און געזען די צווייטע סעריע, כ'האָב געזען די צווייטע העלפט,
כ'האָב געזען דאָרט אַ לוויה, האָב איך ניט פאַרשטאַנען אַלץ,
האָב איך זיך צו דיר געווענדעט, האָסטו צוגעשאָטן זאַלץ.

כ'האָב געווענדט זיך, כ'האָב געבעטן, זאָלסט מיר פותר חלום זיין,
צו דער טונקעלער לוויה צוגעבן אַ ביסל שיין,
ניט געוווּסט, אַז ביי מיין חלום, בין געווען איך איינער בלויז,
אַז די וועלט מיט דיר אין איינעם זענען פונעם זאַל אַרויס.

אַז געווענדט כ'האָב זיך צו איינעם, וואָס איז דאָרטן ניט געווען,
די לוויה, וואָס געזען כ'האָב, האָסט אין גאַנצן ניט געזען,
נאָר אַ מענטש ביסטו אַ קלוגער, דו פאַרשטייסט און ווייסט דאָך אַלץ,
האָסטו דאָך ניט אָפּגעזאָגט מיר און מיר צוגעשאָטן זאַלץ.

די נאַכט

די נאַכט איז אַ טונקעלער טרעגער
פון וואָלקנס, וואָס הענגען אַראָפּ.
די נאַכט איז אַ נאַקעטער נעגער
מיט גאָלדענע אויגן אין קאָפּ.

די נאַכט האָט אַ גאָלדענעם זייגער
ביים בייכיקן וואָלקן אין טאַש.
די נאַכט האָט איר אייגענעם שטייגער —
אַ טישל, אַ גלאָז מיט אַ פלאַש.

די נאַכט האָט דעם טאָג מיט די ביינער
פאַרשלונגען, פאַרשרפעט אויף קויל,
די נאַכט — זי האָט קלאָר־ווייסע ציינער
און האַלט זיי פאַרמאַכט אין מויל.

די נאַכט איז אַן אוראַלטער יעגער,
וואָס קומט פונעם וואַלד אין די שטעט
און ברענגט צו דיין ווייסן געלעגער
דעם ריח פון בלוט, צו דיין בעט.

דאָס בלוט פון געשאָסענע בערן,
וואָס כאָרכלען און גוססן אויס,
דאָס בלוט איז אַ שייטער פון שטערן,
וואָס ברענט פון די בערן אַרויס.

די נאַכט איז אַ שוואַרצע מאַמע
פון ווייסע קינדערלעך פיל,
די נאַכט איז אַ מעשה מיט גראַמען,
אַ ליד מיט געשמאַק און געפיל.

די נאַכט איז אַ פריצה אַ ווייסע,
אַ בלאַסע אויף אַ שוואַרצן פּאָן,
אַן איידעלער סוף פון אַ מעשה,
וואָס הייבט זיך פון גראָבקייטן אָן.

די נאַכט טראָגט אַ הוט מיט אַ פעדער,
די פעדער איז שווער ווי אַ שווערד.
די נאַכט פאָרט אויף דייטשישע רעדער
געשפּאַנטע צו מיצרישע פערד.

די נאַכט שפּאַנט מיט זיידענע זוילן
אַריבער פון לאַנד צו לאַנד
און לויערט אויף די יידן פון פוילן —
דאָס אַש פונעם היטלערשן בראַנד.

די נאַכט פליט אויף פינצטערע פליגל
און לאָזט זיך אַראָפּ אין טונעל,
די נאַכט שלאָפט אויף קויטיקע שטיגן
אַראָפּ מיטן קאָפּ צו דער שוועל.

די נאַכט איז אַ קאַץ אויף אַ בוידעם,
די נאַכט איז דער גייסט פון אַ שד,
די נאַכט איז אַ וויכער פון שדים,
וואָס דרייט זיך פון אָוונט ביז שפּעט.

די נאַכט איז אַ קו, איז אַ מאַמע,
וואָס זייגט אַן איר קעלבל מיט שלאָף,
ביז ס'הייבט אָן צווישן הערנער צו פלאַמען,
די נאַכט האָט אַ ליכטיקן סוף.

("נייע פּרעסע", פּאַריז 1962)

איך טאַפּ מיט די אויגן

איך טאַפּ מיט די אויגן די ווייטקייטן אָן
און צינד אָן צוויי ליכט אויף אַ באַרג אויבן אָן
און בינד דאָרט צונויף אַ קאַץ מיט אַ האָן.

אַ קאַץ מיט אַ האָן אויבן אָן אויפן באַרג,
די ליכט אין דער שקיעה צעברענען זיך שטאַרק,
אין שיין פון דער שקיעה צערישט זיך אַ מאַרק.

אין שיין פון דער שקיעה אַ מאַרק ? אַ געררויש ?
ביים סוף פונעם טאָג, וואָס ווערט דאָרט געטוישט,
וואָס ווערט דאָרט געביטן פון קויש צו קויש ?

אַ קאַץ אויף אַ האָן און אַ האָן אויף אַ קאַץ.
אַ טאַץ אויף אַ פּלייט און אַ פּלייט אויף אַ טאַץ
און זיבעצן סטויגן אויף איין פּאַלאַץ.

די קונים, זיי לאָדן די וועגענער אָן
דעם פּאַלאַץ, די טאַץ, די קאַץ און דעם האָן,
די סטויגן פאַרבלייבן און צינדן זיך אָן.

זיי ברענען באַלד אויס און די ווייטקייט פאַרשווינדט,
די פינצטערניש מאַכט די אויגן מיר בלינד,
איך זע שוין קיין באַרג און קיין מאַרק ניט אַצינד.

גלוסט זיך ביי נאַכט מיר

גלוסט זיך ביי נאַכט מיר גאַסמוזיק הערן,
וויגט זיך מיין שאָטן צום טאַקט פון לאַמטערן,
וויג איך זיך אויכעט, מאַך איך גרימאַסן,
זשעסטן מיט הענט און מיט פיס און מיט אַקסל.
כ׳שפּרינג אין דער לופטן ווי כ׳וואָלט זיך צעוואַקסן
איבער די שטאָקן די העכסטע און דעכער,
איבער די דעכער און העכער און העכער,
וואַקסט אויס מיין שאָטן און איך מיט אים אויכעט,
די נאַכט איז אַ לעמל און איך בין אַ שוחט,
אַ שוחט, וואָס קוילעט אַ לעמל, אַ קעלבל,
וויגט זיך אַ שילד אויף אַ קאַלבאַס־געוועלבל,
וויגט זיך אַ שילד גאָר און איך אין דער מיטן,
כ׳פּיל ווי אַ חלף וואָלט מיך עס צעשניטן,
צעשניטן אויף שטיקלעך אויף דינע און לאַנגע,
זיי וויגן אין ווינט זיך, באַקומען זיך קלאַנגען,
קלאַנגען פון גאַסמוזיק, בלעכערנע שילדלעך,
שפּריצט פון די שיכורע אויגן מיט בילדלעך
מאָדנע, וואָס הענגען זיך אויף אויף די דראָטן,
שטעל איך זיך אָפּ און באַרויק מיין שאָטן
און ניכטער זיך אויס פון די גאַס־משוגעתן
און גיי זיך אַ רויקער איבער די גאַסן.

טשערנאָוויץ 1935

אַ שניי אין אַפּריל

אַ וויסטער, אַ פינצטערער שניי אין אַפּריל,
דער וואַלד שטייט פאַרגליווערט און מוראדיק שטיל.

אַ שניי אין אַפּריל, אַז ווי צו דעם שניי,
איך טו אויס די קוטשמע, דעם פּעלץ און איך גיי.

איז וואָס, אַז ס׳איז קיל און ס׳איז שטיל, אַז איך פּיל
דעם שטורעם פון שיין ווי דעם רויש פון אַ מיל.

אַ וויסטער, אַ פינצטערער שניי אין אַפּריל.

אַ רגע חלום

מיר האָט זיך געחלומט אַ רגע און גאָר,
אַ רגע פון שפּעטער מיט טויזנטער יאָר
און קלאָר איז דער חלום ווי אויף דער וואָר,
מיר האָט זיך געחלומט אַ רגע און גאָר.

די מענטשן, זיי זענען שוין אַלע אַלט,
די ערד איז אין גאַנצן אין האַרטן אַספּאַלט,
עס בליט ניט קיין בלימל, עס וואַקסט ניט קיין קינד,
עס הייבט ניט קיין שטויבל צום הימל דער ווינט.

ווי עמעצער וואָלט אויסגעשיט

ווי עמעצער וואָלט אויסגעשיט אַ פּעקל טיי,
די הייסע לופט ציט אָן און ווערט אַלץ ברוינער,
איך שטעק אַרויס מיין גרויען קאָפּ פון דער אַליי
פון טונקעלע און ברוין־געוואָרענע ביימער.

די שטיינער אָטעמען אין שטאָט. איך טרעט אויף זיי
און כ׳הער זיך צו און כ׳הער ניט אויף צו טרעטן,
אַקאַציע־ביימער שיטן צוקער אין דער טיי
און אסור, אויב איך ווייס, אויף וואָס איך דאַרף נאָך בעטן.

וויפל דאַרף מען האָבן?

וויפל דאַרף מען האָבן סחורה אויף אַ היטל?
וויפל דאַרף מען האָבן שינדל אויף אַ דאַך?
כ׳האָב אַ מאָל אַ שטערן־נאַכט באַשריבן,
דעכער, היטלען, דאָס איז ניט מיין פאַך.

וויפל דאַרף מען האָבן פלעקלעך צו די שטיוול?
וויפל דאַרף מען האָבן צוויעקעס צו דער טיר?
כ׳האָב אַ מאָל אַ שטערן־נאַכט באַשריבן,
צוויעקעס, פלעקלעך, דאָס איז ניט פאַר מיר.

גיי איך אָן אַ היטל אום אין רעגן,
די פּאָדעשוועס פּאַלן מיר אַראָפּ
און איך טרעף קיין טיר ניט אויף די וועגן
און איך האָב קיין דאַך ניט אויף מיין קאָפּ.

זונליד

כאַפּט זיך אויף די זון דערשראָקן,
ניט פּאַרשפּעטיקט זי צו טאָגן?
מיט צעלאָזטע שטראַלן־לאָקן
באַרג־אַרויף גענומען יאָגן.

אויפגעהויבן זיך פון אונטן,
הענט און פיס און לייב פּאַרגעסן
ערגעץ דאָרטן אויף די גרונטן,
וווּ געשלאָפן און געגעסן.

הוילער קאָפּ, אָן האַלדז און נאַקן,
אויף דער ערד זיך אויפגעהויבן
מיט צוויי פלאַמענדיקע באַקן,
מיט צוויי ברענענדיקע אויגן.

אָנגעקומען ווי דער שטייגער
צו דער צייט, צו דער סעקונדע,
אויפגעגאַנגען לויטן זייגער
אויף דער ערד, וואָס איז אַ רונדע.

מיט איר גרויסער שיין דער העלער,
מיט איר אייגענער געקומען,
ווי אַ פייערדיקער טעלער
אין דער שיין אַרומגעשווומען.

פון דער ערד זיך אויפגעהויבן
און געלאָזט זיך צו די הימלען,
אָנגעקלאַפּט אין אַלע שויבן
ווי מיט פייערדיקע צימבלען.

איז געוואָרן טאָג אין שטעטל,
איז אין דערפל טאָג געוואָרן,
ס'איז דער זונוועג אויסגעטרעטן
אויפן הימל שוין פון יאָרן.

אויסגעפאָרן פון פאַרצייטן,
ווען די ערד געווען נאָך ליידיק.
איצטער שיינען שטעט פון ווייטן
אויף דער זון וואָס איז פון אייביק.

קלינגען זייגערס אויף די טורעמס,
טוט די זון די זייגערס פאָלגן.
ס'שטעלן זי ניט אָפּ קיין שטורעמס
אויף איר וועג און ניט קיין וואָלקנס.

כ'האָב געפּרוּווט

כ'האָב געפּרוּווט דאָס פעלד פאַרפּאַקן
און דעם וואַלד אין שטאָט צו ברענגען,
נאָר דערזען — דאָס פעלד איז נאַקעט
און אַ דאַך אויף ביימער הענגען.

האָב איך צו די ווייטע פעלדער
אָפּגעלאָזט דאָס פעלד אַהיימגיין,
האָב איך צו דיווילדע וועלדער
היימגעלאָזט דעם וואַלד מיט ביימער.

און געבליבן ביי די שטיינער,
ביי די טירן, ווענט און שויבן
און ניט נאָכגעגאַן די ביימער,
ס'האָט צום וואַלד מיך ניט געצויגן.

מיין באָרד

כ׳האָב אויפגעשטעלט פיר ווענט, אַ דאַך,
אַריינגעשטעלט אַ טיש, אַ שפּיגל,
איך בעט דאָס בעט אויס אויף ביינאַכט
און לאָז אַראָפּ די פליגל.

די אויגן פאַלן צו אַליין,
דער קאָפּ ווערט אויך אַנטשוויגן
און ס׳קומען שרעטעלעך צו גיין,
וואָס כ׳האָב ביי טאָג פאַרטריבן.

זיי טוען אָפּ מיט מיר אַצינד,
זיי טוען, וואָס זיי ווילן,
זיי מאַכן פון מיין באָרד אַ קינד,
וואָס מוז מיט זיי זיך שפּילן.

זכרונות ווערן מער און מער

זכרונות ווערן מער און מער,
כ׳דערמאָן זיך אַלץ, וואָס כ׳האָב פאַרגעסן
און אויך די מעשה מיטן בער,
וואָס האָסט דערציילט מיר בעתן עסן.

עס איז אַ מאָל אַ בער געווען,
איצט טו איך נאָך אים בענקען,
איך האָב דעם בער דאָך ניט געזען,
ווי קאָן איך אים געדענקען?

און ווען איז עס געווען, ווען?
דער בער האָט מיך דערשראָקן,
אַ מאָל בין איך אַ קינד געווען
און היינט בין איך אַ זקן.

זכרונות ווערן מער און מער,
כ׳דערמאָן זיך אַלץ, וואָס כ׳האָב פאַרגעסן
און אויך די מעשה מיטן בער,
וואָס האָסט דערציילט מיר בעתן עסן.

האַרבסטיק

אָ, האַרבסטיקע, גאָלדענע זון,
די לעצטע בלומען בליען,
די פייגל וואָס פליען אַרום,
זיך גלוסט ניט אַפּצופליען.

דער הימל איז לויטער און בלאָ
און פריש ווי אָקערשט געבוירן,
דער האַרבסט האָט זיין טונקל־גראָ
אין וועג ערגעץ ווו פאַרלוירן.

פאַראַן אָבער ערלעכע לייט,
וואָס דאַרפן קיין פרעמדס ניט האָבן,
זיי ברענגען די גראָקייט פון ווייט
און גיבן זי אָפּ דעם בעל־שאָדן.

די פייגל פליען אַוועק,
די ערד שווימט אַריין אין אַ רעגן,
אַן איינציקער בלאָטיקער וועג
פאַרכאַפּט אַלע וועגן און שטעגן.

אַן איינציקער בלאָטיקער פלעק
אויף אַלע בערג און טאָלן,
די פייגל פליען אַוועק
און מיר דאַרפן בלייבן און צאָלן.

אין אַ רעגננאַכט

אַ נאַכט פון דונערן, פון בליצן און פון רעגן
און אין דער נאַכט אַ פענצטער אויף אַ גאָרן,
דאָס פענצטער שיינט דער פינצטערניש אַקעגן,
אין פענצטער שטייט אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן.

די פרוי אין גרויען אָנגעטאָן, די אויגן אויפגעהויבן,
באַוועגט די ליפּן קוים, שעפּטשענדיק אַ תפילה.
דער רעגן גייט, אַ בליץ שניידט דורך די שויבן,
די פרוי זי טוט קיין פינטל ניט אפילו.

איך שטעל זיך אָפּ און לאָז דעם רעגן רוישן
און שמייסן אין געזיכט מיר, קלאַפּן מיר אין רוקן,
איך שטיי ווי אַ באַלאַדענער מיט זיבן פולע קוישן
און ווער ניט מיד אַרויף צום פענצטער קוקן.

דאָס מעסער

כ׳האָב דאָס מעסער ערשט געהאַלטן,
ברויט געשניטן כ׳האָב דערמיט,
ס׳האָט דאָס מעסער זיך באַהאַלטן,
ווו באַהאַלטן, ווייס איך ניט.

כ׳האָב אַ בוך אַ נייס באַקומען,
וויל איך אויפשניידן דאָס בוך,
איז דאָס מעסער מיר פאַרשוווּנדן
און איך מאַטער זיך און זוך.

כ׳האָב עס שוין געזוכט אין שרענקל
פון די גלעזער, וואָס אין קיך,
אויפן טיש, אויף יעדער בענקל,
כ׳זוך עס צווישן בערשטלעך, שיך.

כ׳האָב געזוכט אין יעדן קעסטל
און אפילו אויך אין בעט,
אויך אַוועקגערוקט דעם פעסטן
אַלטן דעמבענעם בופעט.

פּלוצעם, זע: אין סאַמע מיטן
פון מיש־מאַש, וואָס כ׳האָב געמאַכט,
נעבן ברויט, וואָס ליגט צעשניטן,
ליגט דאָס מעסער און סע לאַכט.

דאָס שליסעלע

איך האָב געפונען אַ שליסעלע
און קאָן נישט געפינען דעם שלאָס.
איך לייג זיך צו אַ ביסעלע
צו פאַרשלאָפן דעם פאַרדראָס.

איך לייג זיך צו אַ ביסעלע
און חלום, איך גיי אויפן וועג
און איך פאַרליר דאָס שליסעלע
און כאַפּ זיך אויף מיט שרעק.

דו, נאַר, וואָס טויג דאָס שליסעלע,
אַז ס'איז ניטאָ קיין שלאָס.
איך וויין זיך אויס אַ ביסעלע
און ווייס אַליין ניט פאַרוואָס.

מיר זענען אַלע פון דער שטוב אַרויס

הערש סעגאַלן

מיר זענען אַלע פון דער שטוב אַרויס,
די טיר פאַרשלאָסן און אַראָפּ די טרעפּ,
געבליבן איז אין שטוב דאָס מעבל בלויז,
אין קיך געבליבן — בלויז די טעלער, טעפּ.

וואָס טוט אַצינד דאָס מעבל, דאָס געפעס,
בשעת זיי בלייבן דאָרט אָן אונדז אַליין ?
ווען ס'וואָלט געקאָנט געשען אַזאַ מין נס,
ניט שטייענדיק איצט דאָרט, כ'זאָל דאָרטן שטיין.

אָן אינו נראה ווערן פאַרן בעט,
דער דיל זאָל אויך ניט פילן מיינע טריט,
כ'זאָל הערן, וואָס דער שטול צום טישל רעדט,
דאָס בילד צום שפּיגל, וואָס מיך שפּיגלט ניט.

דער רוים, וואָס אין די לערע טעפּ אין קיך,
דער גלאַנץ אין שטוב פון שראַנק און פון בופעט
ניט פילן זאָלן זיי אַצינד אויף זיך
מיין אויג, וואָס קוקט אויף זיי, מיין אויג, וואָס זעט.

קאָן זיין, איך וואָלט זיך דאָרט אַזוינס דערוווּסט,
וואָס וואָלט באַפרייט מיך פון דער מאַכט פון וואָרט
און אפשר וואָלט זיך מער מיר ניט געגלוסט
צוריק צו קומען צו מיין אייגן אָרט.

מיר זענען אַלע פון דער שטוב אַרויס,
די טיר פאַרשלאָסן און אַראָפּ די טרעפּ,
געבליבן איז אין שטוב דאָס מעבל בלויז,
אין קיך געבליבן — בלויז די טעלער, טעפּ.

צי הערט איר ניט?

צי הערט איר ניט ווי אַלצדינג רעדט
און איינס דעם צווייטן שרייט ניט איבער?
סע רעדט אין שטוב דאָס בעט צום גרעט,
סע רעדן איינס צום צווייטן שטיבער.

עס רעדט דאָס פּינטל אויף דער וואַנט
צום שטערן, וועלכער קומט אונדז וועקן
און קלינגט אין שויב, ווי גלייך אַ האַנט
וואָלט אים געטרייסלט ווי אַ גלעקל.

עס רעדט דער טראַקטאָר גיך־גיך־גיך
און נעמט מיט רויש די גרעסטע שטחים
און פון די פעלדער ביז דער קיך
זיך שפּרייט זיין רויש, זיין רויך לויפט נאָך אים.

אַ שטומער רעדט מיטביידע הענט,
נאָר מיט דער רעכטער עפּעס מערער
און ס׳הערן צו זיך טויבע ווענט
ווי שילער, ווען סע רעדט דער לערער.

אַ בלינדער טאַפּט דעם וועג און גייט
און ס׳רעדט זיין שטעקן צו די שטיינער.
ווער הערט דעם בלינדנס שטעקנס רייד?
צי בלויז די שטיינער? ווייטער קיינער?

ווער הערט עס, ווען דער שטעקן שרייט:
"דאָ גיי, דאָ גיי און דאָרטן גיי ניט!"
דער בלינדער נעמט זיך אין אַ זייט,
"דער עיקר גיי, דער עיקר שטיי ניט!"

צי הערט איר ניט, ווי אַלצדינג רעדט
און איינס דעם צווייטן שרייט ניט איבער?
עס רעדט אין שטוב דאָס בעט צום גרעט,
ס'רעדן איינס צום צווייטן שטיבער.

אַ שטיין

האַרט ווי אַ שטיין,
ליגט ווי אַ שטיין,
שטום ווי אַ שטיין,
טויט ווי אַ שטיין,
עלנט און אַליין
ווי אַ שטיין.

נעם איך דעם שטיין
און טראָג אים אַוועק צו שטיינער,
איז ער שוין ניט אַליין,
איז ער שוין ניט קיין איינער.
האַק איך אויס אינעם שטיין
אַ וואָרט, אַ צאָל, אַ נומער,
איז דער שטומער שטיין
מערער ניט קיין שטומער.

האַק איך אַרויס פונעם שטיין
אַ קאָפּ מיט נאָז און אויגן,
ווערט דער טויטער שטיין
מיט אַ שמייכעלע פאַרצויגן.

אַ שמייכעלע אויף דער זון
און ס'ווערט מיר גרינג דערפון.

שטיפעריש

1. אַ מאָל איז געווען אַ באָבע מיט אַ זיידן

אַ מאָל איז געווען אַ באָבע מיט אַ זיידן,
האָבן זיי זיך ביידע געלעבט אין פריידן.
דער זיידע איז אַוועק מיט אַ גרויסער האַק
צו די צייטיקע וועלדער,
דער זיידע האָט די וועלדער אויסגעהאַקט,
זענען זיי געוואָרן פעלדער.
די באָבע איז נאָכגעגאַן מיט אַ זאַק
די שפּענער צונויפצוקלייבן,
ס'אייניקל האָט אויך געטון, וואָס ער קען,
ס'אייניקל איז נאָכגעגאַן מיט דער פּען
די מעשה צו פאַרשרייבן,
די מעשה פון דער באָבען מיטן זיידן,
וואָס האָבן זיך ביידע געלעבט אין פריידן.

2. אויף יענער וועלט

צווישן די צייטיקע פרוכטן אין פריידן
שפּאַצירט זיך מיין באָבע מיט מיין זיידן,
נישטאָ קיין געשעענישן אין גן עדן.

די פרוכטן, איין מאָל צייטיק געוואָרן,
פאַרבלייבן פרישע אויף אייביקע יאָרן,
ניטאָ קיין פרוכט, וואָס מע זאָל ניט טאָרן.

דער גאָרטן איז ווידער געוואָרן אַ גאָרטן
דורך דעם, וואָס ס'איז גאָרניט פאַרבאָטן דאָרטן —
די עפּל פון די בעסטע סאָרטן.

3. נייעס

אויך דאָ אין גן־עדן ברענגט נייס די צייט.
געקומען אַ פאַרטיע מיט נייע לייט
פון דאָרט, פונעם לעבן, פון יענער זייט.

דער זיידע איז געקומען צו הערן אַ וואָרט,
די באָבע זיצט אויכעט ניט איין אויף קיין אָרט,
ווייל דאָס איז די איינציקע אַרבעט דאָרט.

געקומען אָפּנעמען אַ גרוס,
אַ גרוס פֿונעם אייניקל, וועלכער מוז
נאָך לעבן און לעבן אין זיידנס זכות.

אין זכות פֿונעם זיידן, וועלכער רוט
שוין לאַנג אין גן עדן, און ס'איז אים גוט
און נעמט אָפּ גרוסן אַלע מינוט.

שלוחים

האָט זיך דערנענטערט דער פֿרייטיק־פֿאַרנאַכט,
האָט זיך דער רוים על פּי טעות פֿאַרמאַכט,
איידער די זון איז פֿאַרגאַנגען,
האָט זיך דער עולם אין שטעטל צעוויגט,
האָט מען שלוחים קיין מערב געשיקט,
זענען שלוחים געגאַנגען.

זענען געגאַנגען און האָבן געשפּאַנט
ווייט צום פֿאַרמאַכטן, פֿאַרשלאָסענעם ראַנד,
ביז מ'איז צום ראַנד געקומען.
שטייט ביי אַ טויער די זון און זי ברענט,
האָט ניט קיין שליסל און האָט ניט קיין הענט,
ברענט זי ווי הונדערט זונען.

סקלאַדן מיט וואָלקנס און פּעסער מיט טוי
שטייען צעשטעלט אויפֿן הימל־בלוי,
ווער זשע היט די פֿאַרמעגנס?
ניט קיין מלאכים און ניט קיין גאָט,
פֿרייטיק, ווייזט אויס, זיך פֿאַרהאַלטן אין באָד,
זענען זיי אונטערוועגנס.

שטייען שלוחים ביים עק פֿון דער וועלט,
לייגט זיך די זון מיטן קאָפּ אויפֿן פֿעלד
כאַפּן דערווײלע אַ דרימל,
ציט זיך דער פֿרייטיק אָן סוף און אָן עק,
וועט שוין קיין שבת ניט זיין? סאַראַ שרעק,
סאַראַ שטראָף פֿונעם הימל.

ווען שוין אייביק זיין וואָך ? זיין חול ?
אייביקן וואָך, סאַראַ שרעק, סאַראַ גרויל,
אייביקע וואָך, סאַראַ צאָרן !
״זאָרגט זיך ניט, יידן !״ דערהערט זיך אַ קול,
נידערט די זון אין טיף־טיפן טאָל,
וואָס איז אָקערשט געוואָרן.

דרייען די יידן אויף מיזרח זיך אויס,
לאָזט דער תחום שבת זיי ניט אַרויס,
יידן, שלוחים זיבן.
שבת געוואָרן, טאָר מען ניט גיין,
זענען זיי דאָרטן געבליבן שטיין,
דאָרטן אויף שבת פאַרבליבן.

נו און דאָס שטעטל ? ס׳איז שבת, ס׳איז רו,
גרייט מען קיין נייע שלוחים ניט צו,
עסט מען זיך קוגל און קוכן,
אָבער נאָך דער הבדלה באַלד,
מאַכט מען דעם אמתן גרויסן געוואַלד,
שיקט מען שלוחים, זיי זוכן.

ס׳איז אומעטיק

ס׳איז אומעטיק צו זינגען וועגן אומעט,
ס׳איז פיינלעך שווער צו זינגען וועגן פיין.
אַ ראָד מיט טענצער דרייען זיך אַרומעט
און נעמען מיך אין זייער ראָד אַריין.

נישט טאַנצן, הייסט דאָך אָפּשטעלן די טענצער,
נישט דרייען זיך, הייסט אָפּשטעלן די ראָד,
איך שעם זיך פאַר די אויגן אין די פענצטער,
איך שעם זיך פאַר די פענצטער פון דער שטאָט.

ניט טאַנצן, ווען די כלי־זמר זענען מלא
און זייער שפּיל דערגרייכט די העכסטע טרעפּ ?
ניט טאַנצן, וועט מען שפּילן לבטלה,
ווער זיין דאָך אַן עבירה, וואָס איך לעב.

ס'איז אומעטיק צו זינגען וועגן אומעט,
ס'איז פיינלעך שווער צו זינגען וועגן פּיין,
אַ ראָד מיט טענצער דרייען זיך אַרומעט
און נעמען מיך אין זייער ראָד אַריין.

פון וועג

פון וועג, וואָס צווישן פעלדער ליגט
ווי לייוונט אויסגעשפּרייט,
וועל איך מיר אָפּשניידן אַ שטיק
און אָנטון פאַר אַ קלייד.

און אויב אַ וואָגן באַרג־אַרויף
פאַרלירן וועט אַ ראָד,
וועל איך אים נעמען אויף מיין גוף
און ברענגען גלייך אין שטאָט.

ניט פרעגן, ווו דער שמייסער איז,
דאָס אויסגעשפּאַנטע פערד,
זיי רייטן ערגעץ אום, געוויס,
און בלאָנדזשען אויף דער ערד.

איך וועל זיך לאָזן מיטן וועג,
דעם גרויען שטויבן־פּאַס,
וואָס האָט אין פעלד זיך אויסגעשטרעקט
אַזש ביז דער קאָוואַלישער גאַס.

און לאַנגזאַם וועל איך טראָגן עס
דאָס פּורל, דעם בעל־מום,
אַ חולה איז דאָך ניט קיין מת,
איז נעם איך עס אַרום.

און שטעל אַנידער עס ביים הויז
פון עלטסטן בעסטן שמיד
און קלאַפּ און שריי: היי, קומט אַרויס,
מע דאַרף אייך דאָ, ר' ייד!

דער ייד וועט אויפשטיין פון דער באַנק,
נאָך איידער ס׳האָט געטאָגט
און זאָגן: יאָ, ס׳איז טאַקע קראַנק
דאָס פורל, וואָס מע טראָגט.

אַניט וואָלט דאָך דער יונגער מענטש
ניט אָנגעקלאַפּט אַצינד
און ניט געטראָגן אויף די הענט
אַ וואָגן ווי אַ קינד.

ווי גוט איז אָנהייבן דעם טאָג
פון סאַמע אין דער פרי,
און מיטן האַמער טון אַ שלאָג
און מיטן בלאָז־זאַק טון אַ צי.

דער ייד וועט עפענען די טיר
פון קוזניע טויער־ברייט
און טון דאָס פייער אַ צעפיר
און אַ צעבלאָז די פרייד.

און ווען דאָס ראָד וועט פאַרטיק זיין,
דאָס פורל אויפגעשטעלט,
וועט אָניאָגן אין שטאָט אַריין
דער רייטער פונעם פעלד.

און פרעגן, ווער האָט עס געבראַכט
דאָס פורל אַזש אַהער
און ווער האָט עס צו רעכט געמאַכט
און גאַנץ געמאַכט עס, ווער?

דער ייד, דער שמיד, וועט שטיין פאַרקלערט
און זען דורך אַלטער בריל,
דעם רייטער איינשפאַנען דאָס פערד,
אַוועקפאָרן אין מיל.

און ביז דער וואָגן קערט זיך אום
מיט זיבן זעקלעך מעל,
וועט האָבן אויפגעגאַן די זון
אויף דאַך און שליאַך און שוועל.

פעלד און פעלד

פעלד און פעלד, קיין טייכל ניט, קיין דעכל
פון אַ הויז, אַריינצוגיין זיך אָנצושפּיגלען.
אויף די פּלייצעס טראָג איך שווערע פליגלען
נאָר צו פליען האָב איך ניט קיין קרעפטן.

ווער האָט זיי מיר אָנגעטאָן צונויפגעלייגטע ?
ווייניק, ווייזט אויס, וואָס איך טראָג אַ האָרב מיט זאָרגן,
ווערט מיין רוקן נאָך פון זיי געוואָרגן,
פון די פליגל, אַלטע און פון רעגנס אויסגעווייקטע.

כ׳וואַרט די ערד זאָל רעדן און מיר זאָגן
נאָך אַזוי פיל אָפּגעפלאָגטע יאָרן,
אַז ס׳איז באמת שווער פאַר איר געוואָרן
מיך אויף זיך אַרומצוטראָגן.

דעמלט וועל איך האָבן קראַפט די פליגל
אויסצושפּרייטן און אַוועקפליען צו אַ שטערן,
דאָרטן וועל איך קיינעמען ניט שטערן
און ניט דאַרפן שוין קיין שפּיגל.

פון אַלע בלינדע

אברהם מאָרעווסקין

פון אַלע בלינדע דער בלינדסטער
בין איך אין דער נאַכט דער בלינדער,
ס׳איז גרינג אויפן פאָן פון דער פינצטער
צו מאָלן מיט די אויגן בילדער.

דער דמיון פון יעדן בלינדן
איז רייכער פון רעגנבויגן
מע קאָן ניט דעם דמיון פאַרבינדן
און מאַכן אים בלינד ווי אויגן.

איך זע ניט, ווען דער חושך
האָט איינגעהילט אין זיין מאַנטל,
נאָר כ'הער, ווי אַ בוים האָט צערוישט זיך
דאָס בילד פון אַן אַלטן באַקאַנטן.

איך פיל אַ באַקאַנטן ריח,
איך הער אַ באַקאַנט געשריי,
מיין זיידע איז אויפן מזבח
געבונדן, דער צענטער אין ריי.

מיין זיידע פאַרברענט איז געוואָרן,
דער ווינט האָט דאָס אַש פאַרווייט
און איצטער, נאָך הונדערטער יאָרן,
איך הער ווי מיין זיידע גייט.

מיין זיידע איז אַריין ווי אַ דיבוק
און האָט זיך באַזעצט אין מיר,
מיין באָבע, מיין זיידנס זיווג,
זי פירט אונדז פון טיר צו טיר.

זי קלאַפּט אין די טירן און וואָרנט
די אייניקלעך אירע פון לאַנד.
זי פירט מיך, דעם בלינדן, פון פאָרנט,
זי פירט מיך אַרום ביי דער האַנט.

צי מיינט זי מיך, צי מיין זיידן,
וואָס האָט זיך באַזעצט אין מיין פעל ?
צי איז טאַקע דאָ זיין גן עדן
אין מיר, זיין איינצל־צעל ?

פון אַלע בלינדע דער בלינדסטער
בין איך אין דער נאַכט דער בלינדער,
ס'איז גרינג אויפן פאָן פון דער פינצטער
צו מאָלן מיט די אויגן בילדער.

צעבליען זיך אין הימל

צעבליען זיך אין הימל וואָלקנבליטן,
אין מיזרח וואַקסט אַרויס אַ רויטער עפּל,
ער שטייגט אַרויף און פאַלט פון סאַמע מיטן
אין מערב צו די איבעריקע עפּל.

זיי זאַמלען זיך די עפּל שוין פון יאָרן,
זיי ליגן דאָרט אין גרויסע בערג און פוילן
און ס׳קומט נאָך זיי קיין סוחר ניט צו פאָרן,
זיי פוילן דאָרט און ווערן שוואַרץ ווי קוילן.

און שטויבן הייבן אויף זיך און פאַרשטויבן
די ברענענדיקע בערג, די טאָלן הייסע
און ווייסע קעפּ פון שטאַרבנדיקע גלייבן
פון אָט די שטויבן אויפשטיין תחית המתים.

און זאַמדן זעצן אָפּ זיך און פאַרדעקן
די וואַקסנדיקע קינפטיקע ווולקאַנען,
די זאַמדן זעצן אָפּ זיך און פאַרמעקן
די מיילער פון די מאָרגנדיקע פלאַמען.

דער דלות רופט צוריק:

איך וואַרט אויף דיר שוין לאַנג, שוין לאַנג!
צי וועל איך זיך דערוואַרטן?
איך שטיי ביי יעדן זונפאַרגאַנג
ביים בוים דעם אויסגעדאַרטן.

איך קוק מיר דאָ די אויגן אויס
און הער ניט אויף צו האָפן,
דו וועסט נאָך קומען אין מיין הויז,
פון וואַנעט ביסט אַנטלאָפן.

דאָס הויז איז איינגעפאַלן, אַלט
ווי אַלע הייזער היגע
און סאַזשע פונעם קוימען פאַלט
אויף געלער מאַמעליגע.

און ס'איז נישטאָ אין שטוב מיט וואָס
דאָס מאכל צו באַשמאַלצן,
כאָטש נעם, קאָך אויס דאָס דאַרע גראָז,
וואָס איז מיט שטויב באַזאַלצן.

נישטאָ אין שטוב קיין טיש, קיין באַנק,
קיין רו פאַר דיר, דעם זקן,
איך הער ניט אויף מיט מיין געזאַנג
פון ווייטן דיך צו לאַקן.

איך הייב אַלץ העכער אויף מיין קול —
אַ רוח אין דיין טאַטן!
דו וועסט דאָך פאָלגן מיך אַ מאָל,
דו וועסט דאָך ניט פאַרראַטן.

אין דער סאַמע מיט

אַ קאָפּ פון אַ זקן, אַ גרויער,
אַ בלאָנדער קאָפּ פון אַ קינד,
אַ לויטערער הימל אַ בלויער,
אַ לינדער, אַ וואַרעמער ווינט.

צוויי שורות מיט הויכע הייזער,
אַ ברייטע געשטיינערטע גאַס,
אַ שטאָטישער זייגער מיט ווייזערס,
מיטן ציפערבלאַט אַנפאַס.

גערויש פון צעגרינטעביימער,
גערויש פון רעדער, פון דראָט,
פון רעדער איבער שטיינער,
פון דראָט אין דער לופט פון דער שטאָט.

און וואָס סע טוט מיר געפעלן,
און וואָס סע געפעלט מיר ניט,
נאָר וווּ איך זאָל זיך ניט שטעלן,
איך שטיי אין דער סאַמע מיט.

די דעכער פון דער גרויסער שטאָט

די דעכער פון דער גרויסער שטאָט —
אַ באַרג אַרויף, אַ באַרג אַראָפּ.

און צווישן העכסטן דאַך און באַרג
אַ טאָל מיט שאָטנס פול, אַ מאַרק.

ווו קוים צו כאַפּן מיטן אויג
שטייגט הויך און העכער אַלץ אַ סטויג

פון אַל דאָס גוטס, וואָס קומט אַהער
פון יאָר צו יאָר אַלץ מער און מער.

די דעכער פון דער גרויסער שטאָט —
אַ באַרג אַרויף, אַ באַרג אַראָפּ.

און צווישן דאַך און באַרג און דאַך
אַ פּאַס געפלאַסטערט ווי דער שליאַך,

וואָס צווישן פעלדער אויפן סטעפּ,
וואָס ציט זיך גלייך אַן דאַך, אָן טרעפּ,

וואָס ציט זיך ווייט פון שטאָט צו שטאָט,
פון דאַך צו דאַך זיך ציט אַ דראָט.

ער ציט זיך מיילנווייט אַוועק
פון איין עק וועלט צום צווייטן עק

און בינדט די ווייטסטע דעכער צוויי,
אַ דאַך מיט צוויט אַ דאַך מיט שניי.

די דעכער פון דער גרויסער שטאָט,
זיי שטייגן העכער אַלץ צו גאָט

און קריגן זיך. אויף יעדער דאַך
אַן אַנדער פאָן, אַן אַנדער שפּראַך,

אַן אַנדער האָן, אַן אַנדער קריי.
פאַראַן אַ דאַך מיט פאָנען צוויי.

דער העכסטער דאַך איז שפּראַכנרייך,
אַ מין פילשפּראַכיק קיניגרייך,

ווי ס׳קיניגט אחשוורוש נאַר
און המן איז זיין העכסטער שר,

וואָס קלערט מיט בייזער שווערד אין האַנט
די גרעסטע צרות אויס דעם לאַנד.

אָט שיקט ער אומגליק, אַל דאָס בייז
דעם פאָלק פון אַלטן אלף־בית

אָט שיקט ער הונגער, שווערע לייד
דעם יינגסטן פאָלק, וואָס אַקערט, זייט.

און קריג און בלוט פון פרעמדער שווערד,
דעם פאָלק דעם פרידלעכסטן אויף דר׳ערד.

די דעכער פון דער גרויסער שטאָט
אַ באַרג אַרויף, אַ באַרג אַראָפּ.

שפּעט ביי נאַכט

ס׳איז שפּעט ביי נאַכט. אַ נעפּל הילט די שטאָט
און ערגעץ, ניט צו זען, פּירט אַ גאַס אַראָפּ,
און ערגעץ אונטן דאָרט בליט אין נעפּל אויף
אַ הויכער באַרג, וואָס פּירט צום באַרג אַרויף.
אַן איינזאַם שטיבל שטייט דאָרט אין דער הייך
און שטערן פליען אום ווי פונקען אין אַ רויך.
אַ סטעזשקע פּירט פון שטיבל באַרג־אַראָפּ,
אַ סטעזשקע שלענגלט זיך און לויפט און לויפט,
ווי ס׳לויפט אַ העלע ריטשקע באַרג־אַראָפּ,
און גיסט זיך אונטן מיטן וועג צונויף,
וואָס שפּיגלט אין זיין שטויב די שטערן אָפּ,
די שטערן פונעם ריינסטן שטערנגאָלד,
די שטערן אויפן הימל אויסגעמאָלט.

טשערנאָוויץ 1934

שיינע לידער קאָסטן טייער

צי קאָן מען?

צי קאָן מען אַוועקגיין פון אייגענעם ליד?
צי קאָן מען זינגען אַ פרעמד געזאַנג?
צי קאָן מען פאַרלאָזן די אייגענע טריט?
צי קאָן מען גיין מיט אַ פרעמדן גאַנג?

מע קאָן ניט גיין מיט קיין פרעמדן גאַנג,
מע קאָן ניט פאַרלאָזן די אייגענע טריט,
מע קאָן ניט זינגען קיין פרעמד געזאַנג,
מע קאָן ניט אַוועקגיין פון אייגענעם ליד.

אַלט און קראַנק און גראָ און מיד

אַלט און קראַנק און גראָ און מיד
קום איך צו מיין לעצטן ליד,
ניט אַזוי איז לערמאָנטאָוו
צוגעקומען צו זיין סוף.

ער איז יונג געפאַלן, דאָך
האָט ער הייס זיין יעדע וואָך
אָפגעלעבט זי ווי אַ יאָר
מיט די מענטשן פון זיין דור.

איך — פון לעבן אין אַ זײַט,
אָן אַ פּראָפּוסק צו דער צײַט,
מיט אַ שטײַ־פּלאַץ װײַט פֿאַררוקט,
אויף אַ װאָלקנדל פֿאַרקוקט.

פֿאַל איך שטילערהייט אַװעק
אָן אַ העלדנטאַט, אָן שרעק,
אָן אַ קרעכץ און אָן געװאַלד
װי אַ בוים ביים ראַנד פֿון װאַלד.

שיינע לידער קאָסטן טײַער

כ׳ליג אין היץ — אַ העליש פײַער,
כ׳רעד פֿון היץ — ״ס׳איז גוט, ס׳איז גוט!״
שיינע לידער קאָסטן טײַער,
הייסע לידער קאָסטן בלוט.

זעסט דעם בוים? דו הערסט זיין רױשן?
כ׳װאַרף אים צו דעם פײַער צו,
זײַנע פֿרוכטן — פֿולע קױשן
ברענען אויך שוין ערגעץ װוּ.

ס׳האָט די נאַכט זיך אויסגעצויגן,
שװאַרצע אויגן האָט די נאַכט,
כ׳װאַרף איר פֿאַקלען אין די אויגן
און זי האַלט זיי ניט פֿאַרמאַכט.

פֿונעם רוים, װאָס איז אומענדלעך,
פֿאַלן שטערן מיר אַראָפּ,
שטערן פֿאַלן װי די שפּענדלעך
צו דער שׂרפֿה אין מײַן קאָפּ.

כ׳ליג אין היץ — אַ העליש פײַער,
כ׳רעד פֿון היץ: ״ס׳איז גוט, ס׳איז גוט!״
שיינע לידער קאָסטן טײַער,
הייסע לידער קאָסטן בלוט.

אַ מאָל בין איך

אַ מאָל בין איך דער אָדלער, וועלכער פליט,
אַ מאָל בין איך דער מוילוואָרף, וועלכער גראָבט,
און ביידע איכן בויען אויף מיין ליד,
און איינער זינגט אין דעם, און איינער זאָגט.

פאַר טאָג, בשעת איך פלי און קוק אַראָפּ,
איך זע ווי כוואַליעס וויגן אום דעם ים,
פאַר נאַכט כ'פאַרמאַך די אויגן און איך גראָב
די ווערעם אויף און ענדיק מיט אַ גראַם.

איך וואַרט

איך וואַרט ווי דו, איך וואַרט אַליין אויף מיינס אַ פרישן וואָרט
איך זע אַן אַלטן־אַלטן באַרג אויף גאָר אַ שפּאָגל־נייעם אָרט,
דער הויכער באַרג, וואָס שטייט היינט דאָ, איז דאָך אַ מאָל געשטאַנען דאָרט.

איך וואַרט ווי דו, איך וואַרט אַליין דאָך אויף מיין נייעם ליד,
איך זע אַ גרויס און ריזיק פעלד און אין דער מיט אַ שניט,
וואָס טיילט די גאַנצע וועלט פונאַנדער און צעטיילט זי ניט.

איך וואַרט ווי דו, איך וואַרט אַליין, איך וואַרט אויף אַ באַשייד,
וואָס באַטייטן אָט די ווערטער, אָט די ווערטער, וואָס איך רייד,
אָט די ווערטער, וואָס איך רעד זיי זינגענדיקערהייט.

אָט בין איך

אָט בין איך אַ פויגל, וואָס פליט אין דער לופט
און זינגט אין די צווייגן אין אָוונט און רופט.
אָט בין איך אַ וואָלף אין די וועלדער פאַר טאָג,
וואָס וואַרפט אָן אַ שרעק, אַ געיעג און אַ קלאָג.
אָט בין איך אַ פערד אויף אַ באַרגיקן וועג,

װאָס שלעפּט אין אַ רעגן אַ װאָגן מיט זעק.
אָט בין איך אַ װאָלקן, אָט בין איך אַ ים,
װאָס שפּיגלט דעם װאָלקן, אָט בין איך אַ פּלאַם
פון שײַטער אין מיטן פון שנײיקן װאַלד,
כ'דערװאַרעם דעם װאַלד־שומר נײַנציק יאָר אַלט.
אָט בין איך אַ ליאַלקע אין די הענט פון אַ קינד,
און אָט אין די האָר פון אַ מײדל דער װינט
און אָט בין איך — איך, אַ דיכטער, אַ ייד,
װאָס שפּילט מיט פּאַרגלײַכן אין יידישן ליד.

סע לעשט ניט מײַן דאָרשט

סע לעשט נישט מײַן דאָרשט קײן שום געטראַנק,
כ'האָב הײַנט שוין געטרונקען ניט אײן מאָל,
מײַן האַרץ איז דאָרשטיק נאָך אַ געזאַנג,
װאָס כ'האָב ניט געהערט נאָך קײן מאָל.

אין דרויסן איז נאַסע נאַכט אַצינד,
אין דרויסן איז נאָך אַ רעגן
און שטיל איז איצטער אפילו דער װינט,
װאָס טריקנט אויס די װעגן.

און שטיל איז דער נאַסער בוים, װאָס גלאַנצט
אַקעגן דער שײַן פון לאַמטערן,
און שטיל גײט אָן אין הימל דער טאַנץ,
דער אײביקער טאַנץ פון שטערן.

מיר זיצן — אַ קרײַז פון קלוגע לײַט —
און עפּעס קלוגס מיר ברומען,
נאָר ניט פון נאָענט און ניט פון װײַט,
סע װיל יענץ געזאַנג ניט קומען.

און בין איך ניט זוכה צו זײַן געבענטשט
דאָס גרויסע געזאַנג צו הערן,
בין איך ניט דער אײנציקער דאָרשטיקער מענטש,
מיר זענען װי זאַמד און שטערן.

און זאָל כאָטש איינער, קיין חילוק ניט ווער,
ניט איך און ניט דו, איז אַ דריטער,
זאָל זיין כאָטש איינער, וואָס האָט דערהערט
דאָס גרויסע געזאַנג מיט אַ ציטער.

און אויב זיין האַרץ האָט אַ גוט געהער,
וועט ער עס אויך אונדז דערלאַנגען
און זינגען וועט ער, איך ווייס נאָך ניט ווער,
די סאַמע גרעסטע געזאַנגען.

סע לעשט ניט מיין דאָרשט קיין שום געטראַנק,
כ'האָב היינט שוין געטרונקען ניט איין מאָל,
מיין האַרץ איז דאָרשטיק נאָך אַ געזאַנג,
וואָס כ'האָב ניט געהערט נאָך קיין מאָל.

דיכטונג

און הייבן הייבט עס אַן זיך פונעם גיין.
איך גיי אַרום מיט גרויסער־גרויסער לוסט,
איך גיי אַרום און רעד צו זיך אַליין
און כ'זאָג מיר זאַכן, וואָס כ'האָב ניט געוווּסט.

און אויב אַ וואָרט פאַרלירט זיך אויפן וועג,
איך דריי זיך אויס און קער זיך אום צוריק
און הער זיך איין און זוך עס גאַנצע טעג
און רו ניט איין שוין אויף קיין אויגנבליק.

נאָר, גייענדיק, געפינט מען ניט דאָס וואָרט,
וואָס מ'האָט שוין איין מאָל אין די הענט געהאַט,
מע דאַרף זיך שטעלן אויף אַ הויכן אָרט
און שטיין דאָרט אויף דער וואַך ווי אַ סאָלדאַט.

און טראַכטן דאַרף מען אויך ניט פון קיין זאַך,
דאָס וואָרט וועט מיך שוין אויסזוכן אַליין,
דאָס וואָרט וועט מיך באַפרייען פון דער וואַך
און וועט אַליין מיר הייסן ווייטער גיין.

איך גיי און גיי און הער ניט אויף צו גיין,
איך גיי אַרום מיט גרויסער־גרויסער לוסט,
איך גיי אַרום און כ'רעד צו זיך אַליין
און כ'זאָג מיר זאַכן, וואָס כ'האָב ניט געוווּסט.

איינגעראַמט און פאַרבליבן

אַ פּראָסט שטיק פּאַפּיר און אַ פּראָסטער בלייער,
אַ פּערציקער לעמפּל און אַ ציגייער.

אַ פרייע שעה און טיי אויפן טישל,
אַ גלאָז און אַ לעפעלע אויף צו מישן.

אין פענצטער אַ נאַכט מיט אַ הימל אַ גרויסן,
אַ שויב, וואָס ציטערט פונעם פאָרן אין דרויסן.

אַ ווייט גערויש ווי אַ נאָענט געפּליסטער,
און פּרצעס בילד און אַ בוך פונעם נסתּר.

מוזיק פון רייד פון פאַרשיידענע ערטער,
מוזיק פון רייד אָן דעם טייטש פון ווערטער,

דאָס האָט זיך מיר איינגעראַמט און פאַרבליבן
אין ליד, וואָס כ'האָב אָקערשט אָנגעשריבן.

גיכער, גיכער!

וואָלקנס אויף די דעכער, אין די וואָלקנס — לעכער,
זעט מען דורך דעם הימל, וואָס איז העכער.

איצטער זוך איך עפּעס פונעם לעבן
צו די בילדער מיט די וואָלקנס צוצוגעבן.

איצטער זוך איך, וואָס מע רופט געשטאַלטן.
פליט אַ שוואַלב, איך וועל זי ניט פאַרהאַלטן.

טויבן וואַרקען. כ׳וועל זיי אויך ניט שטערן,
כ׳האָב ניט ווען צו דעם זיך צוצוהערן.

פאַרלעך יונגע אינעם פאַרק דעם גרויסן —
איבערפלעכלעך איז די וועלט אין דרויסן.

קינדער פון די שולן, טאַשן פול מיט ביכער,
ווידער פאַרבן, פוסטע בילדער, גיכער, גיכער!

גיכער, גיכער! כ׳האָב פאַרקוקט דאָס לעבן, דורכגעטריבן
און קיין רעכטע זאַך ניט אָנגעשריבן.

דער רעגן האָט געקלאַפּט

דער רעגן האָט געקלאַפּט אין אַלע פענצטער,
די נאַכט האָט אומגעבלאָנדזשעט אָן אַ שיין,
פון דרויסן, פון די פעלדער, פון דער פינצטער
אַ קול האָט זיך דערהערט אין שטוב אַריין.

אַ קול האָט זיך דערהערט און זיך דערנענטערט
מיט לויפנדיקע, רוישנדיקע טריט,
דאָס קול האָט זיך געהעכערט און געענדערט,
געבעסערט זיך, געשענערט ווי אַ ליד.

דאָס קול, די טריט, דער רעגן און דער אָטעם
פון דרויסנדיקן לעבן אויף דער וועלט,
דער אָטעם פון אַ לויפנדיקן שאָטן
ביי נאַכט ניט ווייט פון שטעטל אויפן פעלד.

זיי האָבן זיך אין מיר צונויפגעקליבן,
זיי האָבן זיך אין מיר צונויפגעלייגט,
דעם שאָטנס ליד פון רעגן אָנגעטריבן,
דעם שאָטנס קול אין רעגן אויסגעווייקט.

ער איזביים פענצטער נאָענט דורכגעפלויגן,
איך האָב דאָס קול זיינס שיער ניט אָנגערירט,
איך האָב פון ליד די אויגן אויפגעהויבן
און צו די שויבן גלייך זיי צוגעפירט.

מײַן האַנט האָט אָנגעשפּאַרט מײַן הײסן שטערן
און אָט אַזױ זיך שטילערהײט פֿאַרטראַכט,
איך האָב באַטראַכט װי שװאַרצע שױבן הערן
זיך אײַן אין אָט דער זינגענדיקער נאַכט.

ס׳האָט נאָך אַ מאָל פֿון װײַט געטון אַ שװינדל,
אַ בילד אַזאַ געדענקט זיך און פֿאַרבלײַבט
און װערט דער חלום פֿון אַ האַלב שױן בלינדן,
װאָס זיצט אַצינד בײַם לידער־טיש און שרײַבט.

כ׳האָב אָנגעקלאַפּט אין שױב, גענומען רופֿן,
דערנאָך דאָס פֿעסטע פֿענצטער אױפֿגעפּראַלט,
פֿון שאָטנס האָט אַרױסגעקוקט אַ גופֿל,
װאָס האָט אין אָט דער פֿינצטערניש געשטראַלט.

עס האָט אַרױסגעזונגען פֿון די שמאַטעס
אַ יום־טובדיקער ניגון פֿרײַ און צאַרט,
איך האָב צו אים געקוקט װי דורך קראַטעס
אין אָט דער שטרענגער װאַרעמקײט פֿאַרשפּאַרט.

איך האָב באַטראַכט דאָס לױפֿנדיקע פּנים
אין שײַן פֿון אָט דער רעגנדיקער נאַכט,
אַ פּנים איז דאָך מערער פֿון אַ נאָמען,
אַ פּנים קאָן ניט זײַן דאָך אױסגעטראַכט.

עס לױפֿט אַהין־צוריק און װערט פֿאַרשװינדן
דאָס בילדל פֿון אַ ײַנגל אין דער נאַכט
און װערט דערמאָנונג פֿון אַ האַלב שױן בלינדן,
װאָס זיצט אַצינד בײַם לידער־טיש פֿאַרטראַכט.

זײַן קול האָט זיך דערהערט און זיך דערװײַטערט
מיט רױשנדיקע לױפֿנדיקע טריט,
דאָס קול האָט זיך דערװײַטערט און געלײַטערט,
פֿאַרשװוּנדן און געלאָזט נאָך זיך אַ ליד.

דער וואַנדער־דיכטער

דעם אָנדענק פון פאַרגעסענעם וואַנדערנדיקן יידישן דיכטער צבי כּאַלאַדענקאָ, וואָס פלעגט אין די באַסאַראַבער יידישע שטעטלעך לייענען לעקציעס און לידער אייגענע און פרעמדע.

כ'האָב אַ וואַנדערער אין וועג
אָפּגעשטעלט און אים געפרעגט:
— זאָגט, ווי אַלט זענט איר עס, פעטער?
— זעכציק טויזנט קילאָמעטער
און ביז הונדערט צוואַנציק טויזנט
פעלט מיר אויס נאָך איין פּאָר הויזן
און אַ העמד נאָך איינס, אַ ריינס
און אַ בינטעלע אַ קליינס.

האָב איך זיך אַוועקגעקערט
מיט די אויגן צו דער ערד
אַ פאַרשעמטער, אַ פאַרקלעמטער,
כ'האָב קיין הויזן ניט, קיין העמדער,
אַז איך האָב ניט, וואָס צו געבן,
האָב איך אויך ניט, וואָס צו פרעגן.

כ'שטיי און גיב זיך ניט קיין ריר,
קריגט ער מיטלייד, ער אויף מיר,
און ער זאָגט מיר: נאַר דו איינער,
איך בין רייך ווי קיינער־קיינער,
כ'האָב אַ סאָלאָוויי פאַרשלונגען,
ווען ער האָט אין וואַלד געזונגען.

ס'איז געווען אין פרילינגצייט,
כ'האָב געהערט אים פון דער ווייט,
ניט געוואַגט כ'האָב צוגיין נאָענט
און פון דעמלט, יענעם אָוונט
זינגט דער פויגל האָט געזונגען
פול מיט לידער מיינע לונגען.

מיט די אויסגעקרומטע שיך,
מיט אַן אַלטן ראָק אויף זיך,
גיי איך אום פון שטאָט צו שטעטל
מיט אַ בינטל, מיט אַ בלעטל
און בין גליקלעך, מעגסט מיר גלויבן,
ווען איך הער אין מיר דעם פויגל.

קום איך אין אַ שטעטל אָן
מיטן ערשטן קריי פון האָן,
וועק דעם עולם ווי צו סליחות:
יידן, קומט און הערט דעם שיחת
חולין פון אַ ייד אַ פויגל,
וואָס ער שטייט פאַר אייערע אויגן.

כ׳לייען אַ לעקציע אין אַ הויז,
וואָס איז ווי אַ נוס די גרויס,
זינגט אין מיר דער פויגל דאָרטן,
לייען איך ביאַליקס ליד "מיין גאָרטן",
סאַראַ חילוק וואָס און וועמעס,
ס׳איז קיין חילוק ניט דעם אמת.

ס׳איז דער אמת ריין ווי גאָלד
און מיט קופּער אָפּגעצאָלט,
פאַר אַ פראָסטן קופּער־גראָשן
עס איך ברויט און שפּייז מיין לשון
און בין גליקלעך, מעגסט מיר גלויבן,
ווען איך הער אין מיר דעם פויגל.

נאַכטיקע לידער

די לידער, וואָס ווערן געשריבן ביי נאַכט
און ווערן ביי טאָג פאַרמעקט,
זיי האָבן פאַרזאַמלט זיך און געמאַכט
אַ חברה שלעגערס, וואָס שרעקט.

געשריבן ביי נאַכט מיט אַ דינער פען,
זיי נעמען שטעקנס ביי טאָג
און לאָזן אין וועג זיך, און ווען מען מע קען
און ווען מע קען ניט, מע שלאָגט.

מע דונערט מיט ריטמען איבערן קאָפּ,
מיט בליצן איבערן אויג,
אַ פלאַם פונעם הימל פאַלט אַראָפּ
און ווערט באַלד אַ שוואַרצער סטויג.

מע שלאָגט מיט גאָט, מיט סוד, מיט שטאָט
און פינטעלעך נאָכן געשלעג,
זיי גייען טרייפענע גלייך אין באָד
און כשרע קומט מען צום וועג

און דאָרטן שטעלט מען אין רייען זיך אויס
צו דריי, צו דריי אין אַ ריי,
און אַלע אין איינעם גייט מען אַרויס
און פרווו נאָר צו טשעפּען זיי.

די אויגן ברענען מיר

די אויגן ברענען מיר און צינדן אָן די הייכן,
דאָס פייער פאַלט פון דאָרט אויף דר׳ערד אַראָפּ.
צי וועט עס אין דער טיף פון מיין נשמה גרייכן,
אַז ליכטיקער זאָל ווערן אין מיין קאָפּ?

די אויגן ברענען מיר, סע פיבערן די באַקן,
דער שטערן גליט. סע פלאַמט מיין גאַנצער גוף,
די גלידער ווי די צווייגן פון אַ שייטער קנאַקן
און ס׳גייט פון דעם אַ שיין אַ גרויסע אויף.

און גוט איז מיר זיך אין דער שיין צו באָדן,
כאָטש ווי אַ בליץ געדויערט זי, ניט מער,
און גרויער אַש וועט בלייבן אויפן באָדן,
ווי ס׳פייער פון דער שיין האָט מיך פאַרצערט.

אַ פייערדיקער זומערדיקער דרויסן

אַ פייערדיקער זומערדיקער דרויסן,
אַ זומערדיקער, פייערדיקער טאָג,
איך האָב אים ווי אַן אויוון ברויט אַ הייסן
גענומען גלייך אויף זיך ווי אויף אַ וואָג.

און אָפּגעווויגן האָב איך אים, דעם דרויסן,
און אָפּגעווויגן האָב איך אים דעם טאָג,
איך האָב אים ווי אַן עפּל־קויש אַ גרויסן
אויף זיך גענומען און די וואָג געזאָגט.

און ווער עס איז מיך חושד און איז אויסן
מיין משא איבערוועגן אויף דער וואָג,
זאָל קומען אין אַ פייערדיקן דרויסן,
זאָל קומען אין אַ זומערדיקן טאָג.

פרעג מיך ניט גאָרניט

פרעג מיך ניט גאָרניט.
מיין ווינקל איז שוואַרץ און פאַרשטויסן,
די האָלצהעקערס האַקן אין דרויסן
און האָבן קיין צייט ניט צו הערן
דאָס רעדן
פון די העק מיט די זעגן,
פון מידקייט זיי הערן ניט גערן,
סע לייכטן, מסתמא, שוין שטערן.

פרעג מיך ניט גאָרניט.
איך ליג דאָ פאַרשלאָסן אין שווייגן,
אין דרויסן אויף דר׳ערד צווישן צווייגן
די וואַלד־מענטשן, ברוינע ווי בערן,
זיי שינדן
די קאָרע פון לינדן
און בינדן
בערעזעווע בעזעמס צום קערן,
איז וואָס גייט עס אָן זיי די שטערן?

פרעג מיך ניט גאָרניט.
איך זיץ אין דער פינצטער אַ פרעמדער,
אויף שטריק הענגען שווייסיקע העמדער,
וואָס ווילן גאָר טרוקן ניט ווערן.
זיי הענגען
ווי טונקעלע וואָלקנס און ברענגען
מיר שרעק, זיך ניט איבערצוקערן,
איך ציטער אַזוי ווי אַ שטערן.

פרעג מיך ניט גאָרניט.
מיין לעבן וועט סיי ווי פאַרפליסן
און קיינער וועט מיר ניט דערגיסן
צום ערדערנעם קריגל דעם גראָבן
קיין טראָפּן,
קיין שטיינדל דעם דנאָ צו פאַרשטאָפּן,
מע וועט עס צעטרעטן, צעשטערן,
מע וועט עס מיט מיר שוין באַגראָבן.
ווי לאַנג קאָן מען קוקן אויף שטערן?

אָוונטליד

אין קליינעם צימערל פאַרמאַכט,
ביים קליינעם פענצטערל פאַרקלערט,
איך זיץ אַליין און, וואָס מיר דאַכט
איז דאָס, אַז אויף דער גאָרער ערד
איז ווי ביי אונדז אַצינד פאַר נאַכט,
אַז ערגעץ ווייט
איז איצט די זעלבע צייט,
די זעלבע אָוונט־שעה,
די זעלבע טונקלקייט, וואָס דאָ
און אומעטום איז שטיל
און אַז מיין טאַטע אין בראַזיל
פאַרענדיקט מינחה איצט אין איינעם מיט אַ היגן ייד
און ערגעץ אין מאַדריד,
ווו קיין ייד איז ניט פאַראַן,
פאַרענדיקט איצט דאָס אייניקל פון אַ מאַראַן
דאָס זעלבע אָוונט־ליד:

אין קליינעם צימערל פֿאַרמאַכט,
ביים קליינעם פענצטערל פֿאַרקלערט,
איך זיץ אַליין און, וואָס מיר דאַכט,
איז דאָס, אַז אויף דער גאָרער ערד
איז ווי ביי אונדז אַצינד פֿאַר נאַכט.

מיר גייען צו דער אַרבעט

מיר גייען צו דער אַרבעט לויטן זייגער
און שרייבן לידער לויטן קאַלענדאַר,
דער רעגן האָט אונדז אויפגעדעקט אַ פגר,
איז מוז דער שניי אים צודעקן דערפאַר.

מיר טרעטן אויף די שנייען מיט די שטיוול,
פֿאַרטרעטן אַלצדינג, וואָס דער שניי פֿאַרשיט,
מיר שרייבן אויף דער גאַס זיך אָן אַ בריוול
און קומען היים, דערפרייען זיך דערמיט.

מיר עפענען דאָס בריוול און מיר שטוינען,
דערקענען ניט דאָס אייגענע כתב.
מיר בלייבן אויף די ערטער, וווּ מיר וווינען
און בוקן זיך צום אייגענעם באַשאַף.

איצטער

איצטער איז מיר גרינגער.
שפעט ביי נאַכט. סע שלאָפן שוין די זינגער,
און די העררער שלאָפן שוין אַצינדער,
און די לערער שלאָפן און די קינדער,
און די אמת־זאָגער און די ליגנער,
איצטער איז מיר גרינגער.

איצטער איז מיר בעסער.
שפעט ביי נאַכט. סע שלאָפן שוין די פרעסער,

און די קוכערס שלאָפֿן און די טעפּ, די פֿאַנען,
און די טישלעך שלאָפֿן אין די רעסטאָראַנען
און די ציינדלעך פֿון די גאָפּלען און דאָס שאַרפֿע מעסער,
איצטער איז מיר בעסער.

איצטער בין איך ניכטער,
איצטער שלאָפֿן איין די שיכורע געזיכטער
אין דער פֿינצטערניש ווי פּודיקע געוויכטער.
איצטער צינד איך אָן אַלע מיינע ליכטער,
איצט איז ליכטיק אויפֿן טיש פֿון דיכטער,
איצטער בין איך ניכטער.

שוין וויפֿל מאָל

שוין וויפֿל מאָל מיר חלומט זיך אַלץ דער זעלבער שטריק
און וויפֿל מאָל סע ווערט מיר שווער און פֿיינלעך ביז שגעון,
איך מאַך אַ שלייף און שטעק אַריין דעם קאָפּ מיינעם דעם גראָען
און וויג זיך פֿאַר די אויגן פֿון צדיקים און רשעים
אַהין און צוריק, אַהין און צוריק.

פֿאַרוואָס ביסטו פֿאַרשוווּנדן פֿונעם הימל, גאָט ? !
און מענטשן זענען אויף דיין אָרט געוואָרן ריכטער,
און שווינדלער זענען אויף מיין אָרט געוואָרן דיכטער
און ס'איז ניט צו דערקאָנען פֿון מאַסקעס ביז געזיכטער
און ס'ווערט פֿון טאָג צו טאָג געדיכטער און געדיכטער
דער מאַסקאַראַד, דער מאַסקן־קאַראַהאָד.

סע דרייט זיך וויכערדיק אַ פֿאַרביקער ווירוואַר
און ס'האָט אויך מיך דער וויכער אַריינגעדרייט אין מיטן,
דערנאָכדעם אָפּגעשטופּט און אויף אַן אַנדערן פֿאַרביטן,
ס'האָט איינער אָנגעשמירט זיין האַלדז מיט רויטס פֿון פּרויען־ליפּן,
ווי גלייך מע האָט אים אָקערשט פֿון דער תליה אָפּגעשניטן,
זיך אויבן אָן אַוועקגעשטעלט, אַז ער זאָל שיטן, שיטן
מיט רייד, מיט אומגליקן, וואָס ער האָט ניט געליטן,
אַ דערנער־קרוינדל אויפֿן קאָפּ און אין זיין האַנט אַ היטל
צונויפֿצונעמען צווישן פֿאָלק אַ גראָשנדיקן שכר.

קאָן זיין

קאָן זיין, אַז אַזוי איז געווען
און זיין וועט עס ווידער אַזוי,
נאָר דעמלט האָב איך ניט געזען
און איצט זע איך, אַלץ איז גרוי.

פאַר מיר איז לעגענדע דאָס אַלץ,
פון וואָס איר דערציילט מיט געשמאַק,
פאַרפּראַוועט מיט פעפער און זאַלץ,
פאַרוויקלט אין גאָלד און פאַרפאַקט.

איך האָב נאָך געזויגן פון ברוסט,
ווען איר זענט געזעסן ביים טיש.
איר האָט וועגן מיר זיך דערוווּסט,
ווען איך האָב קיין ציינער שוין נישט.

איז לאָזט מיך צו רו אין מיין נויט,
צי בין איך אייך דען אַ בעל־חוב ?
איך האָב ניט פאַרזוכט אייער ברויט
און האָב אייך קיין סם ניט פאַרקויפט.

אַלט געווען

אַלט געווען בין איך אין גאַנצן
פינעף יאָר אַזוי ווי דו
און געוואָלט איך שפרינגען, טאַנצן,
שפילן זיך אַזוי ווי דו.
איך האָב אויך געוואָלט פאַרמאָגן
שפילעכלעך אַזוי ווי דו,
צו די קינדערלעך זיי טראָגן
און זיי זאָגן דאָס, וואָס דו.

איך זע דעם טויט פֿון דער ווייטנס

איך זע דעם טויט פֿון דער ווייטנס,
ער גייט מיר אַקעגן, דער טויט,
איך גרייט זיך צום טויט באַצייטנס.
איך עס דאָס לעצטע ברויט.

איך חלום דעם לעצטן חלום,
כ'שטיי אויף צום לעצטן מאָל,
מיין לעצטן חוב, איך באַצאָל אים,
אַן אַלטן חוב פֿון אַ מאָל.

דאָס ליכט גיב איך אָפּ און די פֿאַרבן,
דאָס געל און דאָס גרין און דאָס רויט,
דאָס ברוין גיב איך אָפּ פֿאַרן שטאַרבן,
דאָס בלוי גיב איך אָפּ פֿאַרן טויט.

מיין גרוב שטייט שוין גרייט צעעפֿנט,
אַ קאַסטן איז אויך שוין געקויפֿט,
און איך בין מיט אייך צערעכנט,
איך בין אייך ניט מער קיין בעל־חוב.

איך קום ניט

איך קום ניט צו דער וועלט ווי נאָך אַ חוב
אין טיש צו קלאַפּן, מאָנען — צאָלט מזומן!
כ'האָב אויך ניט אָנגעזעצט, ווי ס'טרעפֿט, דעם אַדערויף,
ווייל פּשוט־פּראָסט, איך האָב אים ניט גענומען.

איז וואָס־זשע שטעלט איר וועקסלען אויס אַצינד,
איז וואָס־זשע קומט איר איצט מיט אייערע טענות?
צי איז אייך אָנגעגאַן דער גורל פֿון אַ קינד,
וואָס איז געוווען דער יתום דער עגונה בריינעס?

איך גיב אין גאַנצן, וויפֿל איך פֿאַרמאָג,
איר דרייט די נאָז, ווי סוחרים בעתן קויפֿן,
איר שטייט אין מאַרק און וואַרט אויף יענעם טאָג,
ווען איר וועט צענפּאַד מאָנען ביים פֿאַרקויפֿן.

איך קום ניט צו דער וועלט ווי נאָך אַ חוב
אין טיש צו קלאַפּן, מאָנען — צאָלט מזומן!
כ'האָב אויך ניט אָנגעזעצט ווי ס'טרעפט דעם אַדערויף,
ווייל פשוט־פּראָסט, איך האָב אים ניט גענומען.

אין שטענדיקן וואַרטן

אין שטענדיקן וואַרטן פאַרגייען די טעג,
איך קוק אין אַלע אַרומען,
ווייל דאָס, וואָס איך וואַרט, האָט שוין קומען געמעגט,
געמעגט פון לאַנג שוין קומען.

דער זייגער גייט און סע שטייט ניט די צייט,
מעג זיין אויך דער זייגער צעבראָכן
און יענע טעג זענען לאַנג שוין ווייט,
געוואָרן פון לאַנג שוין וואָכן.

פון וואָכן — חדשים, די צייט זי שטייט
ניט איין ווי אַן אייביקער לויפער
און יענע טעג — פאַרגאַנגענערהייט —
פאַרגייען אַלץ ווייטער אָן אויפהער.

און איך שטיי נאָך אַלץ און וואַרט אויפן טאָג
אויף איינעם אַ טאָג אַזאַ מין,
וואָס האָט מיר אַזוי פיל צוגעזאָגט
און איז שוין פאַרגאַנגען מסתמא,
ער האָט מיר אַזוי פיל צוגעזאָגט
און אָפּגענאַרט, מסתמא.

אין שטענדיקן וואַרטן פאַרגייען די טעג,
איך קוק אין אַלע אַרומען,
ווייל דאָס, וואָס איך וואַרט, האָט שוין קומען געמעגט,
געמעגט פון לאַנג שוין קומען.

אויפן פערד

און איך בין ווידער, ווידער אויפן פערד,
אַזוי פיל מאָל געווען שוין אונטער אים,
אַזוי פיל מאָל געליגן אויף דער ערד
און אויסגעהערט די בייזוויליקע שטים,
וואָס האָט געזאָגט — אַזוי איז דיר באַשערט.
נאָר איצטער בין איך ווידער אויפן פערד.

און רייטנדיק קוק איך ניט אַרויף,
מיין קאָפּ געבויגן, קוק איך אַלץ אַראָפּ
און קריך אַראָפּ און הייב אַ צווייטן אויף
און טו אים אָן דאָס היטל אויפן קאָפּ
און שטויב אים אָפּ די שטרויען פון זיין גוף
און זעץ אים אויף זיין פערד צוריק אַרויף.

און זאָג אים צוויי מאָל אָן: געדענק, געדענק!
ניט איין מאָל, רייטער, פאַלן נאָך דו וועסט,
טאָ זיי צו די געפאַלענע ניט שטרענג,
בשעת דיר דאַכט, דו זיצסט אין זאָטל פעסט.
סע טרעפט, דו האָסט פאַרטראַכט זיך צי פאַרבענקט
און גאָר דיין וועזן אויף אַ האָר שוין הענגט.

און איך בין ווידער, ווידער אויפן פערד,
אַזוי פיל מאָל געווען שוין אונטער אים,
אַזוי פיל מאָל געליגן אויף דער ערד
און אויסגעהערט די בייזוויליקע שטים,
וואָס האָט געזאָגט — אַזוי איז דיר באַשערט —
נאָר איצטער בין איך ווידער אויפן פערד.

מיין אוצר

געקומען זענען מיר אויפן פאַרהער
ניט אַלע גלייך באַוואָפנטע מיט וויסן,
מיין מאַמעס גורל איז געווען אַ שטער,
איך זאָל ווי איר פון וויסנס־בוים געניסן.
אין שול, אין די פאָר קלאַסן, אויף דער לער,

האָב איך קיין סך צו וויסן ניט באַוויזן.
מיין ענטפער איז מיר אָנגעקומען שווער,
ס׳איז ניט געווען מיט וואָס מיך צו באַגריסן,
איך האָב אָבער געהאַט אַ גוט געהער,
פון אייערע ענטפערס כ׳האָב געשעפּט מיין וויסן.

און ערשט דערנאָכדעם איז אַוועק אַ גאַנג,
איר האָט דאָס וויסן ניט באַדאַרפט שוין מערער
און איך האָב עס פאַרוואַנדלט אין געזאַנג
און איך האָב עס דערקלערט מיר פאַר מיין לערער.
כ׳בין אומגעגאַנגען אין די גאַסן, לאַנג
און ממש פון די הענט פון גאַסנקערער
אַרויסגעריסן כ׳האָב אַן אַלטן באַנד,
וואָס איר האָט אין די הענט פונעם צעשטערער
אַוועקגעגעבן מיט אַ לייכטער האַנט,
ווייל איר האָט כלומרשט ניט באַדאַרפט אים מערער.

איצט מאָנט איר אייער רעכט אויפן פאַרמעג,
וואָס איר האָט אויסגעמעקט פונעם זכרון.
דעם אוצר, וואָס איך האָב אַליין אין וועג
געטראָגן אין די סאַמע שווערסטע יאָרן,
האָב איך געבראַכט פאַר מיינע לעצטע טעג
און כ׳וויל אים אויך פאַר מיינע קינדער שפּאָרן.
אומזיסט איז איצט נאָך מיר אייער געיעג,
איר וועט שוין ווייט אַצינדערט ניט פאַרפאָרן,
ס׳איז מערער שוין ניט אייערער דער פאַרמעג,
וואָס איר האָט אויסגעמעקט פונעם זכרון.

נאָר ער איז ניט פאַרשלאָסן אויף קיין שלאָס,
איך האַלט אים אויך ניט אין קיין זאַק באַהאַלטן
און ווער סע וויל קען קומען אינעם גראָז
זיך זעצן דאָ מיט מיר דעם גרויען, אַלטן ;
און ווער סע וויל קען קומען אָפן, פראָסט,
זיך זעצן אויף מיין אויסגעשפּרייטן מאַנטל,
פאַררייכערן מיט מיר אַ פּאַפּיראָס
און רעדן ווי מיט זיינס אַן אַלט־באַקאַנטן —
איך האַלט ניט מיין פאַרמעגן אויף קיין שלאָס,
איך וויל פאַר קיינעם גאָרניט באַהאַלטן.

שטורעמדיק וועל איך קומען

איך וועל אין אַ נאַכט פון שטורעם
אַוועק, דורכן פענצטער אַרויס
און שטורעמדיק וועל איך קומען
צו אייניקע דיכטער אין הויז.

און קלאַפּן אין טיש וועל איך, קלאַפּן
און שרייען דאָס גרעסטע געשריי,
ס׳וועט הילכן מיין קול און מיין קלאַפּן
אויף זייערע טישן, ביי זיי:

״וואָס וואַרעמט איר ווידער די שטולן?
וואָס דרימלט איר ווידער שוין איין?
און טרוימט פון נעכט מיט פולע
לבנות מיט גיפטיקער שיין.״

״איר זעצט זיך שוין ווידער צו זויפן
מיט אויגן פאַרמאַכט אין דער נאַכט
און זיצנדיק, ווילט איר אַנטלויפן
צו אַלץ, וואָס איז אויסגעטראַכט.

איר האָט זיך פאַרזאָרגט מיט פאַרדינסטן
ווי פריצים מיט אַל דאָס גוטס
און ס׳האָבן אייך קנעכט און דינסטן
געשייערט די נעמען, געפּוצט.

און איר האָט מציאות געהאַנדלט
און ביליק זיך איינגעקויפט רום
און פרעמדע פראַצע פאַרוואַנדלט
אין אייער אייגנטום.

דערנאָך די פרעמדע פאַרטריבן,
דעם חשבון צעריסן, פאַרברענט
און כשר זיך אונטערגעשריבן
מיט אויסגעכאַליעטע הענט.

אויף אַלץ, וואָס אין אייערע גערטנער
די פּרעמדע האָבן פֿאַרפּלאַנצט,
און אַלץ, וואָס האָט אַ ווערט נאָר,
געראָטן איז און איז גאַנץ.

איר הערט? די וואָרצלען וויינען.
די וואָרצלען פֿון בוים, וואָס בליט.
צי מיינט איר, מע קאָן זיי פֿאַרניינען
דערפֿאַר וואָס מע זעט זיי ניט?

דאָס ליכט פֿון זיבעצן זונען
וועט גראָבן, צעגראָבן די ערד
און איטלעכן וועט עס געפֿינען
און אומקערן אים זיין ווערט.

וווּהין? אירווילט אַנטרינען,
באַרימטע, באַוווּסטע לייט,
אַ שאָטן ווילט איר געפֿינען
אויף איבער דער זונענצייט.

דאָס ליכט וועט אייך סיי ווי סיי טרעפֿן,
נישטאָ קיין באַהאַלט פֿאַר אייך.
פֿאַרזוכט פּונעם סם אַ לעפֿל
פֿון אייער אייגענעם טייך.

דער סם איז פֿאַרפּראַוועט מיט טוגנט,
דער מאָרד מיט לייטישקייט שמעקט,
מיט אים האָט איר אויך אונדזער יוגנט
דאָס לעבן אָפּגעעקט.

נאָר יונגע ביימער בליען
איבער אייערע קעפּ
און איר וועט פֿאַר זיי נאָך קניען
אויף אייערע שטיינערנע טרעפּ.

אייער געוויין

און אייער געוויין איז ניט קיין געוויין,
נאָר אַ קוועטשן מיט די אויגן
און אייערע טרערן זענען פון שטיין,
וואָס פאַלן האַרט אויף פּאַפּירענעם בויגן.

איר בענקט נאָך יענער האַלבער נאַכט,
נאָך יענעם חלום, יענעם גרויען,
וואָס האָט דורך דורות אונדז אָפּגעשוואַכט,
ניט צוגעגרייט אונדז צום נסיון.

איר רעדט אַזוי פלינק וועגן קידוש השם
פון זיידעס און עלטער־זיידעס,
איר האָט אונדזער "תמות נפשי" פאַרזען,
פון וועלכן איר אַליין זענט עדות.

מיר זענען אייך גלייביק נאָכגעגאַן,
געזונגען אייערע לידער,
נאָר איר האָט זיך אויסגעשפּאַנט פון געשפּאַן,
פאַרלאָזט אין אַ נויט אייערע ברידער.

און איר האָט פון שפּאַן זיך אויסגעשפּאַנט,
געלאָזט אונדז טיף אין דער בלאָטע,
אַוועק מיטן בעסערן גורל אין האַנט
און אונדז געלאָזט די חרטה.

איצט זינגט איר ווידער דאָס זעלבע ליד
און זוכט זיך ווו צוצוטוליען.
איר הערט ? דער אָפּגענאַרטער ייד
וועט מער ניט לאָזן אייך הוליען.

איר זינגט פאַר אַ מאַסע, וואָס האָט אייך פאַרלאָזט,
איר קלאָגט פאַר די ליידיקע רוימען.
איר בויט אייך אויס אינעם גרעסטן פראָסט
אַ הייסן גיהנום פון טרוימען.

מיר וואַרענען אייך און יעדן דעם,
וואָס וואַרפט זיך אין אייערע פלאַמען
און שלאָגט זיך פאַר אייער שיינעם שם
און טרעט אויף זיין אייגענער מאַמען.

קיין תשובה וועט אייך ניט העלפן, ניין,
ווייל איר זענט געוואָרנט באַצייטנס
און אייערע טרערן זענען פון שטיין
און ליגנערן פון ווייטנס.

עס הייבט זיך שוין אָן

עס הייבט זיך שוין אָן
מיט ניט־דערלייענען, מיט ניט־דערזאָגן,
מיט ניט־דערוויינען, מיט ניט־דערקלאָגן,
מיט ניט־דערפליען, מיט ניט דערגרייכן,
כאָטש נידעריקע, כאָטש האַלבע הייכן.
עס הייבט זיך שוין אָן.

עס הייבט זיך שוין אָן
מיט לויבן אין טאָג אַריין איינער דעם צווייטן
פאַר גאָרנישטלעך, פאַר קלייניקייטן.
דו ביסט דער מחבר פון שענסטן מעטאַפער
און איך — פונעם שענסטן פאַרגלייך דער מחבר.
עס הייבט זיך שוין אָן.

עס הייבט זיך שוין אָן
מיט פלעצער פאַרכאַפּן אין אונדזער יאָרהונדערט,
פון דעם, וואָס איך זאָג דיר, דו ביסט ניט פאַרוווּנדערט,
אַז דו ביסט אַליין אַ גאַנצער אָרקעסטער,
אַז דו ביסט דער בעסטער, אַז דו ביסט דער גרעסטער,
עס הייבט זיך שוין אָן
און סע לאָזט זיך ניט אויס.
איך בעט דיך, לאָז פון געשעפּט מיך אַרויס.

נעם צונויף

נעם צונויף אין אַ טאָג אַ שיינעם
אַלע פּאָעטן און מאַך פון זיי איינעם.
קנעט זיי צוזאַמען און היט זיך ביים קנעטן,
ס'זאָל ניט אַנטרינען אַ פּאָרל פּאָעטן,
ווי ס'איז שוין געשען אַ מאָל אין מיין שטעטל.

צוויי פּאָעטן זענען זיי געוועזן
הויך געבילדעט און שטאַרק באַלעזן,
האָבן זיי ביידע גלייך געשריבן,
זענען זיי לאַנג זיך שונאים געבליבן,
איינס אויפן צווייטן רכילות געטריבן.

נאָר, אַז ס'איז געקומען צום טאָג צום שיינעם
צו מאַכן פון אַלע פּאָעטן איינעם,
האָבן זיי איינער דעם צווייטן געפונען,
זענען זיי איינער צום צווייטן געקומען,
איינער דעם צווייטן געהאָלפן אַנטרינען.

לעבן פון דעמלט אָן בשלום,
איינער אַנטלייט ביים צווייטן אַ חלום,
איינער באָרגט אַ וואָרט דעם צווייטן,
איינער גייט דעם צווייטן באַגלייטן,
ווען איינער גייט אַוועק פונעם צווייטן.

נאָך אַ ליד

דו קלאָגסט זיך, ביסט שוין מיד אַזוי פיל לידער הערן,
פּאַראַנען, זאָגסטו, לידער מערער שוין פון שטערן,
איז ווייס, אַז וואָס אונדז פעלט און וועט אונדז אייביק פעלן
איז נאָך אַ ליד, וואָס זאָל אויף ס'ניי געפעלן.

עכאָס

שלאָפט מיין שאָטן

שלאָפט מיין שאָטן אויף דער וואַנט,
וואַך איך און איך היט אים אָפּ,
כ׳ריר זיך ניט פון אָרט, ער זאָל
פון וואַנט, חלילה, ניט אַראָפּ.

פלוצעם הער איך, ווי סע פאַלט
אין דער שטילקייט אַ געלעכטער.
כ׳ציטער אויף און קוק און זע:
מיין שאָטן אויפגעוועקטער

ציטערט, ציטערט אויף דער וואַנט,
פאַלט אַראָפּ און פליט אַרויף
און ווי קנוילן רויך לויפט נאָך
זיין געלעכטער אָן אַ סוף.

טשערנאָוויץ 1934

דער האָריזאָנט איז רונד אַרום פאַרמאַכט

דער האָריזאָנט איז רונד אַרום פאַרמאַכט
און איך בין אַ געפאַנגענער אין מיטן
מיין שאָטן — אַ פאַרבלייבעכץ פון דער נאַכט —
ער טרעט ניט אָפּ און הערט ניט אויף מיך היטן.

דער טאָג פאַרגייט און ווידער קומט די נאַכט,
זי טרייסט מיך, זע, די וואַך איז אָפּגעטראָטן,
נאָר פון דער טרייסט אַרויס איך הער, סע לאַכט
דער חוזק און אַרום איז הוילער שאָטן.

כ'האָב מורא

כ'האָב מורא צו טראַכטן פון וואַלד,
כ'האָב מורא צו זען אים אין חלום,
איין חיה די צווייטע באַפאַלט
און ס'איז דאָרט ניטאָ קיין שלום.

כ'האָב מורא צו טראַכטן פון פעלד,
כ'האָב מורא פאַר אָפענע פענצטער,
דערשראָקענע קינדער אַ וועלט
און איך בין דער סאַמע קלענסטער.

כ'האָב מורא צו טראַכטן פון שטאָט,
איר שוועל אַריבערצוטרעטן,
עס האָט דאָרט פאַרבלאָנדזשעט אַ גאָט,
דער גאָט פון מיין קליינעם שטעטל.

כ'האָב מורא, כ'האָב מורא, געוואַלד!
עס פלאַקערט די שטאָט אין באַנאַכטן,
כ'האָב מורא צו טראַכטן פון וואַלד,
פון פעלד האָב איך מורא צו טראַכטן.

אַז די פענצטער

אַז די פענצטער ווערן פינצטער,
ווערן שוואַרץ די ווענט,
און דער פייער־פונק דער מינדסטער
ווי אַ שטערן ברענט.

אין דער פינצטער דער ציגייער
גליט, גלייך ערגעץ ווייט
וואָלט געברענט אַ שייטער־פייער
אין דער פינצטערקייט.

ביזן שייטער ציט אַ ברייטער
וועג דורך ברייטן פעלד,
ביזן הימל שטייט אַ לייטער,
שייטערדיק צעהעלט.

און מלאכים אויף דער לייטער
שטייגן אַפּ און אויף
און די טענצער אַרום שייטער
קוקן אַלע אַרויף.

פּלוצעם זע: דאָס פייער גוססט,
שטרעק איך אויס מיין האַנט,
לעשט זיך מיין ציגייער אויסעט
און איך טאַפּ אַ וואַנט.

עכאָס

ס׳האָט ביי נאַכט מיך אויפגעוועקט אַ רויש,
האָב איך אויפגעמאַכט די אויגן, אָנגעצונדן שיין,
ס׳פענצטער אויפגעעפנט אויף דער גאַס אַרויס,
איז דער רויש ווי אין דער ערד אַריין.

האָב איך איינגעהערט זיך אין דער טיר
און געזאָגט זיך: ווייס, אַז ניט אין הויז,
ניט אין הויז און ניט אין גאַס און נאָר אין דיר,
נאָר פון דיר אַליין רוישט אַזוי אַרויס.

עכאָס רוישן אָנגעזאַמלטע פון לאַנג
אויף יאַרידן, אויף פּאָגראָמען און אין קריג,
אויך דער עכאָ פון אַ ווייטער שטילער זאַנג
האָט זיך אין געמיט ווי אין אַ פעלד צעוויגט.

און ביי נאַכט, ווען פון גערויש פון טאָג
לייגסטו אָפּצורוען זיך אין בעט,
שווימט אַרויף אַן אָפּגערוישטע קלאָג
און דאָס האַרץ דיינס ווײנט און רוישט און רעדט.

ס'איז אויפגעגאַן אין מיר

ס'איז אויפגעגאַן אין מיר אַן אַלטער זונפאַרגאַנג,
אַן אַלטער זונפאַרגאַנג פון מיינס אַ יוגנט־טאָג,
איך האָב געשפּאַנט אויף מזרח מיט אַ ליבע־געזאַנג
און אומגעקערט זיך מיט אַ שווערן זאַק מיט קלאָג.

ס'איז אויפגעגאַן אין מיר פון פאַרגעסנקייט אַ שעה,
אַן אַלטע שפּעטע שעה פון מיינס אַ יוגנט־נאַכט,
איך האָב געמיינט, מיין מאַמע איז גלאַט אין דר'היים ניטאָ,
מיין מאַמע איז געווען פאַרשלעפּט און אומגעבראַכט.

ס'איז אויפגעגאַן ווי בליונג גאָר אַן אַלטע וווּנד,
אַן אַלטע יוגנט־וווּנד פון מיינע יוגנט־טעג,
מע קומט צום זעלבן אָרט, ווייל אונדזער ערד איז רונד,
נאָר זיך אַליין פאַרליר'ט מען אָפט אין וועג.

סע ווײנט מיין נשמה

סע ווײנט מיין נשמה אַזוי ווי אַ קינד
וואָס מע לאָזט עס וויינען.
אין דרויסן ווײנט אַ שטאַרקער ווינט,
אין שטוב איז גוט צו לייענען.
איך האָב זיך אָנגעלייענט ביז בלינד
און נישט געזען שוין קיינעם,
און נישט געהערט שוין מער דעם ווינט
און נישט געהערט דאָס וויינען.

סע ווײנט מיין נשמה אַזוי ווי אַ קינד,
מיין אייגענע נשמה,
און ניט עפּעס אַ פרעמדער ווינט,
וואָס קיינער וויל ניט קאָנען,
סע ווײנט מיין נשמה ווי אַ קינד
און טוט אין זיך דערמאָנען
און ניט עפּעס אַ פרעמדער ווינט,
מיין אייגענע נשמה.

אין חלום

די אויגן פֿאַלן מיר צו,
די אויערן שליסן זיך אויס,
נאָר מיינט ניט, אַז כ'האָב שוין רו,
אין חלום איז אויך אַ גערויש.

אין חלום איז אויך אַ יאַריד,
אַ הילכיקע, פֿאַרביקע שלאַכט,
ס'האָט דאָרט זיך אַ זון צעגליט,
אין חלום איז ניט קיין נאַכט.

אין חלום בין איך גאָר יונג
און אָפּט אפֿילו אַ קינד,
וואָס טוט נאָך אַ טאַנץ און אַ שפּרונג
אַ פֿאַל און אַ יאָג ווי דער ווינט.

איך טו אַ שפּרונג און אַ פֿאַל
אַראָפּ פֿון אַ בוים אין אַ וואַלד,
איך גליטש זיך איבער אַ שטראַל
און ס'ווערט מיר הייס און קאַלט.

ס'ווערט מיר אי קאַלט אי הייס,
איך באָד זיך ווי אין אַ באָד,
איך באָד זיך אין חלום־שווייס
אין מיט פֿון אַ שטיינערנער שטאָט.

אָט בין איך אין חלום אַ קאַץ,
אַ לאָשעק און באַלד אַ קאַלב,
וואָס ווינט אין אַ שטאַל אַ פּאַלאַץ,
וואָס איז צעבראָכן אויף האַלב.

אָט בין איך אי איך, אי ניט איך,
אָט בין איך גאָר ער און דו,
ביז ענדלעך געפֿין איך זיך,
נאָר איך געפֿין ניט קיין רו.

מיינע אָפּגענאַרטע בלוטן

מיינע אָפּגענאַרטע בלוטן גלייבן ניט דעם קלאַפּ אין טיר,
זיץ איך און איך ענטפער ניט, איך טו זיך ניט קיין ריר
זיץ איך אַ פאַרשלאָסענער, דער שליסל איז ביי מיר.

כ'ווייס, אַז ערגעץ הייצט מען און מע שיקט מיר וואַרעמקייט צו,
כ'ווייס, אַז ערגעץ הייצט מען און מע שיקט מיר ליכט און רו.
כ'וואָלט געגאַן דעם ערגעץ זוכן, איז ער אָבער ערגעץ ווּ.

צו פיל מאָנערס האָבן זיך געמאָלדן מיר נאָך שכר,
שכר קאָן צאָלן דער נאַר, וואָס ער האַלט זיך פאַר אַ האַר
און האָט אָנגעזאַמלט, ביי די מאָנערס טאַקע, זייער מי און צער.

מיינע אָפּגענאַרטע בלוטן גלייבן ניט דעם גרינעם גראָז
און דעם וואַסער, וואָס מע שיקט מיר דורך די רערן גלייך אין גלאָז,
עפּעס שרייען מיינע בלוטן, קיינער וויל ניט הערן וואָס.

דאַנקען גאָט

ווען איך לייג ביי נאַכט אין בעט זיך
אָפּצורוען פונעם טאָג,
און דאָס שווערע האַרץ צערעדט זיך,
הער איך, ווי סע זאָגט :

אָנגעיאָגט זיך, אָנגעלאָפן
איבער גאַסן פון דער שטאָט,
ביז צוריק אַהיים געטראָפן —
דאַנקען־דאַנקען גאָט.

מיין קאָפּ איז קלאָר

מיין קאָפּ איז קלאָר, מיין האַרץ איז דורכזיכטיק,
פאַרוואָס זשע איז אין ערגעץ מיר ניט ליכטיק?
סע גנבעט זיך אַ טונקלקייט אַריין
אין דרומדיקער זונענשיין,
אין שלאָפנדיקן, צפונדיקן שניי,
אין קאַלטן קלאָרן וויין,
אין הייסער זידנדיקער טיי,
אין הייס, אין קאַלטס,
אין אַלץ
און וווּ איך שטיי און גיי.

מיין קאָפּ

ס'איז מיין קאָפּ באַלאָדן
ביזן סאַמע שפּיץ,
איז מיר שווער אים טראָגן
אין אַזאַ מין היץ.

פולע זעק מיט זאָרגן,
דאגות — גאַנצע בערג
פון יאַרידן, טאָרגן
און פון ווייטע מערק.

זעק — נאָך ניט געעפנט,
בערג — נאָך ניט גערירט,
איז מיר שווער צו טרעפן,
וואָס סע וואַרט אויף מיר.

וואָס מע קען שוין וויסן
מיט אַזאַ מין קאָפּ!
אויף אַ ווייכן קישן
פאַלט מיין קאָפּ אַראָפּ.

און ער ווערט אַנטשלאָפֿן
מיט אַן אויג פֿאַרמאַכט
און דאָס צווייטע אָפֿן
שטעלט זיך אויף דער וואַך.

ס׳טרעפֿט אויך מיט אַ וועכטער,
אַז ער דרימלט איין,
ווען אין שוואַרצע נעכט ער
זעט פֿאַר זיך קיין שיין.

מיט אַ מאָל ווערט גרינגער
אויפֿן קאָפּ ביי מיר,
ווי מיט גרינגע פֿינגער
וואָלט מען טאָן אַ ריר.

זאָל עס זיין אַ פֿידל
וויל אַ ציטער טאָן
אָדער גאָר אַ נאָדל
איז אַריין אין קאָן.

און פֿון סאַמע מיטן
דורכגעשטאָכענע זעק
אָנגעהויבן שיטן
אַל די וויסטע שלעק.

שרעק און אַנגסט און ציטער,
פּחד פֿאַר דער וועלט
און די טיי איז ביטער,
און דער צוקער פֿעלט.

און דאָס ברויט איז טרוקן
און דאָס קינד ניט זאַט,
ציטער איך מסוכן,
ציטער ווי אַ בלאַט.

שטעכט און שטעכט די נאָדל,
אויסגעשאָטן אַלץ,
קומט די ריי פֿון פֿידל
צוצושיטן זאַלץ.

ניט מיט גלאַנץ געקומען,
פראָסטער פידל בלויז,
ניט קיין פידל־בלומען,
ניט קיין פידל־רויז.

שיט ער אַלץ און שיט ער,
שיט ער ביזן סוף,
כ׳טו אַ פרישן ציטער
אין מיין טיפן שלאָף.

אַז דעם קאָפּ ווערט גרינגער,
דאַרף דאָך ווערן גוט,
וואָס זשע זענען פינגער
הוילע ווונד און בלוט?

דאָס גייט אויכעט איבער,
ס׳קומט די בעסטע שעה
און די נאָדל ווידער
אָנגעשאַרפט איז דאָ.

סטענגעס רויטע, בלאָע
ציען זיך אַ קייט,
האָט דאָס אויג הנאה
שלאָפנדיקערהייט.

שטעכט די נאָדל ווייטער
און דערשטעכט זיך דאָך,
קריכט אַרויס אַ לייטער
דורך אַ נאָדל־שטאָך.

שטייגט זי ביזן הימל
פון דער טיפער ערד —
ס׳איז דער לעצטער דרימל
איידער טאָג סע ווערט.

עפן איך די אויגן
און איך וויש זיי אויס,
פליט דער רעגנבויגן
פון דער שטוב אַרויס.

פליט אַרויף די לייטער,
פאַלט אַראָפּ מיין קאָפּ,
וואַקסט באַלד אויס אַ צווייטער,
פאַלט ער ניט אַראָפּ.

ס'איז דער קאָפּ באַלאָדן
ביזן סאַמע שפּיץ
און איך מוז אים טראָגן
אין דער גרויסער היץ.

איך ווייס ניט

איך ווייס ניט, ווער ס'איז שולדיק, איך צי דו,
קען זיין, אַז שולדיק איז גאָר דאָרט אַ דריטער,
נאָר דיך מקנא בין איך מיט דיין רו,
בשעת איך פיל אין זיך, איך ווער צעשפּליטערט.

איך ווייס ניט, ווער פון אונדז עס איז געבענטשט,
איך ווייס ניט ווער פון אונדז עס איז פאַרשאָלטן,
אין יעדן מענטשן זע איך גאַנץ דעם מענטש,
נאָר זיך, ווי כ'וואָלט געווען אויף צוויי געשפּאָלטן.

איך ווייס ניט, ווער פון אונדז איז מער גערעכט,
קאָן זיין אַ דריטער איז פון אונדז גערעכטער,
נאָר כ'זע דיך שלאָפן רויק אין די נעכט
און ס'איז דיין שלאָף אַן אמתער, אַן עכטער.

מיט פאַרמאַכטע אויגן

נעם אַרום מיין קאָפּ מיט דיינע יונגע הענט,
נעם אַריין מיין קאָפּ אין דיינע הייסע פינגער,
מיט פאַרמאַכטע אויגן האָב איך דיך דערקענט,
ווי אַן אמת־אַלטער, אמת־בלינדער זינגער.

זיי מיין אייניקל און זעץ דיך אויף די קני —
איז דיר שלעכט מיך האָבן פאַר אַ זיידן?
פיר מיך תפילה טון אַלע אין דער פרי
צו דעם עץ החיים פון גן־עדן.

אַן דעם וועג צו קענען פירסטו מיך אַוועק,
אַן אַ שטעקן גיי איך דיר דערנעבן;
הייבסט אַרויף מיר ביז דער נאָז דעם וועג —
און ער שמעקט מיט פרישער ערד, מיט לעבן.

גאָט האָט דיר אַן אַלטן ייד באַשערט,
ס'וואַקסט דאָך ווייסע האָר שוין אויף מיין פנים —
כ'לויף דיר נאָך ווי אַ סאָלדאַטסקע פערד,
וואָס מע נעמט עס שוין ניט אויף מלחמה.

נעם אַרום מיין קאָפּ מיט יונגע הענט
נעם אַריין מיין קאָפּ אין הייסע פינגער,
מיט פאַרמאַסטע אויגן האָב איך דיך דערקענט,
ווי אַן אמת־אַלטער, אמת־בלינדער זינגער.

איך האָב אַזוי פיל נאַרישקייטן אָפּגעטאָן

איך האָב אַזוי פיל נאַרישקייטן אָפּגעטון,
כדי איך זאָל אַ ביסל קליגער ווערן,
בשעת די שטילע נאַכט האָט אָנגעטון
און זי באַצירט, די פינצטערניש, מיט שטערן.

קיין גרויסע חכמה, זאָגט איר, איז עס נישט,
דאָס ביסל שטערנשיין איבער די שנייען,
וואָס האָט זיך מיט דער ווייסקייט אויסגעמישט,
כדי צו שיינען אין דער נאַכט אין צווייען.

נאָר איך, וואָס דאַרף ניט מערער אויף קיין האָר
פון דעם, וואָס איך באַדאַרף. איך קוק, איך לייען
דאָס ביסל שטילע שיין, וואָס שיינט מיר קלאָר
אין אָט דער וואָר פון שטערן און פון שנייען.

אין קעלער פון מיין נשמה

אין קעלער פון מיין נשמה
דאָרט פינצטערט אַ חיה פאַרשפּאַרט,
זי זעט ניט קיין זון, קיין לבנה,
נאָר הויערט און לויערט און וואַרט.

דערוואַרט זיך אויף נעכט אויף שוואַרצע
און עפּעס זי כישופט, זי טוט
און קריכט אַרויף צו מיין האַרצן
און שלענגלט אַרום אין מיין בלוט.

זי קרומט אויס די חיהשע מאָרדע
און ווישט זיך דעם קויטיקן שווייס
און רעדט אָן, באַפעלט מיר צו מאָרדן,
צו צינדן, צו אַל דאָס בייז.

נאָר שוואַך איז מיין בלוט פאַר דער חיה,
וואָס דראָט מיט נקמה, מיט שטראָף
און כ'הייב אָן ביי נאַכט צו שרייען
און ס'וועקט מיך מיין פרוי פונעם שלאָף.

די חיה פאַרשווינדט פונעם האַרצן,
ליגט ווידער אין קעלער פאַרשטומט,
נאָר כ'ווייס, זי קומט מיך פאַרשוואַרצן
געניי אין אַ חודש אַרום.

פון חודש צו חודש די חיה
ווערט בייזער און שוואַך מיין געביין,
צי וועלן די כוחות מיר סטייען
דער בייזקייט אַקעגנצושטיין?

אין קעלער פון מיין נשמה
דאָרט פינצטערט אַ חיה פאַרשפּאַרט,
זי זעט ניט קיין זון, קיין לבנה,
נאָר הויערט און לויערט און וואַרט.

איז ווען דערציילן

איז ווען דערציילן און ווער דאַרף עס וויסן,
וואָס איינעם, אַ צווייטן קומט שווער אָן דער ביסן,
אַז ס'בלייבט ניט קיין כוח, דעם ביסן געניסן.

איז ווען דערציילן און ווער וועט עס הערן,
וואָס איינעם איז שווער דעם גורל דעם שווערן
צו שלעפּן אַרויף צו די שטערן.

איז ווען דערציילן, די ווענט צי דער סטעליע,
פאַר יאָקל בן משה ? פאַר משה בן עליע ?
עס הודיעט אין מוח אַ גאַנצע קאַפּעלע.

כ'וויל זיך איבערבעטן

כ'וויל זיך איבערבעטן, איז ניטאָ מיט וועמען,
כ'וויל מחילה בעטן, איז ניט ביי וועמען.
אָפּן וויל איך רעדן, איז ניטאָ צו וועמען,
ווידוי וויל איך זאָגן, איז ניטאָ פאַר וועמען,
מוז איך שוין פאַר זיך אַליין זיך שעמען.

פריי פון חלום

אמת, שיין געווען דער חלום
אויפן דיל פונעם וואַגאָן,
מאָלער, הייב זיך אויף און מאָל אים,
דיכטער, טו אין שפּראַך אים אָן.

זאָל ער בלייבן פאַר די דורות,
גיט דעם חלום אָפּ זיין פּלאַץ,
די געשיכטע פון חלומות
האָט דעם חלום אָפּגעשאַצט.

אָבער איך וועל טאַנצן, טאַנצן
באָרוועס און אַליין מיט זיך,
כ'האָב באַפרייט זיך שוין אין גאַנצן
פונעם חלום וועגן שיך.

כ'בין אין גאַנצן פריי געוואָרן
פונעם חלום וועגן גליק,
וואָס איך האָב געחלומט יאָרן
יעדעס יאָר אַן אַנדער שטיק.

אויף די האַרטע קאַלטע ברעטער
פונעם דיל פונעם וואַגאָן
שטיי איך פריי פון שיינעם שפּעטער,
כ'האָב אין היינט זיך אָנגעטאָן.

כ'האָב זיך אָנגעטאָן די גראָע
וואָלקנס פון פאַרשטויבטער שויב,
כ'האָב פאַרטריבן אַלע בלאָע
טרוימען און איך טאַנץ אין שטויב.

איך וועל טאַנצן, טאַנצן, טאַנצן
באָרוועס און אַליין מיט זיך,
כ'האָב באַפרייט זיך שוין אין גאַנצן
פונעם חלום וועגן שיך.

און איך בין ניט קיין חסיד
פונעם עתיד

און איך בין ניט קיין חסיד פונעם עתיד,
איך דין ניט צו דעם געץ פון אונדזער קץ,
וואָס האָט אַזוי פיל דורות אָפּגעקאָסיעט
און נאַרט שוין ווידער קינדער אין זיין נעץ.

ער קוקט צו זיי פון ווייטנס ווי אַ פאַקל
און לעשט זיך ביסלעכווייז, וואָס נענטער ס'קומט די צייט
און לעשט זיך אויס אין גאַנצן אין סך הכל,
אַ צווייטער פאַקל לאָקט זיי פון דער ווייט.

זיי לאָזן שטיין די טאָג־שיין און זיי יאָגן
צו זונען, וועלכע דאַרפן אויפגיין ערשט
און אַז די זון גייט אויף און ס׳הייבט אָן טאָגן,
זיי קוקן ווייטער שוין אויף טויזנט ווערסט.

זיי יאָגן זיך נאָך גליקן אין די ווייטן
און טרעטן אויפן גליק אין מיטן וועג,
און אַז זיי גרייכן שוין צו איינער פון די צייטן,
אַנטלויפט די צייט צום דורכגעמאַכטן וועג.

דערפאַר בין איך קיין חסיד ניט פון עתיד,
איך דין ניט צו דעם געץ פון אונדזער קץ,
וואָס האָט אַזוי פיל דורות אָפּגעקאָסיעט
און נאַרט שוין ווידער קינדער אין זיין נעץ.

פאַר וועמען?

פאַר וועמען זיך שעמען?
פאַר יענעם, וואָס הייצט דעם גיהנום
און האָט פון זיין ברענען און בראָטן רשעים,
און האָט פון זיין רישעות צו שטראָפן הנאה?

צו וועמען זיך נויגן?
צו דעם, וואָס האָט אונדז צו דרייסטקייט דערצויגן,
באַוואָפנט די הענט אונדז מיט פייל און מיט בויגן,
געבראַכט צו דער שלאַכט און אַליין אָפּגעצויגן?

פאַר וועמען זיין ווי אַ ווידוי אָפן?
פאַר דעם, וואָס איז מיט ווייבער געשלאָפן,
ווען דו האָסט די יאָרן די בעסטע פאַרלוירן
און ווייט אינעם צפון די פיס אָפּגעפרוירן?

ביי וועמען? פון וועמען
די זיטן, דעם שטייגער איבערנעמען?
פון דעם, וואָס האָלט, ביסט צו ליידן געבוירן
און ליידן איז דיינער און ניט זיין גורל?

פון וועמען? ביי וועמען?
ביי פריינט? ביי שכנים?
איך ענטפער מיט ניינען —
ביי קיינעם, ביי קיינעם.

דער וואָלף טרעט

דער וואָלף טרעט אין וואַלד צווישן ביימער
און איך — אין דער שטאָט צווישן ווענט
און איבער אונדז ביידע ווי שטיינער
די וואָלקנס ביי גאָט אין די הענט.

דער וואָלף וואַרפט אין וואַלד זיך אויף האָזן
און גאָט וואַרפט אין אים ווי אין מיר
די שטיינער אין וואַלד, אויך אויף שטראָזן,
וווּ איך גיי אַרום אויף שפּאַציר.

און גאָט שפּילט מיט מיר אַ קאַטאָוועס
און טרעפט מיר און ברעכט מיר אַ ביין,
עס טרעפט אויך אַז גאָט האָט אַ טעות
און טרעפט אין אַ צווייטן דעם שטיין.

דערפיל איך זיך נידעריק, העסלעך,
מיך טוט אַזוי ווי מיין געווינס
און כ'שלעפּ דורך שמאָלינקע געסלעך
אַ טרויעריק לידל אַ דינס.

די בייזע שפּיל

איך בין אַרייַנגעצויגן אין אַ בייזער שפּיל,
כ'האָב איין מאָל אין מיין לעבן נאָכגעגעבן בלויז
אין נאָמען פון אַ שווינדלערישן ציל,
איצט וויל איך פון דער שפּיל צוריק אַרויס.

צי זאָל איך ווייטער נאָכגעבן דערפאַר,
ווייל ס'איז צו מיר ניט פריינטלעך דער צוריק,
דער וועג צוריק איז קיינעם ניט פאַרשפּאַרט,
כאָטש ס'וואַרט אויף אים פאַר קיינעם ניט קיין גליק.

וואָס טויג מיר גליק ? איך וויל צוריק־צוריק,
איך האָב שוין לאַנג צעריסן מיט דער שפּיל
און איין געפיל פאַרשאַפט מיר איצטער גליק,
איך גיי דעם וועג אויף וועלכן איך וויל.

היי !

היי, שלימזלדיקער רשע,
האָסט פאַרשפּעטיקט מיט דיין פּלאַן
ביסט צופוס מיר נאָכגעלאָפן,
איך אַנטלאָפן מיט דער באַן.

היי, דו רשע, בלוטיק־בייזער,
שרעקסט ? מיך שרעקט שוין ניט קיין שרעק,
האָסט מיר נאָכגעיאָגט אויף רעדער,
איך — אויף פליגל בין אַוועק.

יאָגסט זיך, פּאָכסט מיט דער נשמה,
קאָנסט ניט נאָכיאָגן דער צייט,
זוכסטו מיך אויף דער לבנה,
בין איך אויף די שטערן ווייט.

שטערן אויפן הימל

לוד 1972

פאַר טאָג. אַראָפּ פונעם בריקל,
אַרויף אויף דער הייליקער ערד
און גראַניט. איך האַלט אויף אַ שטריקל
מיין פּעקל פון קליינער ווערט.

אין פּעקל אַ העמד מיט אַ זייפל.
איך טראַכט, איך בין נאָך ניט ראַזירט,
מיין פרוי, זי איז ממש פאַרצווייפלט —
פאַרגעסן ס׳בריוונפּאַפּיר.

און שוין וויל זי שרייבן אַ בריוול
דער שוועסטער, וואָס זי האָט פאַרלאָזט,
סאָלדאַטן אין שיך (ניט אין שטיוול)
פאַרוואַקסן און אָפּגעלאָזט

זיך דרייען אַרום מיט די ביקסן
אויף אַקסל און גלאַט אין דער האַנט,
אַ יידישע מויד ווי אַ שיקסל
אין קליידער פון אַ סערזשאַנט,

וואָס רעגולירט די באַוועגונג,
די טעקסיס און זי רעגירט
מיט אויטאָבוסן און וועגן
און פירט די באַוועגונג און פירט.

מע ברענגט אונדז אַרויף ערגעץ אויבן,
ס׳איז הייס, טו איך אויס דעם ראָק
און דורך די גרויסע שויבן
פון סאַמע, פון העכסטן שטאָק

מיר קוקן אַראָפּ אויף אונדזערס,
מיר קוקן צום לאַנד אַרויס
און חוץ דעם לאַנד קיין באַזונדערס
געפינט מיין פרוי ניט אויס.

און אָט איז די טאָכטער, דער איידעם,
זיך טרעפן לאָזט מען נאָך נישט,
זיי קוקן אַרויף צום בוידעם,
מיר קוקן אַראָפּ אויפן כביש

און אָט זעמיר אַלע צוזאַמען,
די קינדער, דער קוש און די טרער,
די טאָכטער מיט דער מאַמען,
דער איידעם מיטן שווער.

טומלט ניט!

טומלט ניט און שטעלט מיר ניט קיין פראַגן,
איידער נאָך איך האָב מיין האָרץ דערהערט —
צי איך בין צופרידן מיט מיין לאַגע
אויף דער אויסגעבענקטער ערד.

לאָזט מיך קוקן, לאָזט אַליין מיך פילן
ווי די שטראַלן קלעטערן אויף בערג,
כ׳וועל נאָך היינט דאָס אויג ניט קענען שטילן
אויף די ברוינע ראָזשינקעס־און־מאַנדלען־מערק.

לאָזט אַליין מיך אומגיין, לאָזט מיך שטייגן,
גיט דעם רעדנער, וואָס אים קומט — אַ וואָרט,
מיר — אַ ביסל פרייהייט אויף צו שווייגן,
שווייגן היט די הייליקייט פון אָרט.

חיפה

אין דער צייט פון דראַנג און שטורעם
בויען מיר די בבל־בערג
אויפן קאַרק פון כרמל־טורעם
און סע שפיגלט זיך דאָס ווערק

אינעם אומרו פון די כוואַליעס,
אינעם אומרו פונעם ים,
וואָס אַ מאָל איז ער אַ טלית
און אַ מאָל אַ בלויקייט סתם.

אויף די זאַמדן אויף די נאַסע,
אויף די זאַמדן פונעם ברעג,
וואַרפט אַ ייד די גלות־משא
אין דער שקיעה־שיין אַוועק.

און ער שפיגלט זיך אין וואַסער
און ער טובלט זיך אין ים
און ער גייט אַרויס אַ נאַסער
פונעם פורפור־פלאַם.

און ער שטייגט אַרויף צום טורעם
און ער קוקט צוריק אַט־אָט
און סע פורעמט זיך אַ שטורעם
אויפן שפיגל פון דער שטאָט.

אין באר־שבע

איך קוק און איך זע: אברהם אבינו
טרעט אויפן דאַזיקן טראָטואַר
און אויף דער אימפּראָוויזירטער בינע
ער האַלט אַ רעדע ווי אַ שר.

זיין שטעקן איז נאָך פון תרח׳ס צייטן,
נאָר אויפן קאָפּ ער טראָגט גאָר אַ הוט,
ער איז אויף אַן אייזל געקומען צו רייטן
צום היינטיקן יום העצמאות.

דאָס אייזל געלאָזט ביים פאַרשוווּנדענעם טויער,
דעם מאַנטל־טלית אויסגעטאָן
און זיך פאַרקוקט אויף דער ווייסער־בלויער
יצחקדיקער ישׂראל־פאָן.

די אייניקלעך — אַלטע באַיאָרטע יידן
און יונגע חברה מיט בערד,
פון אַלע ווילדע וועלט־יאַרידן
צום זיידנס ברונעם זיך אומגעקערט.

ס'איז שווער דאָס וואַסער אַרויסצובאַקומען
פון ברונעמס טיפן, פון דער טיפקייט פון צייט,
נאַר אויסגעשליפן איז דער ברונעם
און ס'לוינט זיך צו קומען פון אַל די ווייט.

אין שווייס פון פּנים איר וועט דאָ פאַרדינען
דעם לויטערן טרונק, דאָס וואַסער־קרישטאָל,
סע שמעקט באר שבע מיט אברהם אבינו,
וואָס כ'האָב אים געזען היינט עטלעכע מאָל.

שטערן אויפן הימל

און דאַנקען גאָט, די שטערן האָבן ווידער
באַוויזן זיך אין הימל ווי אַמאָל
און ווידער קלינגען אַלטע שטערן־לידער
און טאַקע ווידער און טאַקע נאָך אַ מאָל.

דאָס זעלבע לאַנד. די זעלבע שטערן ווידער,
וואָס שיינען ווידער איבער באַרג און טאָל,
פון בבל ברענגט מען היים די ציון־לידער,
די ניט־באַפלעקטע לידער פון אַמאָל.

און ווער סע נעמט אונדז אויף מיט קידער־ווידער,
מיט בבל־דזשאַז, מיט הייזעריקן קול,
מיר ענטפערן: די שטערן האָבן ווידער
באַוויזן זיך אין הימל ווי אַמאָל.

ירושלים, 27.10.1974

ירושלים

די שטאָט די פאַרברענטע
צוריק מיט יאָרהונדערטער,
די שטאָט די געשענדטע
און שווער פאַרווונדעטע,
די שטאָט די צעטיילטע
און ווידער פאַראייניקטע,
די אויסגעהיילטע
די שטאָט די הייליקע,
איך שטיי אויף די שטיינער
די גרויע, פאַרטרויערטע,
איך קוק אויף די שטיינער
די פריילעך פאַרמויערטע,
איך קוק אויף בנינים
פון זון באַגילדעטע,
דאָס קול פון מנינים
ביז וואָלקנס צעזילבערטע
קלינגט אָפּ מיט התלהבות
אין דבקות געריייניקטע,
מיט יידישער אחדות
אין שטאָט אין פאַראייניקטער.

ירושלים, 6.10.1975

ביים כותל

איך שטיי ביים כותל ניט קיין פרומער,
איך שטיי ביים כותל אין גאַנצן אַ שטומער,
איך דאַוון ניט, איך בין נאָר אַ הערער,
און הער זיך צו צום כותל, מיין לערער,
איך הער זיך צו צום אייביקן עדות,
וואָס ווייסט צו דערציילן, אַז זייערע זיידעס,
די זיידעס פון רוימישע קריסטן פרומע
(דאָס הערן ביים כותל אַלע שטומע)
האָבן צערויבט די גאָלדענע כלים

פון בית שני און אַ גאָלדענעם צלם
דאָרט אויפגעהאָנגען אין רוים הבירה
און פרומע מאַדאָנעס זינגען שירה
צום רויב, צום בילבול און צום שקר.
ס'איז יעדער קלויסטער־גלאָק אַ וועקער,
וואָס רופט צו מאָרד און צו פּאָגראָמען
אין נאָמען פון אונדזער גאָט און אין נאָמען
פון ישו, וואָס זיי האָבן אויפגעהאָנגען
און אַנדערע מאָרדן, וואָס זיי זענען באַגאַנגען
אויף יידישע גאַסן איבער ערשטע קריסטן,
וואָס האָבן געזויגן פון יידישע בריסטן,
דערנאָך זיי געמאַכט פאַר זייערע מאַרטירער,
פאַר זייערע הייליקע נביאים און פירער
און אונדז געשטראָפט, מאָרדנדיק ווייטער
און אונדז געברענט אויף זייערע שייטערס
און איינער פון זיי האָט אפילו שפּעטער
זיך אויסגערופן פאַר ישוס פאַרטרעטער.

צי איז טאַקע ישו געווען זייער רעטער,
צי פון אייגענע ברידער אַ פאַררעטער?
צי האָט טאַקע יהודה באמת פאַרראַטן
דעם פאָלקס־פאַררעטער פון אַ רוימישן טאַטן?
ס'איז שווער אויף די פראַגן פון פאַרצייטן
צו ענטפערן היינט ערגעץ דאָרט אין די ווייטן
פון גלות־לענדער. אויך דאָ אַ שטומער
שטיי איך ביים כותל ניט קיין פרומער,
איך דאַוון ניט, איך בין נאָר אַ הערער
איך הער זיך צו צום כותל, מיין לערער.

נייע שטאָט

ירושלים, נייע שטאָט פון אונדזער צייט,
די ווּפלטע שוין נייע שטאָט אין ירושלים?
מיר זענען די, וואָס קומען דיך באַפרייען
נאָך דעם, וואָס ביסט אַזוי פיל מאָל באַנייט.

באַפרייען דיך פון צוואַנגען, פונעם ראָד,
וואָס אָנגעטאָן מע האָט אויף דיינע לענדן,
כדי דיין קרוין, די גאָלדענע, פאַרשווענדן
אויף אויספוצן אין גלאַנץ אַ פרעמדע שטאָט

און נאָך אַ שטאָט און נאָך און נאָך און נאָך,
די גאַנצע וועלט האָט אָנגעטאָן אַ יאָך
אויף דיינע אַלטע אַקסל, נייע שטאָט.

די סיני־לוחות מיט די צען געבאָט
די שטאַרצן דאָ פון יעדער באַרג און פעלדז
די יידישע, די צען געבאָט דער וועלטס.

ירושלימער ווינטער

אַ ביסל שניי, אַ ביסל קעלט, אַ ביסל ווינט,
צונויפגעלייגט, סע ציטערן די ביימער.
אויף שטיינער נאַקעטע צעכראָסטעט שטייט אַ קינד
פאַרקוקט זיך אין דער הייך, ווו גאָט איז איינער.

און ווייטער קיינער, קיינער אין דער הייך,
אויך גאָט באַהאַלט זיך הינטער יענעם וואָלקן,
וואָס שרומפּט זיך איין, דער שניי איז ווייס און ווייך,
ס'האָט עמעצער דעם הימל אויסגעמאָלקן.

דער שניי צעגייט, די שטיינער ווערן נאַס,
די זון צעלאַכט זיך און לאַכט אויס די שנייען
און אָט איז נאָך אַ קינד אַרויס אין גאַס
צום ערשטן קינד, איז גייען זיי אין צווייען.

ירושלים, 29.2.1976

זעונג

אין מיין דמיון שפּינט זיך דאָס לעבן,
כ'זע אַ טייך ווי אויף דער האַנט
און דער טייך איז ניט אין בבל
און איז ניט אין מיין אייגן לאַנד.

אין מיין דרימל איז ווינטער־טאָג־ליכט
און דער טייך איז פאַרפרוירן אייז,
איבערן אייז ביי יעדן שעה־ליכט
שפּאַנען מענטשן געפּעלצט אין ווייס.

מענטשן און מענטשן און מענטשן
זעלטן־ווען אויך אַ הונט,
בין איך פויל זיי צו בענטשן,
זענען זיי סיי ווי געזונט.

אין מיין דמיון שפּינט זיך דאָס לעבן,
אין מיין דרימל זע איך אייז,
איבערן אייז אין מיין דרימל שוועבן
ווייסע שאָטנס סטאַדעסווייז.

ירושלים, 4.10.1975

צעברעכן וועל איך

זיגן וועט דאָס פאָלק, וואָס וועט בעסער אַרבעטן. (אבא אבן)

צעברעכן וועל איך אַלע אַלטע לוחות
מיט אויסגעקריצטע אותיות אויף זיי,
דערשלאָגן וועל איך זיך מיט אַלע כוחות
צום ביסעלע ירושלימער שניי.

צום ביסל פרישקייט וועל איך זיך דערשלאָגן,
וואָס קומט אַהער איעדער האַלבע שעה
אַן אַנדערע. צום נאַכט־ווערן, צום טאָגן
דערשלאָגן זיך. צום חיפהר הימלבלאָ.

צום תל־אביבער מאַרק מיט גרינסן פרישע,
צו די כיכרים מיט די יונגע לייט,
וואָס דאַרפן מיך ניט האָבן ביי די טישלעך
און איך מוז שעפּן נחת פון אַ זייט.

צו די קיבוצים מיט חלוצים בעתן טאַנצן
וועל קומען איך זיך שטעלן אויף די קני,
ווייל איך בין ניט געוועזן בעתן פלאַנצן
דאָס גרינע לעבן דאָ מיט שווייס און מי.

די מי, די שווערע מי, דער גרעסטער ייחוס,
דער שיין, אַז אונדזער ערד איז אונדזער ערד.
צעברעכן וועל איך אַלע אַלטע לוחות,
ווייל אונדזער אַקערשאַרף איז אונדזער שווערד.

אין ירושלים

הייליקע ערטער זינט טויזנטער יאָרן,
בערג פון לאַנג באַרימט און באַוווּסט,
נאָר דאָס יונגע פאַרליבטע פּאָרל
האָט זיך נאָך ניט געקושט.

דוד דעם זינגער און שלמה דעם חכם
האָט מען לאַנג שוין אָפּגעשאַצט,
דוד און שלמה, אונדזערע מלכים —
אָט איז אַ זכר פון זייערס אַ פּאַלאַץ.

נאָר קיין פּלאַץ פאַרן יונגן פּאָרל
וווּ זיך צו קושן איז ניט פאַראַן
און די ליבשאַפט פון יונגע יאָרן,
און די ליבשאַפט פון פרוי און מאַן

בלאָנדזשעט אַרום און זוכט אַ דרויסן,
בלאָנדזשעט אַרום און זוכט אַ הויז,
קאָן דען אַ פּאָרל זיך קושן ביים כותל,
וווּ מע וויינט די אויגן זיך אויס?
קאָן דען אַ פּאָרל זיך קושן אין קלויז?

קושט מען זיך אויף די פּראָסטע גאַסן,
קושט מען זיך אויפן אָפענעם וועג
אונטער דער שיין פון לאַמטערן פון בלאַסן,
אונטער דער שטאַרקער שיין פון די טעג.

אין שפּיטאָל

אין דרויסן איז הייס, דער דאָקטער איז קאַלט
און ניט מיט דער קראַנקער פאַרנומען,
ער האָט זיין חודשלעכן געהאַלט
דאָך ניט פון דער האַנט פון דער קראַנקער באַקומען.

אין דרויסן איז הייס, די שוועסטער איז אייז
און ווייט פון דער קראַנקערס טרערן,
איר ערשט־געפּרעסטער כאַלאַט איז ווייס
און רויט דער צייכן אויפן שטערן.

אין דרויסן איז הייס און דער קראַנקער איז הייס,
זי קאָן מיט קיין האַנט ניט רירן
אויף אָפּצווישן פון שטערן דעם שווייס,
וואָס זידט אויף די הייסע געהירן.

אין דרויסן איז הייס, נאָר דאָס עסן ווערט קאַלט,
די קראַנקע קאָן ניט נעמען
דעם לעפל אין האַנט, די שוועסטער באַפאַלט
די קראַנקע און טוט זי פאַרשעמען.

אין דרויסן איז הייס, ס'איז קאַלט נאָר דער טויט,
ווי דאָקטוירים און קראַנקנשוועסטער,
און נאָר דער צייכן איז רויט
אויף דער פעסע דער אויסגעפּרעסטער.

חיפה, 1972

זיץ איך אין מיין הויז

זיץ איך אין מיין הויז אין ירושלים
צווישן מיינע פיר געקאַלכטע ווענט,
כ'זאָג צו זיך אַליין מיר אַ "לחיים!"
מיט צוויי פולע גלעזלעך אין די הענט.

כ'צאַקע אָן איין גלעזל אינעם צווייטן,
נאָר איך טרינק ניט אויס קיין איינס פון זיי,
כ'קוק אַרויס צום באַרגשפּיץ דעם פאַרשנייטן
(ס'איז געפאַלן היינט פאַר טאָג אַ שניי).

כ'זע די זון, זי האַלט זיך ביים פאַרלעשן,
צינד איך אָן אין שטוב אַ לעמפּלשיין,
כ'גיס אַריין דעם ווין צוריק אין פלעשל,
כ'גיס דעם ווין צוריק אין פלאַש אַריין.

כ'לאָז אַראָפּ די שטאָרן אויף די שויבן,
ווערן בלינדער מיינע בלינדע ווענט,
ווערן טויבער מיינע ווענט די טויבע,
שטיי איך ווידער מיט די גלעזלעך אין די הענט.

כ'זינג צו זיך און דאַכט זיך, אַז מיין קול איז
נישט דאָס קול פון נעכטן און דאָס הייסט,
אַז איך בין שוין אויסגעלייזט פון גלות,
אַז איך בין פון גלות אויסגעלייזט.

קיינער קלאַפּט ניט, קיינער קומט ניט שרעקן,
איז דאָך גוט, וואָס בעסער קאָן ניט זיין.
ס'קומט קיין פיינט און אויך קיין פריינד ניט וועקן,
כ'גיס דעם ווין צוריק אין פלאַש אַריין.

די צוואה אונטערגעשריבן

די צוואה אונטערגעשריבן,
פאַרשריבן דעם לעצטן שיר,
אין לעצטן וועג זיך געקליבן,
האָט עמעץ געקלאַפּט אין טיר.

„אַריין!" האָב איך אויסגעשריגן,
באַהאַלטן דאָס צוואה־פּאַפּיר
און זי איז אַריין, געשוויגן
און מילד געקוקט אויף מיר.

האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל,
האָט אָנגעטאָן אַ כאַלאַט
און מיך, איר אומבאַקאַנטן,
געפרעגט, צי בין איך זאַט.

האָט אָנגעשיילט קאַרטאָפל
און פייער געמאַכט אין קיך,
האָט אָנגעטאָן פּאַנטאָפל,
אַוועקגערוקט אירע שיך.

דאָס קליינע לידערטישל
מיט ליכט און שטילקייט פאַרשפּרייט,
האָט איבערגעצויגן די קישן
און קנעפּלעך אָנגענייט.

די לופט אין צימער פאַרצויגן
מיט גלאַנץ פון זונפאַרגיין
און איך האָב געעפנט די אויגן
און איך... בין ווידער אַליין.

די זון איז שוין פאַרגאַנגען,
דאָס צימער איז פול מיט רויך
און זי איז אין רויך זיך צעגאַנגען
ווי זאַלץ אין קאַרטאָפל־יויך.

שלאָפלאָזיקייט

ס'איז שפּעט ביי נאַכט, איך דאַרשט אַזוי צו שלאָפן
און הונגעריק בין איך נאָך אַ חלום ווי נאָך ברויט,
איך שייל אַראָפּ די לעדערנע פּאַנטאָפל
פון מיינע זאָקן און די זאָקן פון מיין הויט.

איך שינד אַראָפּ פון זיך דעם ראָק, די הויזן
און לאָז דאָס לייב מיינס אָטעמען מיט שיין
פון שוואַכן לאָמפּנליכט, וואָס דער שוואַרצער דרויסן
פון פענצטער מיינעם שלינגט עס מיט מיין שאָטן איין.

און ווען איך ליג אין בעט שוין אין דער פינצטער
ווי אַ דאַרשטיקער ביים קוואַל אין הייסן וועג,
הייבט אָן צו טאָגן אין מיין גרויען פענצטער
און איך מוז אויפשטיין ווי צו אַלע טעג.

און ווייטער האָפן כאָטש אַ ביסל שלאָפן
און לעכצן נאָך אַ חלום ווי נאָך ברויט,
אַרויפשלעפן אויף זאָקן די פּאַנטאָפל,
דאָס רעקל און די הויזן אויף מיין הויט.

ניט גוט

ניט גוט צו ליגן און ניט קענען
דעם וואָלקן אויסגלייכן אין שויב
און לאָזן ניט־פאַרהאָנגען ברענען
די זון אין לאַנגע זיילן שטויב.

ניט גוט צו ליגן און ניט וויסן,
וואָס הערט זיך דרויסן אויפן פּלאַץ,
צי קומט דאָס דונערן פון שיסן,
צי פון אַ ראָד, וואָס האָט געפּלאַצט.

ניט גוט, ניט גוט אַ צוגעשמידטער
צו קוקן אויף אַ ראָם פון גאָלד
און לאָזן ניט פאַרענדיקט לידער
און ניט אַזוי, ווי האָסט געוואָלט.

ניט גוט און ווייסט עס דער ניט־גוטער
און אפשר איז גאָר גוט אַזוי
אַ צוגעשמידטער און באַרוטער
פאַרוועבן זיך מיט אָוונט־בלוי.

ירושלים, 25.6.1975

קלאָג

און קלאָג איך זיך אויף מיינע זאָרגן,
איך בעט דיך, גלייב איר ניט, מיין קלאָג,
איך האָב אַ מאָל אַ טאָג דערוואָרגן,
געוועז אַ זאָרגן יענער טאָג.

און קלאָג איך זיך אַ מאָל אויף טרויער,
איז ווייס, אַז ס'האָט אין גאַנצן לאַנד
נאָך קיינער ניט פאַרמאַכט זיין טויער,
בשעת מע הערט, דער טרויער שפּאַנט.

און הערסטו קלאָג אויף פּיין און ווייטיק,
איז לאָז מיין קלאָגן ניט דערהערט,
כאָטש קיינעם-קיינעם איז ניט נייטיק
קיין פּיין און ווייטיק אויף דער ערד.

נאָר אויב איך וועל אַ מאָל זיך קלאָגן,
אַז כ'קאָן ניט אויסקלאָגן מיין קלאָג,
אָ דעמלט, ברודער, זאָלסטו זאָגן :
אַ קלאָג צו אים, ער לעבט אָן קלאָג.

שטראַלן קרומען זיך

שטראַלן קרומען זיך, פאַרדרייען זיך הינטער אַ שאָטן,
לויכטן, באַלויכטן די קערנדלעך, וואָס כ'האָב צעשאָטן.

בייג זיך, שוועסטערל, איידער די שיין ווערט אַנטרינען,
וועסטו, קליינינקע מיינע, דיין קערנדל דאָרטן געפינען.

היט עס, איך בעט דיך, ביז כ'וועל צוריק זיך קערן,
כ'האָף, אַז ביי דיר וועט פון קערנדל ווערן אַ קערן.

בייג זיך, שוועסטערל, בייג זיך, שטאָלץ איז דער גרעסטער חסרון.
ווייסט דאָך, פון בבל-טורעם דעם שטאָלצן איז גאָרניט געוואָרן.

איך וועל זיך בייגן צו דיר, כ'וועל אויף די הענט דיך נעמען
און דיך אויפהייבן הויך איבער די גראָע ברעמען.

ניטע, ניטע

ניטע, ניטע, ריר ניט אָן,
ס׳האָט שוין איין מאָל ווײ געטאָן.

איך געדענק דעם ווייטיק נאָך,
די דערמאָנונג טוט אַ שטאָך.

פּינקטלעך אויפֿן זעלבן אָרט,
ריר ניט אָן עס מיט קיין וואָרט.

ריר ניט אָן עס מיט קיין קוק,
כ׳האָב געליטן שוין גענוג.

כ׳בין ניט גרייט צו נאָך אַ קאָן,
ס׳האָט שוין איין מאָל ווײ געטאָן.

ניט ווי שמשון

ניט ווי שמשון בין איך שטאַרק געווען,
ניט ווי שמשון בין איך איצטער בלינד,
כ׳האָב זיך פֿון די פֿיינט אַרויסגעריסן
און ווי שמשון בעט איך זיך אַצינד.

גיב אַ ביסל כּוח צו דעם פּרייזיין,
שענק אַ ביסל קראַפֿט מיר אויף גענוס,
כ׳בין דאָך ניט ווי שמשון שטאָל און אייזן,
כ׳זאָל אַ שלאַנג צעטרעטן מיטן פֿוס.

טראָג איך דאָך אַ שלאַנג אין מיינע בלוטן
און זי שפּייט מיט גיפֿט ביי מיר אין ברוסט
און אַ גאַנצע באַנדע ליליפּוטן
זייגן מיטן בלוט דעם גיפֿט מיט לוסט.

יעדער מאָנט און ער שרייט זיין ווילן
אויס מיט קולות ווי אַן אָסיען־מאַרק,
גיב אַ ביסל קראַפֿט זיי איינצושטילן,
ניט ווי שמשון וויל איך זיין דאָך שטאַרק.

מיין שטיין

אָ, גיס מיר אָן די אויגן מיט טרערן
און לאָז מיך אויסוויינען מיין געוויין,
ס'האָט יעדער מענטש אין הימל אַ שטערן
און בלויז מיין שטערן איז אַ שטיין.

אַ שטיין צום הימל צוגעוואַקסן,
די וואָלקנס רוען אויף אים אָפּ,
די וואָלקנס רעגענען מיט שלאַקסן
און בלויז מיין שטיין פאַלט ניט אַראָפּ.

און ווען דער ווינט פאַרטרייבט די וואָלקנס
און קערט דעם הימל אויס אויף בלוי,
ווערט אויך מיין שטיין מיר בלוי און נאָענט
און אייגן ווערט ער מיר אַזוי.

און שטאַרקער פיל איך, ער איז מיינער,
מיין גורל, שטערן, מיין געמיט,
ווי זיין כ'וואָלט אַלץ נאָך אַ ציגיינער
און ניט אין לאַנד ביי זיך אַ ייד.

פעברואַר 1976

גורל

אַזוי איז מיר שוין באַשערט
אַרויפצוגיין פון אונטן,
צו קומען פון אונטער דער ערד,
פון אירע טיפסטע גרונטן.

אָט גיי איך אַרויף אויף טרעפּ,
אָט שטייג איך אַרויף אויף דעכער
און קאָן איך ניט גיין מער, שלעפּט
מיין גורל מיך העכער און העכער.

נאָר וואָס וועל איך טאָן, ווען סע טרעפט
(עס האָט שוין מיט וועמען געטראָפן)
אין מיטן פון שטייגן אויף טרעפּ
מיין גורל ווערט אַנטשלאָפן.

איך און די ווייטקייט

כ׳גיי אַפּ פונעם פענצטער, דורך וועלכן איך קוק
און ס׳טוט זיך די ווייטקייט צום פענצטער אַ רוק.

איז פּרוּוו איך צוריק איר אַקעגן צו גיין,
אַנטלויפט זי ווידער, וויל נאָענט ניט שטיין.

דאָ זע איך, אַז ס׳איז אומזיסט מיין מי,
ס׳איז שטענדיק איינער פון אונדז ניט הי.

איך אָדער זי, זי אָדער איך,
איז נעם איך די פען און פאַרצייכן אויף גיך:

מיר בלייבן צעשיידטע אויף אַלע צייטן
און כ׳לעב מיט דער ווייטקייט פון דער ווייטן.

די שטיינער שטאַרצן

די שטיינער שטאַרצן פון די בערג ווי אויסרופצייכנס
און שוואַרצן זיך ביי נאַכט ווי הויכע שאָטנס,
זיי בראָטן זיך ביי טאָג אין הייסע הייכן
און האָדעווען די ציגן מיט גראָזיקן געבראָטנס.

די שטיינער שטאַרצן פון די בערג ווי וואָלפנציינער
און רייסן זיך מיט ווייטיק פון די יאַסליעס
און אויף די וואָלפנציינער — ציגן הויט און ביינער,
וואָס נאָגן אויס דעם לעצטן טראָפּן חיות.

די שטיינער שטאַרצן פון די בערג ווי פולע זעק אויף אַקסל,
אויף פּלייצעס איינגעבויגענע אין דרייען,
זיי בייגן זיך, די בערג, בשעת די שטיינער וואַקסן
ווי אויסרופצייכנס פון דער ווייטנס, וואָס מע הערט ניט זייער שרייען.

די צייט מאָלט

די צייט מאָלט די שטיינער אויף זאַמדן,
די צייט קלעפּט פון זאַמד אויס אַ שטיין
און איך פרעג מיין שכן, דעם למדן,
מיט וועלכער צייט זאָל איך גיין.

איז קנייטשט ער צוזאַמען זיין שטערן
און לאָזט זיי די קנייטשן פאַנאַנד —
וואָס לאָזן די קנייטשן מיך הערן,
די קנייטשן פון שטומען פאַרשטאַנד ?

וואָס לאָזן די קנייטשן מיך הערן,
וואָס ער האָט פונאַנדערגעלאָזט ?
אַ מידער פון פרעגן און קלערן
איך זעץ אַוועק זיך אויף גראָז.

דאָס קאַרגע גראָז צווישן ביימער
אין ערגעץ אַ ווינקל פון לאַנד
און זאָלן זיך זאַמדן די שטיינער
און זאָל זיך שטיינען דאָס זאַמד.

פון מידבר בלאָזט . . .

פון מידבר בלאָזט אַ צוקערווינט,
די זיסקייט אויפן וועג צערינט.

און אויף דער ליפּ זיך לייגן אָפּ
די זאַמדן מיטן קאָפּ אַראָפּ.

און אויף די וויעס, אויף דער נאָז . . .
פון מידבר בלאָזט, פון מידבר בלאָזט.

גאָט

און גאָט שפּאַנט אַרום אין דער איינציקער שעה,
אין דער איינציקער שעה, ווען ס'איז קיינער ניטאָ,
ווען אויך דער וועכטער שלאָפט איין אין שטאָט,
אין דער איינציקער שעה, דער איינציקער גאָט.

און גאָט צעשפּרייט זיך איבער אַלץ,
אויף איבערן צוקער און איבערן זאַלץ
און איבערן שטיין און איבער אַספאַלט
און איבער גראָז און בוים־געשטאַלט.

און איבערן קעלער און איבערן דאַך
און איבערן וועכטער, וואָס שלאָפט אויף דער וואַך
און איבערן וואַסער, וואָס רינט אַראָפּ
און אונטער די שטערן, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ.

און גאָט שפּאַנט אַרום אַהין און אַהער,
זיין שפּאַן — ניט געזען, זיין טראָט — ניט געהערט,
דער מינדסטער שאָרך — ס'כאַפּט אויף זיך אַ קינד
אין אָט דער שעה און גאָט פאַרשווינדט.

פעברואַר 1976

ספר הזכרונות

אַן איינגעזונקענעם אין שלאָף, אין כראָפּען שווערן,
פאַרלאָזט מיך מיין נשמה און איילט זיך צו די שטערן
און מיטן קליינעם פינגערל אין בוך, וואָס ליגט דאָרט אָפן,
פאַרשרייבט זי מיינע טרעפעניש ביז מיין סאַמע שלאָפן.

און כאָטש זי שרייבט זיי אַנדערש אָן, ווי איך וואָלט זיי פאַרשריבן,
זי שרייבט נאַטוראַליסטיש און איך וואָלט שטרענג געקליבן,
איז קלאָר, אַז גאָר די שטרענגקייט, אַ תירוץ, ניט צו שרייבן,
וואָס לוינט ניט און סע וויל זיך ניט, עס זאָל פאַרשריבן בלייבן.

נאָר אָפט, ווען איך פאַרטראַכט זיך און וויל זיך וואָס דערמאָנען
און בלעטער אין מיין טאָגבוך אויף בעסער זיך דערקאָנען,
געפין איך נישט, וואָס יונגערהייט פאַר איבעריק געהאַלטן
און היינט איז עס געוואָרן אַן עיקר פאַרן אַלטן.

דערמאָן איך זיך אין ספר הזכרונות דאָרטן אויבן
און הייב אויף מיינע אויגן און האַלט זיי אויפגעהויבן
און בעט זיך ביים פאַרוואַלטער פון ביבליאָטעק פון דאָרטן,
פון נאַכט־קלוב דאָרט, ער זאָל מיר ווייזן מיינע קאָרטן.

ער זאָל מיר אויף אַ טאָג דעם ספר מיינעם באָרגן
און איך בין אַ בטוח, ער דאַרף דערפאַר ניט זאָרגן.
צעלאַכט זיך דער פאַרוואַלטער: „וואָס טוסטו, פרעגט ער, מיינען,
ווען יעדער אָפגעלעבטער טאָג אַ טאָג געדויערט לייענען?
אַ טאָג איז אויכעט ניט גענוג, מע גיט קיין ספרים קיינעם."

וויפל באָדן דאַרף דען גאָט?

וויפל באָדן דאַרף דען גאָט?
אים איז גענוג אין מידבר אַ באַרג
צו מאַכן איין־איינציקן געטלעכן טראָט,
דעם שטן די גאַנצע וועלט איז קאַרג.

וויפל גלויביקע דאַרף דען גאָט?
אים איז גענוג אַ ייד מיט אַ קול,
מיט אַ שמע ישראל ד' אחד.
דער שטן דאַרף זינדיקע אָן אַ צאָל.

וויפל דאַנק־געזאַנג דאַרף דען גאָט?
אים איז גענוג אַ ברכה אויף ברויט
און אויף אַן עפּל ערשט פונעם סאָד
דער שטן שלעפּט קוישן איבערן פּלויט.

וויפל שטנס דאַרף דען גאָט?
דער איינציקער איז אויך ניט קיין לייט,
נאָר ס'איז דעם רבונו של עולם אַ שאָד
אים אומצוברענגען פאַר דער צייט.

ווייל שבת, דאַרפט איר וויסן וויל,
ווען גאָט פון כל מלאכתו רוט,
איז דער, וואָס שוואַרצער איז פון קויל,
דער איינציקער, וואָס עפעס טוט.

מע קאָן אים די טובה מוחל זיין,
איז אָבער די מעשה דערפון אַזוי,
אַז שבת נאָך טיש, ווען גאָט שלאָפט איין,
איז אין דינסט דער שטן, דער שבת־גוי.

און גאָט הייבט אויף

און גאָט הייבט אויף די רעכטע האַנט
און רעדט צו מיר דורך אַלע וועלטן:
איך וועל דיך בענטשן מיט טאַלאַנט,
דיין לשון אָבער וועל איך שעלטן.

און גאָר די שיינקייט פון דיין שיר
זיך נערן וועט פון אָט דעם לשון,
בשעת סע בליט דיין שיר אין דיר,
דיין לשון צאַנקט און ווערט פאַרלאָשן.

און גאָט הייבט אויף די לינקע האַנט
און רעדט צו מיר דורך וואָלקנס, ביימער,
דורך אַלע שיינקייטן פון לאַנד,
פון אַלע בערג און אַלע שטיינער.

די אייביקייט איז מיינע בלויז,
דיין הויז איז שטייניק, זאַמדיק, ליימיק
און איך צעשטער דיין ערדיש הויז
און לאָז דעם הימל זיך אויף אייביק.

און גאָט לאָזט פאַלן ביידע הענט
און הערט מיין ענטפער אויס מיט גאַפן:
מיין גאָט, צעשטערן קאָנסט די ווענט,
נאָר ניט דאָס ליים, וואָס האָסט באַשאַפן.

דו קאָנסט פאַרלעשן מיר מיין שפּראַך,
נאָר ניט מיין מענטשנמויל פאַרמאַכן,
אויך מאָנגערס "שטערן אויפן דאַך"
צעפינקלען זיך אין אַנדערע שפּראַכן.

דער טאָג

דער טאָג איז אַ פּשוטער ייִד,
וואָס קומט פון חוץ לארץ,
געווען איז ער דאָרט אַ שמיד,
געקאָוועט פערד ביים פּריץ.

דער טאָג איז אַ ייִד אַ גביר,
געשעפטן פאַרמאָגט אין באָסטאָן,
האָט אַלצדינג דאָרט ליקווידירט
און לאָזט אין ישראל זיך קאָסטן.

דער טאָג איז אַ מאָלער פון פּאַד,
ער קומט אַהער זיך באַווייזן
און וואָס ער האָט שלעכט געמאַכט
פאַרריכט ער דאָ, זיינע גרייזן.

דער טאָג איז אַ חסידל דאַר,
אַ שטריימל אויף פּאות ווי לאָקן,
ער האָט די זונשיין פאַרנאַרט
צו זיך אין די ווייסע זאָקן.

איצט שפּאַרט די שיין אַרויס
און שטראַלט פון די טריט פון דער וויטן
און בריט אין די זאַמדן אויס
אַ שיין אויך פאַר אַנדערע ציטן.

דער טאָג ברענגט דעם חלום פון טאָג,
דעם אייביקן חלום פון שלום,
דער שלום אַ נעכטיקער טאָג
פאַרבלייבט אויך אויף מאָרגן אַ חלום.

דער טאָג איז ביים אַנהויב יונג
נאָר גראָ ווי אַש אין בעכער,
וואָס טראָגט באַהאַלטן דעם פונק,
וואָס האָט זיך ערשט דאָ צעפעכערט.

דער טאָג — אַ געזעצלעך קינד
מיט ברידער — ממזרים סאַמע —
די פּירות פון טאַטנס זינד
מיט עפּעס אַ פרעמדער מאַמע.

ווי וואַלקנס פון גאַר דער וועלט,
זיי מאַכן טריב דאָס געמיט אים
און מאָנען חנוכה־געלט
און מאָנען מעות חיטים.

דער טאָג איז געפאַרבט און געשמינקט,
פאַרפּוצט לויט דער לעצטער מאָדע
און פאַרביקע אייזקרעמען שלינגט,
פאַרטרינקט מיט מיץ און סאָדע.

און ווישט זיך די ליפּן אָפּ
און שמירט זיי מיט העל־רויטס ווידער
און פאַרבט זיך גרין דעם קאָפּ
און לייענט מאָדערניסטישע לידער.

און קומט דער פאַרנאַכט ניט געזאַמט,
איז צינדט דער טאָג אַ לאַמטערן,
און פליט זיך אַוועק צעפלאַמט
אויף איבער נאַכט צו אַ שטערן.

שוואַרצע יונגע בערד

די שוואַרצע יונגע בערד
פון יונגע לייט,
פון יונגע לייט,
וואָס טרעטן אויף דער ערד
און אויף דער צייט.
די צייט, די גראָע וואָר,
וואָס לייגט זיך אויף די האָר
פון שוואַרצע בערד,
זי לאָזט זיך ניט צעטרעטן ווי פון פערד
אַ ווערעמל אין וועג צעטראָטן ווערט.

ניטאָ קיין פערד,
נאָר יונגע לייט
מיט גראָע בערד,
וואָס טרעטן אויף דער צייט
און אויף דער ערד,
ביז וואַנען אַלע פאַלן זיי אַוועק
אין סאַמע־סאַמע־סאַמע מיטן וועג
און איבער זיי פון ערגעץ ווייט
די צייט די ניט־צעטראָטענע פאַרשייט
יאָגט אָן און שפּאַנט סאָלדאַטיש איבער זיי.
אַ ווייסער ווי
דאָרט פאַלט אויף גראָע בערד
ווי שניי,
אויף ווייסע בערד
פון יונגע לייט,
וואָס ניט צעטראָטן האָבן זיי די ערד
און ניט די צייט.

די סעודה

אַלע זייגערס אָנגעצויגן,
אַלע שפּיגלען אָפּגעווישט
און די בענקלעך אָנגעבויגן
פאַרן כבוד פונעם טיש.

איצטער קאָנען קומען שכנים,
איצטער קאָנען קומען געסט,
ביי דעם כיבוד ביי דעם שיינעם
זיך אַוועקזעצן אויף קעסט.

ניט קיין מצות, ניט קיין סדר,
קיין הגדה אוודאי נישט,
אויך קיין ברכה מאַכן איידער
מע פאַרזוכט דעם טעם פון טיש.

זאָל באַגריסט זײַן אײער קומען,
אײער עפּענען דאָס מויל,
ס'איז אַ יום טוב פֿאַרן גומען,
ווײל דער צונג, די צײנער ווויל !

טאָרטן וואַקסן אין די טעלער,
פּירות שפּראָצן אויפֿן שפּיץ
פֿונעם מעסער אָן אַ פֿעלער,
אָן אַ פּגם און אָן אַ קריץ.

אָבער פֿריער פֿאַרן זיסן
עסט געבראָטנס, עסט געקעכטס,
מלא טעם איז יעדער ביסן,
ווען מע שלינגט אים מיט אַ קרעכץ.

עסט געזאַלצנס, עסט געפּעפּערטס,
עסט געזײערטס, ביטערס טרינקט.
הערט, די זײגערס קלינגען עפּטער
און פֿון יעדן שפּיגל זינגט.

ס'איז אַ זײגער שטײן געבליבן,
אָפּגעקלאַפּט און אָפּגעלעבט.
ער, וואָס איז געווען צו זיבן
שפּיגלען שטענדיק צוגעקלעפּט,

וועט אַראָפּפֿאָרן אויף רעדער,
וועט אַראָפּגײן פֿון דער וואַנט,
געסט צעגײען זיך און יעדער
זאָגט אַ דאַנק און גיט אַ האַנט.

אונטער דער שטילקייט

און ווידער שפּאַנט

און ווידער שפּאַנט דער קריגסמאַן אויף דער ערד
און שניידט מיט שווערד די ריינע לופט אַדורך
און ווידער טרעט ער מיט פּאַדקאָוועס ווי אַ פערד
אויף בלומען און פאַרמיסטיקט זייער גערוך.

און ווידער שפּאַנט אַ מחנה נאָך נאָך אים,
זיי צינדן אָן די נעכט און לעשן אויס די טעג,
און ווידער רעדט זי שוין די הייזעריקע שטים,
וואָס טרייבט אַראָפּ דאָס לעבן פונעם וועג.

און ווידער ציטערט עס דאָס דינע גלאָז פון שויב,
און ווידער טרייסלען זיך די ווייסע ווענט פאַר שרעק,
און ווידער יאָגט דער ווינט דאָס אַש און שטויב
און יאָגט דעם פויגל פון זיין נעסט אַוועק.

די שווערד, וואָס איז אַ מאָל געווען אַ שטעקן,
געווען אַ מאָל אַ שטיין, אַ ביין, אַ שטאָם,
קוקט היינט אויף אונדז מיט אירע רויטע פלעקן
און שפּייט אויף אונדז מיט פייער און מיט פלאָם.

זי פאָרט אויף רעדער און זי שווימט אויף ימען
און אין דער לופטן פליט זי אויך די שווערד.
פון דור צו דור ווערט שווערער אַלץ דער מאָמען
פון אומבאַקאַנטן זעלנער אויף דער ערד.

און איך האָב געזען

און איך האָב געזען ווי די וועלט ווערט פֿאַרברענט
פֿון די הענט פֿון בערדיקע באַנדיטן
און פֿריער האָבן די זעלבע הענט
געבויט
און געזייט
און געשניטן.

און איך האָב געזען ווי די וועלט ווערט פֿאַרפּלייצט
און ניט פֿון קיין מבול פֿון אויבן.
עס האָבן זיך אַלע קוואַלן צערייצט,
צעהיצט
און צעשפּריצט
און זיך אויפֿגעהויבן.

און איך האָב געזען און איך האָב געהערט
ווי פֿייער מיט וואַסער זיך שלאָגן
און אין די געשלעגן דערטראַנקען ווערט
די ערד
מיט פֿערד
און מיט וואָגן.

און דאָרט, וווּ מע לעכצט כאָטש אַ טראָפּעלע טוי,
קומען די פֿלאַמען פֿאַרצערן,
און דאָרט, וווּ מע בענקט נאָך אַ זוניקער שטרוי,
טוען זיך וואַסערן מערן
און דאָרט, וווּ מע טרוימט פֿון אַ ביסעלע בלוי,
טוען זיך וועלטן קערן
אַראָפּ מיט לבֿנה און שטערן
און וואַלקנס גרויס ווי די בערן.

אונטער דער שטילקייט

אונטער דער שטילקייט פֿון שיינעם געדיכטן
רודערן קלאַנגען ווי פֿיש אין אַ ים,
אַ קלאַנג שטעקט אַרויס זיין זילבערן געזיכט
און פֿאַרבט זיך אויף גאָלד אינעם זונענפֿלאַם.

אונטערן ווײַ פונעם שטילן וואָרט
רודערט געשרײַ און רירט אויף די ווײַט
און וועקט אויף דאָס בלוט פונעם ערשטן מאָרד,
ביז צו די מאָרדן פון אונדזער צײַט.

אונטערן וואַקל, וואָס שלעפּט אויף צוריק
פלאַקערט אַ פאַקל, וואָס טרײַבט דיך פאָרויס
און צײַכנט די זעונג פון זיכערן זיג,
וואָס לעשט זיך מיטן פאַקל אויס.

איך שרײַב מיט די אויגן

איך שרײַב מיט די אויגן אויף די ווענט
דעם אלף־בית אַזוי ווי מיט הענט
און ווער סע קען מײַן כתב, דער דערקענט.

און ווער סע קען ניט דעם אלף־בית,
וועט גלאָצן די קוקערס און ווישן דעם שווייס
און צביעותדיק זאָגן: איך ווייס, איך ווייס!

וועט פּרוּוון פאַרלעשן מיט אַ בלאָז
דאָס זונענפייער אויף שויבנגלאָז
און בלײַבן מיט אַ לאַנגער נאָז.

די פעלדער שמעקן

די פעלדער שמעקן שטאַרקער אין דער נאַכט,
אין שטילקייט הערט מען שטאַרקער זייער ריח,
די ריחות גייען אויף צום הימל־פּראַכט,
ווי רויכעס פון אַ קינס אַ מזבח.

ס'איז קין דאַך אַן אַקערער געווען
און ניט ווי הבל, וואָס האָט שאָף געפּיטערט
און קינס קערנער האָבן זיס געברענט
און ניט ווי חלב, וואָס די לופט פאַרביטערט.

האָט גאָט דאָך קינס קרבן אָפּגעווענדט
און הבלס חלב האָט ער אויפגענומען,
כאָטש קינס קערנער האָבן זיס געברענט,
נאָר זיסער איז דער חלב צו גאָטס גומען.

האָט קין דאַן זיין פעטן ברודער גלייך
אַרויפגעוואָרפן אויפן שאָפן־שייטער
און אָפּגעוואַשן זיך די הענט אין טייך
און פונעם אָרט פון מאָרד אַוועק אַלץ ווייטער.

נאָר גאָט האָט פון די הימלען אַלץ געזען
און נאָכגעשיקט די אויגן ווי צוויי וועכטער,
ס'איז קין דער באַליידיקטער געווען
און ביזן מאָרד געוועזן דער גערעכטער.

און איצטער, איצטער איז שוין אַלץ פאַרקערט,
אַ מערדער קין איז אַ ניט געשווינטער
און גאָט שפּייט אויף די פּרוכטן פון דער ערד
פון קינס קינדער דער גערדיכט־באַווינטער.

רעכנט ניט

רעכנט ניט מיין עלטער לויט די יאָרן,
איך בין נאָך גאָר אַ קינד אין אָט דער וועלט.
בין הונדערט טויזנט מייל שוין אויסגעפאָרן
און אומעטום געזען דאָס זעלבע פעלד.

פאַראַנען, זאָגט מען, אויגן, וועלכע זעען,
וואָס טיילן איין די גרויקייטן פון שטויב,
זיי האָבן שוין באַגעגנט ווייסע קראָען,
זיי האָבן שוין געזען אַ שוואַרצע טויב.

נאָר איך בין אַלץ נאָך ווי געבוירן בלינד,
וואָס קען אין גאַנצן אַ פּאָר גראָבע פאַרבן,
ביז טיפן עלטער וועל איך זיין אַ קינד
און ווי אַ קינד, מסתמא, מוזן שטאַרבן.

איך ליג ווי אַ באַזיגטער

איך ליג ווי אַ באַזיגטער נאָך אַ שלאַכט
און גוט איז מיר צו וויסן, אַז ס'איז נאַכט
און קיינער וועט ניט שטערן מיר צו טרויערן.
ווען גאָט וואָלט מיך ווי דודן באַגליקט
און איך וואָלט מיר מיין גליתן באַזיגט,
די פאָלקספרייד וואָלט מיר פול געמאַכט די אויערן.

איך ליג ווי אַ באַזיגטער נאָך אַ קריג
און גוט איז מיר צו וויסן, אַז דאָס גליק,
וואָס קומט צו מיר איז צוגעזיסט מיט טרויער.
און גוט איז מיר צו וויסן, אַז דאָס ליד,
וואָס כ'זינג אַ מאָל אַזוי פאַר קיינעם ניט,
וועט אויך אַ מאָל דערגרייכן צו אַן אויער.

מיינע אָנגעגלאָזטע שויבן

מיינע אָנגעגלאָזטע שויבן זענען אויסגעפוצט מיט הייזער,
גרויסע הויכע הייזער ווי איין גלאַטע ריזנוואַנט,
שטאָט דער זון אין פענצטער דרייען זיך צוויי ווייזער
אויפן רונדן זייגערל, וואָס אויף מיין לינקער האַנט.

ביי מיין גלאַטן שרייבטיש, ביי דעם ווייסן בויגן,
זיצנדיק אין שטוב, אין געשלאָסענע פיר ווענט,
היט איך אָפּ די שיך פון שטויב, וואָס אויף די וועגן,
היט איך אָפּ פון שטויב די אָפּגעזייפטע הענט.

בין איך דאָך דער זעלבער, וואָס ערשט נעכטן
האָב איך אָנגעפרעסן זיך מיט ווינט, מיט זון
און האָב קרעפטן אָנגעזאַמלט אין געפעכטן
מיטן שטויביקן און מיטן סמאַליקן אַרום.

איצטער שלאָף איך רויק אויף די ווייסע קישן
און אָן מורא פאַר אַ גיפטביס פון אַ שלאַנג
און ווי נאַפט פאַרברען איך זיך ביים טישל
און איך טרייב די וועלט צום סוף, צום אונטערגאַנג.

מיין טאָגבוך

אַ גרויער, אַ שטיינערנער דרויסן
אין גלאָז פון מיין פענצטער פּאַרגליווערט,
איך קוק און בין גאָרניט ניט אויסן
צו זען פון מיין שטאָטישן צימער.

איך טראַכט און איך טייל איין די שעהען
פון מאָרגן און איבערמאָרגן,
צעוואַרף זיי אויף דאָרטנס און דאָען,
געוויינלעכע שטאָטישע זאָרגן.

איך רעכן: ביז פינעף די אַרבעט
און זעקס וועט שוין זיין נאָכן עסן
און ווייטער — מע מוז אַלץ פאַרשרייבן,
איך זאָל ניט די פונקטן פאַרגעסן.

אויף לענין־גאַס וועל איך מיר קויפן
די שיך מיט די גומענע זוילן,
אין זיי צו מיין פריינד וועל איך לויפן
און לייענען די "שריפטן" פון פוילן.

פון דאָרט וועל איך גיין און זיך שטעלן
אין ריי נאָך אַ טרונק צו נאָך אייזקרעם
און וועט מיר קיין צייט ניט פאַרפעלן,
אַ פילם אויך צו זען נאָך באַווייזן.

אַהיים וועל איך נאָך דעם זיך איילן
אין פולן טראָלייבוס ווי שטענדיק,
די זון וועט אויף מיילן־מיילן
פאַרגיין אַזוי שרפעדיק בלענדיק.

דערפון טאָר מען לאַנג ניט טראַכטן,
מע טאָר זיך אין שטאָט ניט פאַרגעסן,
זיך שפּילן מיט שיין פון פאַרנאַכטן,
הייסט בלייבן אָן שיך און אָן עסן.

איך בייל צונויף

איך בייל צונויף אין פויסט מיין כוח
און נעם צונויף מיין גייסט אין מוח
און מיטן גייסט און כוח בוי איך
מיין מזל אויס שוין אויף דער עלטער,
איך האָב אַנטדעקט אַ נייעם קעלטער
מיט אַלטן וויין, וואָס מיר געפעלט ער
און איידער נאָך איך גיי געניסן
זיין שטאַרקייט און זיין טעם דעם זיסן,
איך מוז, ווי לויטער איז ער, וויסן,
ווייל, ווי דער אויער הערט אַ ניגון,
וויל אויך דאָס אויג מיינס פאַרגעניגן,
וואָס איז אָן קלאָרקייט ניט צום קריגן.

פאַרשטיינערטע וואָלקנס

פאַרשטיינערטע וואָלקנס פון אויבן
זיך לאָזן אַראָפּ ווי אויף פליגל,
פאַרדעקן זיך גרויע ווי שטויבן
און בלייבן אויף אייביק דאָ ליגן.

צי זאָל איך דאָס פענצטער פאַרהענגען
און ס'ליכט פון די שטיינער פאַרלעשן ?
נאָר וואָס וועט דער חלום מיר ברענגען ?
צי קען מען די גראָקייט פאַרגעסן ?

עס ברענט מיך דער אומעט שוין ווידער,
עס איז אים מיין לעבן ניט טייער,
כאָטש נעם און צינד אָן אַלע לידער
און וואַרף זיך מיט זיי אינעם פייער.

שטיל, די שכנים זענען מיד

שטיל, די שכנים זענען מיד,
דאַרף מען, הייסט עס, האַלטן ס׳ליד
אין די אייגענע פיר ווענט,
איינוויגן אויף אייגענע הענט,
לייגן עס אין אייגענעם בעט,
עס פאַרדעקן מיט אַ גלעט,
ס׳זאָל ניט וויינען אויף אַ קול
ווי געטראָפן שוין אַ מאָל,
ווען די שכנים האַלבע נאַכט
האָבן זיך אין שלאָף פאַרמאַכט
טויבע ווי די גראָבע וואַנט
און געצי־טערט האָט מיין האַנט,
ווען געשריבן און געלייענט,
ביז דאָס ליד האָט זיך צעוויינט.

מיינע פריידן

כ׳נעם צונויף אַלע מיינע פריידן
אין אַ זאַק אַ גאַנצן,
כ׳לאָז זיך מיטן זאַק דעם שווערן
ווי אַ יינגל טאַנצן.

לאַכט ניט פונעם גרויען הויקער,
לאַכט ניט פונעם אַלטן,
כ׳לעבן, כ׳וועל זיך ניט פאַרקילן
אין אַ טאָג אַ קאַלטן.

כ׳לעבן, אַז איך וועל ניט שוויצן
אין אַ טאָג אַ הייסן,
כ׳טראָג אַ פולן זאַק אַ שווערן
אותיות, אלף־ביתן.

אותיות זענען מיינע פריידן,
מיינע שימחות — לידער.
זאָגט ניט, אַז דאָס זענעןליידן,
ווען איך פאַל אַנידער.

שיריים ליגן אויפן טיש צעשיט

שיריים ליגן אויפן טיש צעשיט
און וואַרטן, אַז די עסערס זאָלן בענטשן.
אין דרויסן בלאָנדזשעט אום אַ ניגון פון אַ ליד
און זוכט דאָס קול פון זינגער צווישן מענטשן,
נאָר גראָד זינגט קיינער צווישן מענטשן ניט,
ניט אין שטוב ביים טיש און ניט אין דרויסן,
די ערד — אַ שטויבל צווישן שטערן פליט
און האָט זיך ניט מיט וואָס פאַר זיי צו גרויסן.

אַ וויסטע שטילקייט האָט דעם רוים פאַרפלייצט,
די זון האָט אַלע שטערן איינגעשלונגען,
די זון איז אָנגעצונדן און צערייצט,
ווייל מ׳האָט איר היינט קיין לויבליד ניט געזונגען.
די ערד האָט זיך צעקאַרנט און צעווייצט
און איצטער ליגט זי אָפּגעקאָסיעט, טרוקן,
דער רוים ווי אין אַ באָד איז אָנגעהייצט
און ס׳ליגט דאָס ליד פאַרחלשט, קראַנק מסוכן.

און נאָר די ווינטן וועקן אויף דאָס ליד,
און נאָר די ווינטן וועקן עס צום לעבן,
דער ווינט לאָזט אָפּט אין רוים אַ שאַרפן שניט,
די שניטן טוען זיך צוזאַמענוועבן,
און דאָס געוועב שפרייט אויס זיך פאַר די טריט
פון באָרוועסע, וואָס קומען אָן צו שוועבן,
וואָס טרעטן לייכט, ווי גלייך זיי טרעטן ניט
און רירן קוים די ערד אָן מיט די נעגל.

דערוואַכונג

ס׳האָט דער זייגער אויסגעקלונגען
זיבן קלאַנגען מיט אַ מאָל,
בין איך אויף און זיך צעזונגען
ווי אַ פאַסטעך אין אַ טאָל.

נאָר אַקעגן פון אַ פענצטער
האָט דערהערט זיך אַ געוויין,
איז מיין ניגון, כאָטש דער שענסטער,
אין דער מיט געבליבן שטיין.

האָט אויך אויפגעהערט דאָס וויינען,
שטיל געוואָרן מיט אַ מאָל,
האָב איך אָנגעהויבן לייענען
מיינע לידער אויף אַ קול.

נאָר פון פענצטער האָט עס ווידער
ווי אַ שלוכצן זיך דערהערט,
האָב איך צוגעמאַכט די לידער
און דאָס לייענען אויפגעהערט.

איז געוואָרן שטיל אַקעגן
און די שטילקייט האָט זיך לאַנג,
האָט זיך לאַנג אַזוי געצויגן
אַן געוויין און אָן געזאַנג.

בין איך צוגעגאַן צום פענצטער
און אַריינגעקוקט אַהין
און דערזען דאָרט אין דער פינצטער
עפּעס געל און עפּעס גרין.

ס'האָבן שאַרף אויף מיר די פאַרבן
מיט אַ שימער זיך געצילט,
נאָר אַ ריח ווי צום שטאַרבן
האָט פון דאָרטן זיך געפילט.

עפּעס זויערס, זיך צו עקן,
האָט מיך אָפּגעשטויסן העט
און די געלע גרינע פלעקן
האָבן נאָכגעבליאַסקעט פעט.

איך האָב קוים אַהיימגעטראָפן
און פאַרמאַכט זיך דאָרט אַליין
און געלייגט זיך ווידער שלאָפן,
מאָרגן ווידער אויפצושטיין.

אין דרויסן רינט

אין דרויסן רינט אַ רעגנדיק געוויין,
אין שטוב איז שטיל, איך רעד צו זיך אַליין,
ווייל ווער וועט מיך, ווי איך אַליין, פֿאַרשטיין?

ס'איז היינט אַ פֿריינד געקומען און אַוועק,
כ'האָב קוים אַ שטיקל וואָרט אַרויסגעשטעקט,
האָט ער ווי מיט אַ האַק עס אָפּגעעקט.

איצט ליגט עס ווי פֿאַרחלשט אויף דער ערד,
איך הייב עס אויף און קער אים אום זיין ווערט
און היט, סע זאָל ניט ווערן הויך געהערט.

איך בעט דיך

איך בעט דיך, לויב ניט מיין טאַלאַנט,
ער האַלט זיך אויף אַ האָר ביי מיר
און וויגט זיך איבערן פּאַפּיר,
וואָס שפּרייט זיך ווייט אונטער מיין האַנט.

און טאָג ווי נאַכט איך האַלט פֿאַרמאַכט
די פֿענצטער מיינע און די טיר
און רויק ליגט זיך דאָס פּאַפּיר
און איך בין רויק טאָג־ווי־נאַכט.

און קיינער קלאַפּט מיר ניט, אויך דו
ניט קלאַפּן זאָלסטו אין מיין טיר
און ניט צעקנייטשן דאָס פּאַפּיר,
איך בעט דיך, לאָז מיין טיר צו רו.

נאָר דו — אַ ווילדער כוליגאַן —
דו וואַרטסט ניט, ביז איך עפֿן דיר,
עס טוט אַ ציטער דאָס פּאַפּיר
פֿון יעדן טראָט, פֿון יעדער שפּאַן.

און מיין טאַלאַנט, וואָס האַלט זיך קוים,
ער רייסט זיך אָפּ פון מינדסטן ריר
און גיסט זיך אויס אויפן פּאַפּיר
און זידט מיט פאַרב און קאָכט מיט שוים.

אַ רגע בלויז, דער שוים איז אויס,
די שרעק — אַן אָנשטעל און ניט מער,
דיין קומען, דאָס איז מיין באַגער,
קום אָפּטער, כ׳בעט דיך, אין מיין הויז.

מיט זיך אַליין

ס׳איז וואַרעם אין שטוב
און ליכטיק ביים טיש,
ביים אָפענעם בוך
איך זיץ און איך מיש.

און וואָס נאָר איך וויל,
צי לייענען, צי ניט
און וויל איך, איז שטיל
און איך שווייג מיט.

נאָר שווייגן צו לאַנג
איז ניט איך קען
און ניט מיין געזאַנג
דערלאָזט צו דעם.

עס רייסט זיך אַרויס
פון האַלדז דאָס ליד,
סע זינגט שוין דאָס הויז
און איך זינג מיט.

ווּ נעמט מען

ווּ נעמט מען די צייט און די אַרבעט,
וואָס זאָל פונעם ליד מיך באַפרייען ?
קיין גליד איז ביי מיר ניט פאַרמאַטערט
און ס'קען מיר קיין פריידן ניט סטייען.

דער הימל, די זון, דער באַשעפער —
ווי וואַרעם און היימיש און נאָענט,
מיך קאָן נאָך פאַרכישופן אפשר
די טונקעלע ווייטקייט פון אָוונט.

דער אָוונט דערווייטערט די פעלדער
און ציט מיך אַרויס אויף די וועגן,
איך לויף צו דעריאָגן די עלטער,
נאָר ס'קומט מיר מיין יוגנט אַקעגן.

צי קומט די קראַפט ?

צו קומט די קראַפט פון דרויסן אין מיין לייב ?
צי קומט זי פון אַן אינערלעך באַוועגן ?
צי דאַרף מען זי אַ שטויס טון, טון אַ טרייב,
ווי מ'פלעג די פערדלעך טרייבן אויף די וועגן ?

צי כ'דאַרף זי קערעווען אַהער־אַהין ?
צי דאַרף איך זיך גאָר איינהאַלטן, זיך צוימען,
כדי צו בלייבן שטענדיק, וואָס איך בין
און, טרוימענדיק, אַריבער צו די טרוימען ?

אין יעדנס קאָפּ אַ שטילקייט איז פאַראָן,
אין יעדנס האַרץ אַ פריידיקער גן־עדן,
צי שטערט מיר נישט דאָס שפּאַנען, וואָס איך שפּאַן ?
צי שטערט מיר נישט די שטימע בעתן ריידן ?

געגוג עס זאָל אַ זומערדיקע פליג
אַ שוואַרץ טון זיך, אַ זשום טון אין מיין אויער
און זיבן טעג איך זוך דעם וועג צוריק,
ביז וואַנען כ'טרעף צו זיך אַליין דעם טויער.

צי קומט די קראַפט פון דרויסן אין מיין לייב?
צי קומט זי פון אַ דרויסנדיק באַוועגן?
צי דאַרף מען זי אַ שטויס טון, טון אַ טרייב,
ווי מ'פלעג די פערדלעך טרייבן אויף די וועגן?

אַ מאָדנע שטימונג

אַ מאָדנע שטימונג איז מיך היינט באַפאַלן,
אויך שטימונגען זענען אַגרעסיוו —
עס האָבן זיך צעשפּילט די פענצטער־שטראַלן
מיט פאַרבן אויף דיין פאַרבנלאָזן בריוו.

אָ, וויפל ווערטער האָסט צונויפגעטריבן
אויף אָט דעם קליינעם שטח פון פּאַפּיר
און וויפל שטות דו האָסט צונויפגעשריבן
און ניט פאַרמעקט און אָפּגעשיקט צו מיר.

דו ווילסט פאַר אַ פאַרבינדעטן מיך האָבן,
דו ווילסט איך זאָל דיר העלפן קעגן מיר,
דו ווילסט, איך זאָל דיר העלפן מיך באַגראָבן,
צי דאַרף איך טון עס, ווייל סע וויל זיך דיר?

נאָר ניט אין דעם באַשטייען דיינע שטותים
אָ, ניט אין דעם, וואָס בעטסט מיך אַזאַ זאַך,
און ניט, וואָס ביסט זיך סומך אויף טעותים,
אפילו ניט אין דעם, וואָס דערפון איך לאַך.

איך בין שוין קעגן זיך אַרויסגעטרעטן
און דווקא דעמלט, ווען מ'האָט מיך געלויבט,
דעם ריטער פונעם אָפּגעלעבטן שטעטל,
דעם ריטער פונעם שטעטלדיקן שטויב.

נאָר דו — דו מאָנסט אין גאַנצן עפּעס אַנדערש,
כ'זאָל אָננעמען די זינד דיינע אויף זיך,
כ'נעם די שטראָף אָן פאַר דיין וויסטן וואַנדער,
נאָר ניט דעם פרעמדן שטויב פון פרעמדע שיך.

כ׳בין גרייט צו צאָלן, צאָלן, צאָלן טייער,
נאָר די מציאה לאָז ביי זיך אין הויז,
ווייל כ׳וויל פאַרברענט ניט ווערן אינעם פייער,
וואָס קומט ניט פון די הענט מיינע אַרויס.

אַ מאָדנע שטימונג איז מיך היינט באַפאַלן,
אויך שטימונגען זענען אַגרעסיוו —
עס האָבן זיך צעשפּילט די פענצטער־שטראַלן
מיט פאַרבן אויף דיין פאַרבנלאָזן בריוו.

כ׳בין אויפגעשטאַנען היינט פאַר טאָג

כ׳בין אויפגעשטאַנען היינט פאַר טאָג
און פאַרן שפּיגל זיך פאַרשעמט,
איך האָב געהערט אַ גראָבן זאָג
פון דעם, וואָס איז אין הוילן העמד
אַקעגן מיר געשטאַנען.

איך האָב אין צאָרן הויך מיין האַנט,
איך האָב מיין פויסט געטון אַ הייב,
נאָר יענער האָט די זעלבע האַנט,
דעם זעלבן פויסט געטון אַ הייב
און קעגן מיר געשטאַנען.

בין איך אַוועקגעגאַן אַ שפּאַן
און באַלד זיך ווידער אומגעקוקט,
איז יענער אויך אַוועקגעגאַן
און אויף אַ שפּאַן זיך אָפּגערוקט,
געקוקט אויף מיר פון ווייטן.

האָב איך אַ וויכן קוק געטון,
האָט ער זיך אויך צעשמייכלט גלייך,
זיין צאָרן איז ווי אויף דער זון
דאָס אייז, צעגאַנגען זיך אין טייך
באַזוימט מיט זילבער ביי די זייטן.

אַ שרויף אין מיין נשמה

אַ שרויף אין מיין נשמה האָט זיך אויפגעשרויפט
און ס׳האָט זיך דאָרט אַ דריי געטון אַ דריידל,
איך האָב דאָס גאַנצע אַלטוואַרג אויספּאַרקויפט,
זיך אָנגעטון אין שפּאָגל־נייע פּריידן.

די טירן די פאַרהאַקטע אויפגעהאַקט
און דורך דער אָפנקייט זיך אַרויסגעלאָזן,
איך האָב דאָס אַלטע פּעקל אויפגעפּאַקט
און אויפן ווינט געגומען עס צעבלאָזן.

ווי גלייך מיך וואָלט עס גאָרניט ניט געקאָסט,
ווי גלייך איך וואָלט עס קיין מאָל ניט פאַרמאָגן
און אָן אַ פּעקל האָב איך זיך געלאָזט
ווי גלייך איך וואָלט עס קיין מאָל ניט געטראָגן.

צי זאָל איך פאַרענדיקן?

צי זאָל איך פאַרענדיקן דאָס געוויין
פון אייגן געליטענעם געביין,
צי גאָר זיך באַרימען, אַז ס׳טוט מיך וויי
דער קויטיק געוואָרענער נעכטיקער שניי,
צי אפשר גאָר איבערוואַרטן אַ טאָג,
ביז וואַנען ס׳וועט דורכרינען די קלאָג
און שטראָמען וועט אָנהייבן ריינע פרייד,
וואָס רויטלט זיך, ווען די זון פאַרגייט
און טונקלט זיך, ווען די זון איז ניטאָ
און בלייבט אין דער סאַמע פינצטערסטער שעה
קרישטאָל־ריין ווי די אוראַלטע וואָר,
וואָס טאָג־ווי־נאַכט פאַרבלייבט זי קלאָר?

איך לאָז מיין עמער אין ברונעם אַראָפּ
און צי אים אַרויף און שפּיגל מיין קאָפּ
אין קילן קלאָרן וואַסער אים אָפּ.
אַ רייטער יאָגט, ניט ווייט, אין גאַלאָפּ

און הייבט אויף אַ וואָלקן געדיכטן שטויב
און הילט זיך אין אים, ווי ער וואָלט אַ רויב
געפירט אויפן רוקן פון פערד אין אַ זאַק,
און אפשר גאָר פירט ער מתנות אַ פּאַק
פּאַר קינדערלעך אָרעמע, ווער ווייסט,
קאָן זיין, אַז ער פירט פּאַר יתומים אַ טרייסט,
מיין קינדהייט איז אָן אַ טרייסט אַוועק
אין מיינע פינצטערע יתום־טעג.

איך קוק אין דער ווייט, ווו דער רייטער פאַרשווינדט,
דער רייטער פאַרשווינדט ווי אַ שאָטן געשווינד
און סע שפּילט זיך ניט ווייט פונעם ברונעם אַ קינד
אין גראָז דעם צעשויבערטן אויפן ווינט.

רייפקייט

לייגט דער שטויב זיך אויף די וועגן,
מישט זיך אויס מיט וייטקייט גרויער,
נאָר מע פילט מיט שאַרפע אויגן,
אַז דער הימל איז אַ בלויער.

יאָגן רעדער איבער שטרעקעס,
הייבן אויף אין וועג די שטויבן,
כ׳פיל די גרינקייט פון די סטעפּעס
אויך מיט די פאַרשטויבטע אויגן.

ס׳הויבט זיך אויף אַ ווינט אַ ווילדער,
ברענגט אַ טרוקעניש צו שלעפן,
נאָר דעם טייכס צעלאָזטן זילבער
זעט מען אויך דורך יעדן נעפּל.

גאָרניט קען מיך ניט פאַרבלענדן,
ס׳פליט מיין בליק — אַ פייל פון בויגן
און דעם וועג דורך טונקעלע מענטשן
שנייד איך דורך מיט מיינע אויגן.

ים

כ'האָב קינדערווייז אין טייך זיך געבאָדן
און שפּעטער ביים ברעג פון אַ ים,
ס'איז גוט אין דער שכנות מיט באָדן
צו פילן פון אָפּגרונט דעם טעם.

דער ים איז מיט שיפן באַלאָדן,
די שיפן מיט אוצרות רייך,
כ'האָב קינדערווייז אין טייך זיך געבאָדן,
איך בענק נאָך אַ קינדערשן טייך.

נאָר דיק איז מיין קערפּער געוואָרן,
מיין לייב טראָגט אַ שיכט אויף אַ שיכט,
איך טראָג זיי די שיכטן, די יאָרן
ווי העמדער ווי פרעמדע אויף זיך.

ס'איז ענג איצט דאָס טייכל פון דעמלט,
מע קען דאָך ניט אויסטון פון זיך
די הויטן אַזוי ווי אַ העמדל,
די יאָרן אַזוי ווי די שיך.

איז מוז איך צום ים זיך גיין באָדן,
דער ים איז דאָך גרויס ווי אַ ים,
ס'איז גוט אין דער שכנות מיט באָדן
צו פילן פון אָפּגרונט דעם טעם.

בין איך ניט

בין איך ניט קיין ציגל אין אַ פרעמדער וואַנט,
בין איך ניט קיין האַמער אין אַ פרעמדער האַנט,
בין איך, וואָס איך בין, כ'ווייס, וואָס איך וועל זיין —
כ'האָב זיך שוין געענדערט אין לעבן אַ מאָל ניין.

בין איך ניט קיין משא אויף אַ פרעמדער שיף,
אויך קיין בריוונטרעגער פון פאַרמאַכטע בריוו,
בין איך, וואָס איך בין, ניט דאָס, וואָס כ'בין געווען —
כ'האָב זיך שוין געענדערט אין לעבן אַ מאָל צען.

בין איך ניט קיין פּאַרקן ביי אַ פרעמדן גוט,
בין איך ניט קיין פעדער אין אַ פרעמדן הוט,
בין איך מיר אַ פעדערל, אַ פעדערל, וואָס פליט,
גרינגער פון אַ פעדער שפּילט אין מיין געמיט.

כ'בין ניט קיין משיח, וואָס די וועלט באַגליקט,
אויך ניט קיין שליח פון גאָט צו אייך געשיקט —
כ'האָב זיך שוין געענדערט אין לעבן אַ מאָל עלף,
כ'האָב זיך שוין געענדערט אין לעבן אַ מאָל צוועלף.

דו

דיך האָט ניט געזען נאָך קיינער חוץ מיר,
דיך, וואָס איך זע דיך אויף יעדער טיר,
דיין נאָמען קלינגט אָפּ אין מיין יעדער וואָרט,
דיין פּנים שוועבט אום איבער יעדער אָרט,
דו לאַכסט אַרויס פון מיין יעדער שפּאַס,
דו קומסט מיר אַקעגן אויף יעדער גאַס,
דו וויינסט אַרויס פון מיין יעדער געוויין,
און דאַכטן מיר דאַכט, אַז איך בין עס אַליין.

אַהין

אַהין, אויף יענער זייט פון ענגן קרייז באַקענטע,
איך וואַרף מיין ליד ווי איבערן פלויט אַריבער
און זאָלן זיך ניט חידושן מיין יאָקל און מיין יענטע,
וואָס יענע פרעמדע זענען היינט מיר ליבער.

ווייל יענע מעסטן ניט מיין ליד לויט מיינע אויגן,
און יענע וועגן ניט מיין וואָרט לויט מיין גוט־מאָרגן,
ווי ס'האָבן עס באַקאַנטע שוין געוויגן,
ניט האָבנדיק קיין וויכטיקערע זאָרגן.

און אויב מיין ליד וועט וועמען ניט געפעלן,
ערשט דעמלט, אַז סע טויג ניט, וועל איך גלויבן.
דעם לייענער קען מען ווי דעם זעלנער ניט באַפעלן,
מע קען אים ניט באַפעלן, ער זאָל לויבן.

דערווײַלע קריג איך בריוו און נאָר אַזעלכע,
וואָס כ׳ווייז זיי אַלע שכנים אומבאַשיידן,
זיי זאָלן אויכעט שרייבן בריוו, פון וועלכע
די ווייטסטע דיכטער זאָלן האָבן פריידן.

קריך אַראָפּ

קריך אַראָפּ פון די זיידעס פּלייצעס,
שטעל זיך אויף אייגענע פיס אַוועק,
זאָג אַ דאַנק פאַרן וועג, וואָס גרייט איז,
זאָג אַ דאַנק פאַרן גרייטן וועג.

זאָג אַ דאַנק פאַרן וואָגן מיט רעדער,
פאַרן לייכטן פאַרן און לייכטן גאַנג.
זאָג אַ דאַנק פאַר אַלץ און פאַר יעדער
זאַך באַזונדער זאָג אַ דאַנק.

פלאַסטער די וועגן און צי זיי ווייטער
דורך אַלע דיינע נעכט און טעג,
אויב די ערד איז שוין אויסגעפלאַסטערט,
פלאַסטער דעם הימל אויס מיט וועג.

וועגן צו יעדן שטערן באַזונדער,
צו דער לבנה אַ וווּנדערוועג,
זאָלן זיך ווידער באַווייזן וווּנדער
איבערן קאָפּ פון אונדזערע טעג.

אַנפּאַס און פּראָפּיל

משה־לייב, דער ריטער

משה־לייב, דער ריטער פון גראָבע רייד,
איז קיין מאָל ניט געזעסן אין זאָטל,
זיין פערד איז געשלאָפן שטייענדיקערהייט
און ער האָט געריטן אויף זיין שאָטן.

נאָר צו וואָס באַדאַרף מען האָבן פערד
אין שטעט מיט אייזערנע מאַשינען?
משה־לייב האָט געגאַרט נאָך אַ גרין שטיק ערד,
ער איז שיער ניט אַראָפּ פונעם זינען.

ער האָט מיט אַ בליץ אַרומגעכאַפּט
די וועלטן פון דער וייטן
און מיט די נאָזלעכער האָט ער דערשנאַפּט
די ריחות פון אַלע צייטן.

ער האָט אין זיך ווי אין אַ טאָפּ
אַריינגעשיט די געשיכטע,
זי אָפּגעקאָכט אין זיין הייסן קאָפּ
ווי אַ קאַשע פון רייז אַ געדיכטע.

דאָס מאַכל דערנאָך צווישן דיכטער צעטיילט,
פאַר יעדן דיכטער אַ ביסל
און זיך אַליין האָט ער אויסדערוויילט
און געקרוינט מיט דער ליידיקער שיסל.

מיטביידע פויסטן אין אַ וואַנט
געפויקט ווי דער גאַסנפויקער
און איז ניט געווען קיין וואַנט צו דער האַנט
האָט ער צום שטיין זיך איינגעהויקערט.

איז אַנגעלאָפן גרויס און קליין —
קלענערע — גרעסערע ליליפוטן —
צו זען ווי דער שטיין איז געוואָרן שיין
ביים שיין פון די בליצן פון זיינע בלוטן.

טשערנאָוויץ 1960

צו מ. ל. האַלפערן

אָט לייען איך ווידער דיינע לידער
פון רעכטס אויף לינקס און פון אויבן אַראָפּ,
נאָר מאָדנע, ווי אַלצדינג קערט זיך איבער
און כ'שטייג אַרויף צו דיין קאָפּ.

דעם אמת געזאָגט, בין איך ניט איינער,
מיר זענען אונטן אַ סך, אַ סך,
נאָר אַלע היטן זיי זיך די ביינער
און שיקן מיך אויפן דאַך.

זיי לויבן דיך אַלע פון דער ווייטנס
און האָבן מורא פאַר דיין דעך,
זיי האָבן זיך אַלע באַוואָרנט באַצייטנס,
פאַראייניקט אין אַ צעך.

נאָר מיך אין צעך ניט אַריינגענומען,
ווייל כ'האָב דאָס געשפּאַן צעפליקט אויף זיך,
זיי האָבן אַ לייטער געשטעלט צו אַ ברונעם
און האָבן באַפוילן מיר: קריך!

— נאָר מאָדנע ווי אַלצדינג קערט זיך איבער
וואָס מער איך קריך אַראָפּ,
וואָס מער איך פאַרטיף זיך אין דיינע לידער,
ווערט נענטער מיר דיין קאָפּ,
דיין הויכער־הויכער קאָפּ.

ה. לייוויק

„אין אומרו הייסט איז אויפגעשטאַנען דער באַגינען,
דער האַלבער טאָג איז קוים צום אָוונט צוגעקראָכן".
די נאַכט אין שוואַרצן קלייד איז אַראָפּ פון זינען,
זיך אויסגעטאָן ביי לייוויקס שטאַרבנדיקן שכן.

ס'איז לייוויק לעבן מת געליגן און געשוויגן,
אַ שטורעם האָט אין אים געדרייט זיך און געשטורעמט,
זיין גייסט האָט זיך גענומען אויף די צווייגן וויגן
און פונעם שטורעם זיך אַרויסגעפורעמט.

די נאַכט האָט זיך מיט לייוויקן געמאַטערט,
געשלעפערט אים און ניט געלאָזט אים שלאָפן,
די שטילקייט פון אַ האַלבער וועלט געפּטרט
און ניט געקאָנט אַריין אין זיינע סטראָפן.

האָט זי אין שאָטנס זיך גענומען שלייכן,
די נאַכט האָט זיך צעטיילט אויף שאָטנס און צעשפּליטערט,
ס'האָט לייוויק ביי די ברעגעס פון די טונקל־רויטע טייכן
די זעונגען די טראַגישע געפּיטערט.

זיין קול איז שטיל געשטיגן אין די הייכן
אַראָפּגעגאָסן זיך ווי יאַד אויף אָפענע ווונדן
און אויפגעגאַן ווי פייערן אָן רויכן
ווי ווייסע פייערן פון שנייען אָנגעצונדן.

איציק מאַנגער

געפלויגן־געפלויגן דאָס ליד איז צום לייענער,
דאָס שענסטע געזאַנג צום ווייטסטן הערער
און מאַנגער, דער זינגער, ווי קיינער־קיינער
איז איבער די קעפּ פון זיינע פאַרערער
געוואָרן מיין ווייטער לערער.

ס'האָט נטע, זיין ברודער, עליו השלום,
מיך אומגעזוכט אין דודעשטער שטיבער,

ס'האָט עטל, זיין פרוי, דערציילט אַ מאָל אים,
אַז איינעמס ליבשאַפט צו איציקס לידער
וועגט איבער די ליבשאַפט, וואָס צווישן ברידער.

היידל־דידל־דוי

אויף דער בינע שטייט אַ ייד
און ער זינגט אַ יידיש ליד,
זינגט אַזוי טשעקאַווע
און אין זאַל דאָרט, אין דער מיט,
זיצט און הערט אַן אַנדער ייד
און ער קלאַפּט מיט אַלע מיט
און ער פּליעסקעט בראַוואָ.

אויף דער בינע זיצט אַ פרוי
און זי שפּילט באַטעמט אַזוי
מיט די יונגע פינגער.
זינגט דער זינגער היידל־דוי
אַן אַ קרעכץ און אָן אַן אוי,
און סע שפּילט אים צו די פרוי,
העלפט אַרויס דעם זינגער.

זינגט דער זינגער שיין, צום גראַם
ס'ליד פונעם רבינו תם
און אַ פרייד פאַרשאַפט ער
און אויף יענער זייט פון ים
טויזנט מיילן פון זיין שטאַם
און פונעם רבינו תם
עלטערט זיך דער "אַווטער".

געשטאָרבן דער זינגער

געשטאָרבן דער זינגער פון ברויט און פון וויין,
מיטן טויט טאָר מען קיינעם מקנא ניט זיין,
אפילו דאָס איז דער גרעסטער פּאָעט,
אפילו ער שטאַרבט אויפן אייגענעם בעט.

גוועלן איז אַ צייט, די צייט איז שוין ווייט,
ווען ער האָט געזונגען פֿאַר גאָט און פֿאַר לייט,
פֿאַרוואָס־זשע קלינגט נאָך איצטער זיין ליד ?
מע זאָגט דאָך, דער זינגער זינגט שוין ניט.

סע זינגט זיך דאָס ליד אָנעם זינגער, אַליין
און סע קלינגט אינעם ליד געזאַנג און געוויין —
„געוויין פֿון אַ ווערעמל און פֿון אַ גראָז,
געוויין פֿון אַ שטערנדל און פֿון אַ האָז".

געשטאָרבן דער זינגער פֿון שטערן און וויין,
מיטן טויט טאָר מען קיינעם מקנא ניט זיין,
אפֿילו דאָס איז דער גרעסטער פּאָעט,
אפֿילו ער שטאַרבט אויף זיין אייגענעם בעט.

טשערנאָוויץ, פֿעברואַר 1969

אליעזר שטיינבאַרג

וויפֿל לאַנדסלייט זענען נאָך פֿאַרבליבן,
וואָס געדענקען שטיינבאַרגס אויסזען און זיין שטים ?
כ'האָב די שטריכן פֿון זיין פּנים אויפֿגעקליבן
ביי די אויגן, וואָס געדענקען אים.

כ'האָב אין קאָלניקס האָלצשניט זיך געגריבלט,
וואָס ער הענגט ביי סורקיסן אין הויז,
עד, ווען שטיינבאַרג וואָלט מיט זיינע ברילן
אויף אַ רגע פֿון דער ראָם אַרויס.

וואָלט איך אויך געהאַט די גרויסע זכיה
זאָגן, אַז כ'האָב שטיינבאַרגן געקענט — —
אליעזר שטיינבאַרג, זאָל זיך מיען
נעמט זיין פּאַק משלים אין די הענט

און ער זעצט זיך נעבן טיש אַנידער,
שטילט זיך איין דער עולם מיט אַ מאָל
און מע הערט, סע זינגען זיינע גלידער
מיט אַ מאָדנעם שטיינבאַרגישן קול.

עולם הערט, די בלעטלעך גיבן לשון,
ביידע ברידער מאַנגער זיצן מיט,
נטע שלינגט פון שטיינבאַרגס מויל אַ משל
און פאַרגעסט אַ רגע אין איציקס ליד.

משה אַלטמאַן מיט אַ קראַנקן אויער
הערט, ווי קיינער האָט נאָך ניט געהערט,
ווי דאָס משל רינט ווי פון אַ פלויער,
ס'משל וועגן וואָגן מיט די פערד.

יעקב שטערנבערג זיצט דאָ נאָענט־נאָענט,
נאָר די אויגן בלאָנדזשען ערגעץ ווייט.
אויף די דעקאָראַציעס פונעם אָוונט
שפּילט די אייביקייט זיך מיט דער צייט.

אַלע גאַפן, גיינגער און ביקל,
ביידע סעגאַלס, ביידע ראַזנבלאַטס
און מע לאָזט זיך פירן אין אַ ליקל,
אין אַ קיך צום משל מיט דער קאַץ.

מיט דער קיך בשכנות, נאָך אַ צימער,
שטייט אַ טיש דאָרט, אויפן טיש אַ לאָמפּ,
צינדט ער אָן זיך מיט אַ פייערדיקן שימער,
ציט ער סטענגעס דורך אַ נאָדל־לאָך מיט פּאָמפּ.

ס'איז דער לאָמפּ אַ גאַנצן טאָג אַ בלינדער
און ביי נאַכט אַ זעעוודיקער, זעט:
שטיינבאַרג לויפט אַרויס אין דרויסן צו די קינדער
און צעפירט זיי אַלע אַהיים. ס'איז שפּעט.

וואָלט איך אויך געוועזן אַ היגער דעמלט,
וואָלט מיך אויכעט ער אַהיימגעבראַכט,
אונדזער לעמפּל מיטן קליינעם פלעמל,
וואָלט זיך ווי אַ לאָמפּ צעפלאַקערט אין דער נאַכט.

וואָס וועט זיין

צו דער 30טער יאָרצייט נאָך אליעזר שטיינבאַר
אין טשערנאָוויץ 1962

וואָס וועט זיין מיט יענעם האַלבן משל,
וואָס דער טויט האָט ניט געלאָזט דערשרייבן ?
ס'וועט אַ דאַך פאַרבלייבן דאָך אָן לשון
און אַ פלויט וועט דאָך אַ שטומער בלייבן.

וויפל קלעצער וועלן בלייבן ליגן,
נישט דערוואַרטן זיך צום וואָרט צו קומען,
ווייל אַ משל איז געבליבן ניט־דערשריבן,
ווייל דער טויט האָט דעם ממשל צוגענומען.

דרייסיק יאָר שוין ציט זיך די לוויה
מיט די טרייע טרעגער פון זיין ארון.
שטעלט אייך פאָר משלים זיינע נייע,
ווען ער וואָלט געלעבט די דרייסיק יאָרן.

שטעלט אייך פאָר, אַז ער איז ניט געשטאָרבן,
אַז ער האָט דערלעבט די היטלער־גרוילן
און ער האָט דערלעבט צו זיין אַ קרבן
אין די קרעמאַטאָריעס פון פוילן.

שטעלט אייך פאָר, אַז ער איז לעבעדיק געבליבן,
גאַנץ אַרויס פון גיהנום אָסוויענצימער
און אין מיטן משל, וואָס ער האָט אָנגעשריבן,
קלאַפּט מען אָן ביי נאַכט צו אים אין צימער.

שטעלט אייך פאָר, אַז אויך פון יענע וייטן
איז ער לעבעדיק צוריקגעקערט געוואָרן
מיט אַ האָפענונג אויף נייע פרייע צייטן,
מיט אַ האָפענונג אויף נייע פרייע יאָרן.

שטעלט אייך פאָר, אַז ער האָט גאַנץ געטראָפן
ס'האַלבע משל אויף זיין טיש פאַפירן
און איז גאַנצע נעכט שוין ניט געשלאָפן
פון נישט קענען, ווּהין ער וויל, עס פירן.

פון נישט טאָרן, וואָס ער וויל, אונדז זאָגן,
אַ צענזור אויף אַלע חיות, זאַכן
זיינע לעמער טאָרן זיך נישט קלאָגן
אויף די וועלף, זיי דאַרפן זינגען, לאַכן.

דרייסיק יאָר שוין ליגט דאָס האַלבע משל,
קיינער־קיינער קען עס נישט דערשרייבן.
ס'וועט אַ דאַך פאַרבלייבן שוין אָן לשון
און אַ פלויט וועט שוין אַ שטומער בלייבן.

פאָרטרעט פון אַ פּאָעט אַ רעזשיסער
(יעקב שטערנבערג)

אין דרויסן רעדט דאָס פאָלק, סע פירט די דיאַלאָגן
און שרייבערס פאַנגען מיט דער פען דאָס רעדן און דאָס זאָגן,
ס'האָט יעדער שרייבער זיך זיין שפּראַך אין דרויסן אויסגעקליבן,
נאָר ער האָט זיך זיין שפּראַך אַליין געמאַכט און אויפגעשריבן.

גענומען האָט ער נאָר ביים פאָלק ביים רעדן און דערציילן,
דאָס ברייטע מאַכן מיט די הענט און אויף די פינגער ציילן,
דאָס טיפע שאָקלען מיטן קאָפּ און דאָס פאַרציען די אויגן,
ווי גלייך ער וואָלט געמאָסטן וואָס און עפּעס־וואָס געוווגן.

געגומען האָט ער נאָר ביים פאָלק דעם קלאַנג, דעם טאָן, די נאָטן
און אויפגעטרעטן אויף אַ קול פאַר זיין אייגענעם שאָטן
און מיטן שאָטן איינשטודירט אַלע שטאַרקע ערטער
און ס'האָט דער שאָטן נאָכגעשפּילט דעם דיכטער אָן די ווערטער.

זיין לאַנגער שאָטן לויפט אים נאָך, די לאַנגע טריט צו מעסטן,
זיין לאַנגער שאָטן מאַכט אים נאָך די שיינע רעדנערזשעסטן,
זיין לאַנגער שאָטן מאַכט אים נאָך דעם בויג פון קאָפּ דעם פיינעם
און אַלע שאָטנס לויפן נאָך דעם שיינעם שאָטן זיינעם.

איין פּאָרטרעט פאַר צוויי פּאָעטן
(י. אַשנדאָרף און נ. באָמזע)

איין ערד און צוויי הימלען,
איין צימער און צוויי טרוימער,
וואָס זיצן פאַרשיכורט און דרימלען
ווי נעבן אַקאַציע־בוימער.

איין שרייבטיש און צוויי פענעס,
איין טינטער און צוויי פּאָעטן,
וואָס דאַרפן דערגרייכן די זעלבע ברעגעס
אין טאָג אין אָפּגערעדטן.

אַז איינער לאָזט אין דער ברייט זיך שווימען,
לאָזט זיך דער צווייטער אַראָפּ אין די טיפן
און ביידע טרעפן זיך ביי דעם סימן
מיט זייערע פּאַפּירענע שיפן.

דוד האָפשטיין

דערפאַר טאַקע, וואָס ער איז ניט געווען קיין פיינד
און ליב געהאַט די ערד פול פראַכט און רייץ,
די ערד פון אוקראַינע, וועלכע שיינט
אַרויף צום הימל מיט איר געלן ווייץ.

מיט געלן ווייץ און רויטע ריטשקעס בלוט,
מיט יידיש בלוט פון אייביקן פּאָגראָם,
דערפאַר טאַקע, וואָס ער געהאַט דעם מוט
ניט שטענדיק פעלשעווען, ניט שטענדיק זאָגן "באָם",

האָט ער דער סאַמע ערשטער זיך צעצאָלט
אין אוקראַינע פאַר זיין ליבשאַפט גראָד,
וואָס האָט אין יעדן ליד זיך ווידערהאָלט,
ביז לעצטן ליד זיינעם אין קיעוו דער שטאָט.

איצט שרייט מען דאָרט אַ הויך און פאַלש געוויין,
מע ווישט די שפּורן אָפּ צום געהיימען אָרט
פון לעצטן אָטעם און פון זיין געביין
און פון זיין סאַמע לעצטן קללה־וואָרט.

שמואל האַלקין

זיין גייסט האַלט זיין גוף מיט געוואַלד
ביים לעבן. דער גייסט זיינער האַלט
און הייבט אויף זיין הויכע געשטאַלט.

זיין גייסט איז דער שמיד פון דער אַקס
פון וואָגן פון הויכן מיט פלאַקס,
וואָס וואַקסט אין זיין ליד און וואַקסט.

זיין גייסט איז דער שמיד פונעם וואָרט,
וואָס האָט זיך מיט שיינקייט געפּאָרט,
געמאַכט זיך אין הימל אַן אָרט.

זיין גייסט פליט אַרום מיט זיין ליד
און לאָזט אין דער הויך, אין דער מיט
פון וואָלקנס — אַ טיף־בלויען שניט.

1957

צו שמואל האַלקין

מיר האָבן זיך געקלאַמערט אין דיין לעבעדיקן נאָמען,
מיר האָבן זיך געשפּיגלט אין דיין צעשטראַלטן פּנים,
מיר האָבן ביי דיין טיש זיך צונויפגעטראָפן ברידער
מיט דיר, דעם יונגן פאָטער, פון פרישע שיינע לידער.
איצט זיצן מיר פאַריתומט און ווילן זיך נישט גלייבן,
אַז דו וועסט מיט דיין לייענען שוין מער אונדז נישט דערהייבן
אין איינעם מיט דיין טיש אַרויף צו יענע הייכן,
וווּ ס'האָט דער בבל־טורעם נישט געקאָנט דערגרייכן.
איצט זיצן מיר פאַראייניזאַמט און קענען זיך נישט גלויבן,
אַז דו וועסט אונדז ניט הערן, אַז דו וועסט אונדז ניט לויבן.
מיר האָבן דיר געלייענט און דו האָסט מיט דיין הערן
די לידער אונדזערע געטראָגן צו די שטערן.
איצט זיצן מיר פאַריתומטע, איעדערער באַזונדער,
עס האָט זיך אָפּגעטון פון אונדז דער לעצטער ווונדער.
מיר זענען איצט ווי פינגער אָן אַ האַנט געבליבן,
ווי אָנהויבן פון לידער, וואָס בלייבן ניט־דערשריבן.

פרץ מאַרקיש

זיין קאָפּ איז געווען אַ שטורעם־פאַקל
ער האָט אים געהאַלטן אין דער הויך,
זיין ליד איז געווען דער לעצטער סך־הכל
פון גאַנצע דורות ווינט און רויך
און פון די פייערלעך אויך.

זיין קאָפּ האָט ווי אַ שייטער געפלאַקערט,
דער הייסטער פון אַלע הייסע קעפּ,
זיין וואָרט האָט דעם יידישן שטייגער צעאַקערט
און איז אַרויף אויף אַ באַרג ווי אויף טרעפּ
און אַראָפּגעדונערט אין סטעפּ.

ווי ס'יאָגט אַ הירש איבער בערג און טאָלן
און בלייבט אַ שיינער און שלאַנקער שטיין,
און לאָזט זיך פון דער ווייטנס מאָלן
צי אויסהאַקן — אַ הירש פון שטיין —
האָט ער זיך אויסגעהאַקט אַליין.

ער איז ניט געשטאָרבן ווי אַלע שטאַרבן
און ווערן פאַרשלונגען פון דער ערד.
ער האָט ווי אַ רעגן־בויגן פון פאַרבן
געשיינט און אַ רגע אויפגעהערט
און אויף אייביק זיך אומגעקערט.

פּאָרטרעט פון אַ פּאָעט אַן עקשן
(יוסף קערלער)

שטעלט אָן אויף אים אייערע אויגן און צילט,
און נעמט ביי אים צו, וואָס נאָר איר ווילט,
זיין פריינדס אַ מתנה, זיין מיידלס בילד.

דאָס קישן פון קאָפּ, זיין אָנגעטאָן,
נאָר ס'יידישע וואָרט זיינס, רירט עס ניט אָן,
ס'איז בלוטיקער, רויטער ווי אַ פאָן.

זיין ליד, זיין ניגון דורך די ציין
איז קוואַליקער פון אַ קינדס געוויין
און איינגעעקשנטער פון אַ שטיין.

שלמה רויטמאַן

דאָס פּייפּעלע, ניט נאָר סע שפּילט,
פאַרגעסט ניט, אַ פּייפּעלע שמעקט,
נאָך קינדווייז, איך האָב שוין דערפּילט,
וואָס אין פּידעלע שטעקט.

אין פּידעלע שטעקן מיר אַלע,
די כלי־זמר, דער חתן, די כלה,
אין פּידעלע שטעקט
דער פידלער אַליין,
דאָס פּידעלע שמעקט
מיט געוויין.

דאָס פּידעלע שמעקט מיט האָניק, מיט בלומען,
אָט באַלד וועט דער האָניק־טרעגער קומען
צום שורש, צום פידל צו גיין
דאָס פּידעלע שמעקט מיט בלומען,
דאָס פּידעלע שמעקט מיט געוויין.
אין פּידעלע שטעקן שטומע,
וואָס קענען ניט רעדן אַליין,
זיי קענען ניט זינגען קיין לידל,
איז שפּילן זיי אויס אויפן פידל
געזאַנג און געוויין.

אַ פּייפּעלע ניט נאָר סע שפּילט,
פאַרגעסט ניט, אַ פּייפּעלע שמעקט.
נאָך קינדווייז איך האָב שוין דערפּילט,
וואָס אין פּידעלע שטעקט.

שיקע דריז

עטי מעני
מעני מלכס,
כ׳וועל אייך אויסווײַנען
אַ פּריילעכס.

כ׳האָב אַ כוסע שוין גענומען
און פון אומעט ניט אַנטרונען,
עפּעס ציט מיך צו דעם אומעט,
וואָס אין מיר און וואָס אַרומעט,
סײַ איך שפּיל אייך אויפן פידל,
סײַ איך זינג אַ קינדערלידל,
עפּעס ווײַנט אין מיר טיף־טיף,
עפּעס טרערט אין מיר טריף־טריף.
כ׳קען ניט אָפּטרײַבן די טראָפּנס,
גרוי מײַן קאָפּ און מײַן צוקאָפּנס,
כ׳ליג אין בעט צי אויף אַ טישל,
גרוי די האָר און האַרט דאָס קישן,
ניט קיין פעדערן נאָר שפּיזן,
זײַט ניט בײז אויף שיקע דריזן.

פּאָרטרעט פון אַ דיכטער פון קורצע לידער
(מאָטל גרוביאַן)

און ווער ס׳איז באַרופן צו זײַן אַ פּאַרפּאַסער
פון גראָבע ראָמאַנען פולע מיט וואַסער,
און ווער ס׳איז באַרופן אַ דיכטער צו זײַן
פון קעלשיקלעך לידער פולע מיט ווײַן,
נאָר ער טרינקט אַליין דעם ווײַן זײַנעם אויס
און לאָזט פאַרן לייענער אַ טראָפּעלע בלויז,
דער טראָפּן איז שטאַרק ווי ספּירט פאַרן גומען,
נאָר ווייניק און קאָן צום האַלדז ניט דערקומען.

אַזאַ מין שטראָף

צו מאָטל גרוביאַן

אַזאַ מין שטראָף
צו זיצן און לייענען אָן אַ סוף
די אייגענע לידער.
ווי נאָר כ'האָב זיי איבערגעלייענט,
איך לייען זיי שוין ווידער.
איך בין שוין פאַרנודיעט,
אַזאַ מין אומעט ;

צי מוז איך זיי לייענען גאָר אָן אַן עק ?
איך לייג זיי אַוועק
און נעם זיך צו פרעמדע
לידערבענדער.
אַ פרישקייט אָטעמט פון יעדער זייטל,
ווי וואָלט איך וועלן מיט זיי זיך בייטן !

"אָ, ביטע שיין !"
דערהער איך אַ קול,
איך זיץ דאָך אַליין,
איז פון וואַנען דאָס קול ?
דאָס קול קלינגט ווידער :
"איך בין שוין פאַרנודיעט
פון אייגענע לידער,
אַזאַ מין אומעט !
איך בין שוין מיד
פון אייגענעם ליד".

דאָס קול קלינגט פון ווייט :
"כ'בין מסכים צום בייט"
און איך דערשרעק זיך, ווער ווייס ווי די וואַנט,
איך האָב דאָך ביז היינט ניט קיין לידערבאַנד.

1.7.1969

זייליקן

ווער האָט דאָס שיפל אָפּגעשטויסן
פון ברעג אַ שעה פאַרן געוויטער ?
אויף ים אויף איצטער אויפגעברויזטן
איז ניט געווען צו זען קיין ציטער.

ס'איז שטיל געווען. דער ים — אַ שפּיגל,
וואָס שפּיגלט וואָלקנס, וועלכע שוועבן.
ס'האָט יעדער זיך אין ים געשפּיגלט,
געזען דעם שפּיגל פון זיין לעבן.

ווי רויק האָט זיך עס געצייכנט
און זיך געפּאַרבט און אויסגעטיילט זיך
און לויטער, אָן דעם מינדסטן קנייטשל
מיט שיין מיט אייגענער באַהעלט זיך.

און צווישן אַלץ אַ שיפל וויגט זיך
אין מיטן ים אויף בלויען וואַסער
און ווען סע טרינקט שוין אָן מיין בליק זיך,
ער ווערט אַ טרערנפולער, נאַסער.

אַזוי פיל פרייד ווער קאָן דערטראָגן ?
דאָס האַרץ, וואָס איז געווינט צו בענקען,
האָט עס אַרויסגעלאָזט דאָס שיפל
אין מיטן ים, סע זאָל זיך טרענקען.

און אייביק־אייביק בענקט זיך, זייליק,
זיי מוחל, שיער אין דיר פאַרגעסן.
צי איז געווען דאָס שיפל ליידיק ?
מיר דאַכט זיך, דו ביסט דאָרט געזעסן.

אַ ווייסער וואָלקן אויפן הימל,
נאָר דו ביסט אַזאַ קלענער, בלאַסער,
אַ נאַסער נאַקעטער אין שיפל
און שפּיגלסט זיך אין ווייסן וואַסער.

דו וויגסט אין דעם זיך ווי אין וויגל,
בשעת דיין מאַמע האָט פאַרוויגט דיך
און זינגסט אַליין דאָס וויגנלידל,
פון זינגען אייגענעם ביסט גליקלעך.

דו ביסט מיט אַ געזאַנג אַ גרויסן
אין טיפעניש ערגעץ פאַרשווומען,
אויף ים אויף איצטער אויפגעברויזטן
געווען איז דעמלט ערב שטורעם.

י. לערנער

כעלעם אַ שטאָט איז, בריטשאַן איז אַ שטעטל,
פאַר איך אַריבער פון שטעטל אין שטאָט,
ס'האָבן די חכמי הכעלעם פאַרבעטן
מיך, אַ זינגער באַדאַרפן זיי גראָד.

ערשטנס, מיינען די כעלעמער יידן,
איז דער פינקס שוין עפּעס ניט דאָס,
נודנע און טרוקן, סע וויל זיך אַ לידל,
נייס עפּעס וויל זיך, גרינגס עפּעס־וואָס.

צווייטנס, האָבן די כעלעמער באַשלאָסן
אויף אַן אסיפה פון דריי מעת־לעת
ברענגען דעם רבינס טאָכטער אַ חתן
ניט קיין עני חשוב כמת,

נאָר אַ שיינעם און פריילעכן קבצן,
נאָר אַ יונגן און פריילעכן יאַט
פון אַ יאָר זיבעצן אָדער אַכצן,
פונעם וייטן לערנערגראַד.

זינגען זאָל ער כעלעמער לידער,
טרינקען זאָל ער בריטשאַנער ווײַן
נאָר מיט כעלעמער גוטע־ברידער
און אַ כעלעמער חסיד זיין.

בעלעם האָט מיך באַצייטנס פאַרבעטן,
אויסגעשריבן מיך פון בריטשאַן,
פופציק יאָר, אַז איך פאָר פון שטעטל
דורך אַלטמאַנס מעדוועזשי און שטיינבאַרגס ליפקאַן.

הערש־לייב קאַזשבער

ער איז געווען ווי אַ פּאַווע שיין,
ווי זי אַראָפּגעקוקט מיט געוויין,
נאָר אויף דער פאַרצווייפלונג געענטפערט: ניין!
און איז אין מיטן זיין שווערן גיין
געבליבן דערהויבן שטיין.

ער האָט זיין ביכעלע לאַנג געבויט,
געגעסן דאָס אָרעמע לערער־ברויט
און ניט געקלאָגט זיך אויף קיין נויט
און אַז די צייט איז געוואָרן רויט,
האָט זיין געקנייטשטער קאָפּ געגרויט.

זיין קאָפּ האָט געקנייטשט זיך אַראָפּ און אַרויף,
זיין בליק — פאַרחלומט ווי ערשט פונעם שלאָף —
האָט אַריבערגעקוקט אַהין צום אין־סוף,
ווו סע פּאַשען זיך די נשמות פון שאָף
און געזוכט דאָרט די וואָל פאַרן פיינסטן שטאָף.

און האָט ער ניט אויסגעוועבט דאָס געוואַנט,
איז ניט ווייל ס'האָט אויסגעפעלט וואָל אין לאַנד
און ניט ווייל ס'האָט זיך אים שווער געשפּאַנט
און ניט ווייל ס'האָט אים געציטערט די האַנט
ביים וועבן די פאַרבן פונעם געוואַנט.

ער האָט ביי די פעדעם געפאַרבטע רויט
פאַרלוירן דעם טעם צו זאַלץ און צו ברויט
און ווען אויפן הימל האָט עטוואָס געבלויט
איז ער קרומערהייט אַריבער דעם פּלויט
און געבעטן אַזיל ביים טויט.

פאַרטרעט פון אַ פּאָעט אַ וואַנדערקינד
(מרדכי שקאָלניק — זעלנער)

אָנגעהויבן מיט אַ ליד "דער מאַמען"
און געענדיקט עס: "כ׳בין אַ קינד דער וועלטס"
האָבן אים פאַרשלונגען יענע פלאַמען,
יענע כוואַליעס אַרום יענעם פעלדז.

ווו די שיפלעך האָבן זיך צעשמעטערט,
ווו די שיפער האָבן זיך פאַרברענט
און די טרוימער האָבן ניט דערקלעטערט
אַנרירן די שטערן מיט די הענט.

פון די הייכן טיף אַראָפּגעפאַלן,
האָבן אים קיין קרעפטן ניט געקלעקט
אויסצופלעכטן זיך אַ שטריק פון שטראַלן,
וואָס די זון האָט זיי אים אויסגעשטרעקט.

אַ פּאָעט אין חלום

ער איז אויפן ביכל אַנטשלאָפן געוואָרן
און ס׳איז אים צו חלום געקומען דאָס ליד
און ער איז אין חלום אַזוי ווייט פאַרפאָרן,
נאָך ווייטער פון ליד אויף עטלעכע טריט.

אויף זיידענעם שפינוועבס אין זיידענע זאָקן
ער טאַנצט און סע בליאַסקעט ווי בעטלעריש גאָלד
דער שכר אין דער טאָרבע, וואָס הענגט אויף אַ פלאָקן,
די גאָלדענע טאָרבע, וואָס ער האָט געוואָלט.

דאָס שפינוועבס צערייסט זיך, פון סאַמע פון אויבן,
ער פאַלט פונעם חלום אויף וואַכיקער ערד,
ער איילט צו די פענצטער, פאַרשרייבט אויף די שויבן
דעם חלום נאָך איידער פאַרגעסן ער ווערט.

פּאָרטרעט

זיין קוטשעראַווע קאָפּ איבערן הויכן שטערן,
אויך אַזאַ צעקנייטשטער פון אָנגעשטרענגטן הערן,
וואָס פּאַרמאַטערט גאַנץ זיין גוף דעם מידן,
און זיינע טיפע אויגן זאָגן עדות,
אַז זיינע ביידע זיידעס
זענען אויך געווען אַזעלכע יידן.

כאָטש אויסגעטאָן איז ער פון דער קאַפּאָטע,
און פּטור פון דער שטעטלדיקער בלאָטע,
וואָס ער געדענקט זי פון די קינדער־יאָרן,
איז מיט דער שול און מיטן שטילן שבת,
מיט זיינע ביידע תחינהדיקע באָבעס,
דאָס שטעטל אים אין שטאָט אין גרויסער נאָכגעפאָרן.

פּאָרטרעט פון אַ מאָלער
(משה קריניץ)

שטילער און שטילער און שטילער ווערט,
דער שניי האָט די שטילקייט געבראַכט אויף דער ערד
און ס'האָט זי דער מאָלער פון וייטנס דערהערט.

ווי לאַנג ערשט, אַז ער האָט געמאָלן אַ סטויג,
ער לאָזט דאָס פּענדזל אַרויס פון דער האַנט
און נעמט עס אָן מיטן אויג.

ער ציט די אויגן צונויף צו פיל
און גייט אַזוי האַלב־בלינד צו זיין ציל
שטילער און שטילער פון שטיל.

ער שטייט ביי זיין לייוונט קליין און געפּאַקט
און רויק אַזוי ווי פון אייז געהאַקט
און גליאיק, אַזוי ווי די זון, וואָס באַקט.

ער טונקט זיין אויג אין דער ווייסקייט איין
און אויף דער לייוונט צעשמירט ער די שיין,

וואָס קען אין אויג ניט אַריין.

די לייוונט איז ווייס אַזוי ווי זיין העמד
און אויף דער ווייסקייט שנייט פון די הענט
מיט שניי, וואָס ברענט און ווערט ניט פאַרברענט.

פּאָרטרעט פון אַ קאָמפּאָזיטאָר
(מאָטל פּאָליאַנסקי)

און ער וואָס איז געווען די לעגענדע
פון שטעטל זיינעם, ווען ס'האָט נאָך געלעבט,
האָט נאָך דעם שטעטלס טרויעריקער ענדע
געענדיקט. די לעגענדע איז ניט דערוועבט.

זיין לענגלעך פּנים שמייכלט שטענדיק ביטער,
זיין גוף איז נאָכגיביק דער אַסיענצייט,
די קלוגע אויגן לאַכן אויס דעם ציטער
פון זיינע פינגער אויסגעוועבט פון זייד.

ער איז געווען דער חלום פון זיין שטעטל,
וואָס האָט געזאָלט אים אָפּגעבן דער וועלט,
נאָר ס'האָט די וועלט זיין שטעטעלע צעטרעטן,
ווען ער האָט איר געזאַנגען צוגעשטעלט.

איצט שטייט ער ביי זיין גרויסשטאָטישן פענצטער,
נאָר דאַכט זיך אין אַן אַנדער וועלט ער לעבט,
פאַרמאַכט די אויגן ... שטיל אין שטעטל ... פינצטער ...
און פון דער שטילקייט שעפּט ער נאָך און שעפּט.

פּאָרטרעט פון אַ רעציטאַטאָר

(לייבו לעווין)

אַ הויכער מאַן, אַן אויסגעבויטער שלאַנק,
געקליידעט ווי זיין שאָטן, שוואַרץ און שאַרף,
די פינגער שפּילן אויף אַ ניט־געזעענער האַרף
און העלפן צו דעם מויל צו זיין געזאַנג.

זיין הויכער שמאָלער האַלדז ווי ביי אַ שוואַן,
און שטעקט אַרויס פון שמאָלן קאָלנער פון זיין העמד,
זיין שוואַנענליד קלינגט שטיל און אין דער פרעמד
פאַרטויבט ווערט פון סאָלדאַטסקע באַראַבאַן.

די גרעסטע דיכטער פון דער שווערסטער צייט
האָט ער געוואָלט אויף זיך ווי אַ פּאַראָם
זיי נעמען און זיי טראָגן קעגן שטראָם
אויף אָפּצוגעבן זיי דער אייביקייט.

נאָר ס'האָט דער שטראָם געשטאַרקט זיך און מיט פלייס
אַרויסגעוואָרפן אים אויף אַ ווייטן ברעג,
האָט ער דעם האַלדז ווי אַ שוואַן געשטרעקט
און אויפן ברעג דערפילט זיך אויסגעלייזט,
דעם גורל אָנגענומען ווי אַ טרייסט.

דעם פריינד פון פּאָעטן — הערש סעגאַלן

ווו האַלט זיך אויף אין מענטשן די נשמה ?
ווו וואַכט אין אים זיין שומר, דאָס געוויסן ?
עס ליגט ביים פריינד צעגאָסן אויפן פּנים
און שיינט מיט שטילקייט און מיט קלאָרן וויסן.

די דינע ליניעס אויף זיין אײדעלן שטערן
באַשרייבן פּאַר אַיעדן אין די אויגן
די צייכנס פון זיין פילן און זיין קלערן,
וואָס האָבן זיך פון טיפקייט אויפגעהויבן.

זיין שוועל ציט צו, זיין טיר איז שטענדיק אָפן,
דער טיש איז גרייט פאַר שטילע רייד, פאַר שווייגן,
וואָס בינדט צונויף מיט אַלטע פילאָזאָפן
און העלפט דעם מענטשן זיך אַריבערשטייגן.

ביי אונדזער קומען מאַכט ער צו די ביכער
פון אַנערקענטע נעמען און באַוווּסטע,
באַוווּסטע, גרויסע און באַרימטע אויף זיכער
און פרוווט זיך אויס אויף אונדז די אומבאַוווּסטע.

פון קליינע שטעטלעך זענען מיר געקומען
צום גרויסן טיש, צו זיינע ברייטע ברעגעס,
פון אַלע זייטן אים אַרומגענומען
און דורכגעלעבט די סאַמע טיפסטע רגעס.

און איך בין אויך געקומען מיט מיין קריגל,
געשעפּט און זיך געשפּיגלט אין זיין פּילן,
מיר האָבן אַלע זיך אין אונדזער פריינד געשפּיגלט
ווי וואָלקנדלעך אין אַ טייך אַ שטילן.

און מער פון אַלע איבעריקע זיבן
בין איך, דער אַכטער, לאַנג ניט אָפּגעטראָטן,
בין איך ביים ברעג פון טיש ביז טאָג פאַרבליבן
און אויף זיין וואַנט פאַרקריצט מיין יונגן שאָטן.

רייזל זשיכלינסקי

זי האָט אַלע אירע לידער אומגעקערט
צו די אורטעקסטן צוריק.
אַלע אויסגעמעקטע ווערטער אויפגעלעבט,
אַלע צוגעשטעלטע ווערטער אויסגעמעקט.
ווען דער בוים אין איר ליד
וואָלט געוואָרן אַ בוים און געבליט,
וואָלט זי פאַר אים געקניט.
צי ווערט ער ניט?
זעט און הערט:
ער ווערט.

וועגן זיך

אין שפּיגל שרייב איך מיט דער לינקער האַנט,
אין שפּיגל קרומט מיין אויג מיין רעכטס אַ ביסל,
נאָר מיינע קינדער לאַכן נאָך אַנאַנד,
ווי גלייך צום אויסזען מיינעם ליגט ביי זיי דער שליסל.

אין שפּיגל שרייב איך ווי די סביבה וויל,
פון לינקס אויף רעכטס ווי אַלע פעלקער שרייבן,
און קוק איך נאָר אַראָפּ צום שאָטן אויפן דיל,
דערזע איך דעם, וואָס אַלע המנס טרייבן.

מ. חרץ

ליגט אַ שטיין ווי אַ טרעפּ צו דער שוועל,
לייג איך אַרויף אויף אים מיין פּאָרטפעל.

לייג איך אַוועק מיין גאַנץ פאַרמעג —
לידער פון אַלע נעכט און טעג.

איך אַליין גיי אָפּ אין אַ זייט,
קוק און זע פון דער נאָענטער ווייט.

ווער סע גייט אַריין און אַרויס,
שפּאַנט די לידער אַריבער בלויז.

ווער סע קלאַפּט אין דער טיר און וואַרט,
טרעט אויף די לידער שווער און האַרט.

נעם איך פון שטיין אַוועק דעם פּאָרטפעל,
לייג אים העכער אַוועק, אויף דער שוועל.

און אויפן שטיין, אויף זיין פריערדיק פּלאַץ,
שרייב איך זיך אונטער — מאיר חרץ.

ווער סע קומט אַצינד צו דער טיר,
טרעט אויף די לידער און אויף מיר.

מיטנוועג

חשבון הנפש

1
שטילער, שטילער, בלייבט אַ רגע שטיין,
הערט אַ רגע אויף דאָס ווייטערגיין,
ווערט פאַרגליווערט און פאַרשטיינערט ווערט
אַט ווי יענער רייטער אויפן פערד.

ווייל איז דעם, וואָס גייט ניט נאָך די טעג,
כאָטש ער וויל ניט, בלייבט ער שטיין אין וועג
און ער בייסט זיך מיט די ציין.
ווייל איז דעם, וואָס פאָלגט און ווערט אַ שטיין.

2
און דו ווערסט מיך ניט פאָלגן, טייערע, וואָס איך זאָג,
און ווייל איך, דו זאָלסט לאַכן, הייב איך אָן אַ קלאָג,
און ווייל איך, דו זאָלסט בלייבן, בעט איך דו זאָלסט גיין,
און ווייל איך דיך פאַרטרייבן, זאָג איך : ווער אַ שטיין.

און דו ווערסט מיך ניט פאָלגן, טייערע, וואָס איך רעד,
און ווייל איך דיך דערצערנען, גיב איך דיר אַ גלעט,
און ווייל איך דיך דערפרייען, גיב איך מיר אַ שניט,
פאַרגיס איך מיט מיין בלוט די שורות טינט פון ליד.

3
איך זינג אַ להכעיס־געזאַנג,
כ׳האָב ליב, ווען דו האָסט מיך פיינט,

נאָר ס׳טוט מיר ווײ און באַנג
דיך לאָזן אָן אַ פֿרײַנד,

מײַן אויג צעפּראַלט די טיר,
מײַן האַרץ איז שוין אין וועג,
נאָר גײן פֿון דיר אָן דיר
אַלײן איז מיר אַ שרעק.

איך שטײ און קוק, די פֿיס
זײ שטײען ווי פֿאַרשטײנט,
נאָר ניט ווי יענער ריז,
ניט דאָס האָב איך געמײנט.

4

ניטאָ וואָס צו װײנען, כ׳האָב גאָרניט פֿאַרלאָרן,
ניטאָ וואָס צו מײנען, ניט מײַנע די יאָרן,
עס האָט זײ מיר אײנער אַ טאַטע אַ פֿרעמדער
געלאָזט ווי געטראָגענע קויטיקע העמדער.

ניטאָ וואָס צו קלײבן, ס׳איז לאַטעס אויף לאַטעס,
אַז ווײ צו די קינדער פֿון אונדזערע טאַטעס,
מײַן טאַטע געלאָזט אין דער בלאָטע זײַן וואָגן,
אַוועק און פֿאַרגעסן אַ זײ־געזונט זאָגן.

מיט קויטיקע העמדער אויף בלאָטיקע וועגן
וווּ וואַשט מען? וואָס וואַשט מען? פֿון וועמעס וועגן?
מע דאַרף ניט, מײַן טײערע, די הענט דײַנע שמוצן
און לאָז מיר מײַן גורל, איך וויל זיך ניט פּוצן.

5

רעדן קען מען אָן אַ סוף,
רעדן קען מען אײביק,
נאָר סע קומט צו גײן אַ שלאָף,
ווערן ווערטער לײדיק.

ערגעץ וואַקסט אַ שײנער בוים
אויף די שענסטע ערטער,
ערגעץ בליט אַ בוים אין טרוים,
דאַרף ער ניט קײן ווערטער.

ווען דער בוים וועט טון אַ רויש
וועל איך דעמלט שווייגן
און די עפּל אין מיין קויש
זאַמלען פון די צווייגן.

6
ס׳האָט אין לעבן אַלץ אַ סוף,
גאָרניט איז ניט אייביק,
אַז מע כאַפּט זיך אויף פון שלאָף,
ווערן טרוימען ליידיק.

אַז מע כאַפּט זיך אויף פון שלאָף,
הייבט מען אָן דערציילן,
ציען ווערטער זיך ווי שאָף
ניט צום איבערציילן.

ציען ווערטער אָן אַ סוף,
קומען אומגעבעטן,
פונעם שטיינערדיקן שלאָף,
פון די ווייכע בעטן.

ס׳איז דער טרוים שוין ערגעץ ווייט
מיט דער נאַכט פאַרפלויגן
און דאָס וואָרט סע רעדט און רעדט,
וואָס סע זעט מיט די אויגן.

געבעט

מיין האַרץ איז פול מיט געבעט,
די קני מיינע גרייטע צו קניען,
מיין גאָט, כ׳האָב פאַרשפּילט דאָס געוועט
און קען שוין מערער ניט פליען.

איך האָב זיך פאַרמאָסטן גרויס
און ברייט צעשפּרייט מיינע פליגל,
איך בין אויפן הימל אַרויס
און אונטן אין ים זיך געשפּיגלט.

איך האָב פון קיין רו ניט געקלערט,
געפלויגן פון שטיין צו שטערן,
זאָל קלערן פון רו דאָס פערד,
פון רו זאָלן אָקסן קלערן.

די הינט האָבן בייז געבילט,
אַרויף צו מיין פלי אין די הייכן,
זיי האָבן מיטן בילן געצילט
מיין פלי אין די הייכן צו גרייכן.

עס האָט זיך פאַרמאָסטן מיט מיר,
דאָס הינטיש געביל מיט מיין פליען,
איצט בעטל איך רחמים ביי דיר,
די קני מיינע גרייטע צו קניען.

איצט שטיי איך פאַרשעמט און פאַרשטויבט
אַראָפּגעשלײַדערט פון אויבן,
פון מוט און פון פליגל באַרויבט,
די קני אויף דער ערד אין די שטויבן.

אין אומרו איך קני, אין פיבער,
אין אומרו איך בעט דיין גענאָד,
דעם אומרו לאָז מיר כאָטש איבער,
דעם אומרו לאָז איבער, מיין גאָט.

ס'איז יעדער געליגן

ס'איז יעדער געליגן, געהריזעט אַ ביין
און איך אָן אַ ביין בין געליגן אַליין
אין געוווי, אין געוויין.

ס'האָט יעדער צעשטרעקט זיך, צעכראָפּעט זיך זאַט
און איך בין אָן שלאָף געליגן זיך גלאַט
ווי האַרבסטצייט אַ בלאַט.

איך האָב ניט געוויינט און איך האָב ניט געקלאָגט
ווי איינער, וואָס האָט שוין זיינס אָפּגעזאָגט
און ס'איז אים גלייך, ס'איז נאַכט צי ס'איז טאָג.

אַ האַרבסטיקער בלאַט אונטער האַרבסטיקן בוים,
ער דאַרף שוין קיין שפּייז ניט, קיין זאַפטן שוין,
ער דאַרף ניט אפילו קיין טרוים,
דער האַרבסטיקער בלאַט אונטער האַרבסטיקן בוים.

מיין לעצטער טאָג

איך ווייס ניט, ווי לאַנג כ׳וועל נאָך לעבן,
די צאָל פון די יאָרן, די טעג,
איך ווייס ניט די ווייט פון די וועגן
און וווּ ס׳איז מיין לעצטער וועג.

קאָן זיין, אַז ער ליגט ערגעץ נאָענט,
קאָן זיין — מעבר לים,
קאָן זיין, אַז הייַנט נאָך אין אָוונט
כ׳וועל גראַמען דעם לעצטן גראַם.

קאָן זיין, אַז איך וועל נאָך לאַכן
פון דאָזיקן לעצטן ליד
און כ׳וועל נאָך אַ בעסערס מאַכן,
קאָן זיין, איך ווייס עס ניט.

נאָר כ׳ווייס, אַז דער טאָג, וואָס געקומען
געווען איז, אויף זיכער געווען,
איך האָב אים אין גאַנצן מזומן,
אין טאָגבוך פאַרשרייבט אים מיין פען.

פאַר טאָג איז די זון אויפגעגאַנגען
ביי טאָג געשטאַנען אין מיט,
פאַר נאַכט איז די זון פאַרגאַנגען
און מערער ווייס איך ניט.

און כ׳ווייס ניט, ווי לאַנג כ׳וועל נאָך לעבן,
די צאָל פון די יאָרן, די טעג,
איך ווייס ניט די ווייט פון די וועגן
און וווּ ס׳איז מיין לעצטער וועג.

אָט קוק איך אַריין אין מיין זכרון

אָט קוק איך אַריין אין מיין טיפן זכרון
אַזוי ווי אין אַ טונקעלן ברונעם
און לאָז מיך אַראָפּ אויף די טרעפּלעך פון יאָרן,
מיין קינדהייט דאָרט צו געפינען.

איך נידער אַראָפּ דאָרטן פּופּציק טרעפּלעך
און שטעל זיך אָפּ אַ סעקונדע
און זע אַ קינד מיט אַ רעקל מיט קנעפּלעך,
מיט גלאַנציקע קנעפּלעך רונדע.

דאָס קינד קוקט אַרויס פונעם גלאַנציקן שפּיגל,
וואָס אויפן דנאָ פונעם ברונעם,
איך נידער טיפער און זע אין אַ וויגל
אַ זויג־קינד מיט אייגעלעך קרומע.

און פּלוצעם זע, דער ברונעם איז טרוקן,
איך קען שוין צוריק ניט שטייגן
און ניט קיין זויג־קינד בין איך — אַ זקן,
וואָס מוז שוין דאָ פאַרבלייבן.

1962

איך זיץ אין דער שטילקייט פאַרטראַכט

איך זיץ אין דער שטילקייט פאַרטראַכט
פאַר נאַכט אויף אַ שטיין אויף אַ שטומען
און כ'הער זיך צו צו דער נאַכט,
וואָס דאַרף פון ערגעץ קומען.

איך זיץ און איך וואַרט און איך וואַך
די נאַכט, זי איז שוין געקומען,
איך לאָז מיך אַראָפּ אין דער נאַכט
ווי אין אַ טיפן ברונעם.

דאָס מויל פונעם ברונעם פאַרמאַכט,
לבנה־שיין אויף מיין גומען.

וואָס האָב איך דער שטילקייט געבראַכט ?
די שאַטנס פון אַלע זונען.

וואָס האָב איך דאָרט אויבן געמאַכט ?
געבלאָנדזשעט אין אַלע אַרומען,
ביז כ'בין אַראָפּ אין דער נאַכט
ווי אין אַ טיפן ברונעם.

נעכטיקע טעג

איך שפּיל אויפן פּײַפל ביי אונדז אויפן הויף
אַזוי ווי אַ פּאַסטעך אין פעלד,
און ס'קומען אַ טשערעדע טעג זיך צונויף,
וואָס איך האָב צעזייט אויף דער וועלט.

אַט שטייט דאָרט אַן עלטערער טונקעלער טאָג
באַוואַקסן מיט וואָל ווי אַ שאָף,
און ס'טוט פונעם פּײַפל אַ שפּיל און אַ קלאָג
און ס'ווייזט זיך זיין בלוטיקער סוף.

אַט שטייט דאָרט אַ טאָג אין שניי ביז די קני
און קען ניט אַרויס פונעם שניי,
דאָס פּײַפעלע טוט אים פון דאָרטן אַ צי,
דאָס פּײַפעלע טוט אים אַ דריי.

און אַט איז אַ טאָג אין אוזבעקישן זאַמד
און הונגעריק, דאָרשטיק און מיד,
דאָס פּײַפעלע רופט אים פון זאַמדיקן לאַנד
און ס'ציט אים און ס'ציט אים דאָס ליד.

אַט שטייט נאָך אַ טאָג, נאָר איך לייג אַוועק
דאָס פּײַפל און לייג זיך צו
און טרייב זיי די אַלטע פאַרגאַנגענע טעג,
און טרייב זיי צו זייער רו.

כ׳האָב אַלע מײַנע ליבעס

כ׳האָב אַלע מײַנע ליבעס,
ליבעס אויסגעטראַכטע
שוין באַזונגען
און ס׳טראַכט זיך מער שוין גאָרניט אויס.
כ׳האָב אַלע מײַנע יאָרן,
יאָרן ניט געלעבטע
שוין באַשריבן
און ס׳קומט פון דעם מיר גאָרניט ניט אַרויס.
כ׳האָב אַלע מײַנע פריידן,
פריידן ניט געהאַטע
אויסדערציילט
איצט שטיי איך אויסגעליידיקט אין אַ פּוסטן הויז.

1966

ווינטערליד אויף דער עלטער

קינדער שליטלען זיך אין דרויסן אויפן שניי,
דורך דער בריל און דורכן פענצטער זע איך זיי.

מיטן רוקן צו דעם אויוון זיץ איך, קוק אין שויב,
כ׳בין אַ ביסל בלינד שוין און אַ ביסל טויב.

נאָר אַ ביסל זע איך נאָך דעם שניי
און אַ ביסל הער איך און פאַרשטיי.

כ׳האָב זיך היינט דערמאָנט אין זומערשטויב,
איידער כ׳האָב דערזען דעם שניי אין שויב.

כ׳האָב דערמאָנט זיך, כ׳בין געווען אַ קינד
און געוועזן דעמלט אויך אַ ביסל בלינד.

ס׳איז די ערשטע בלינדקייט, ס׳איז די ערשטע העלפט,
וואָס געדויערט ביז אַ זייגער צוועלף,

ווען די זון דערגרייכט די העכסטע הויך
און דאָס אויג שניידט דורך שטויב און רויך.

און דער אויער כאַפּט דעם ווינט פון ווייט,
וואָס ער דרימלט איין אין מיטיק־צייט.

נאָך דעם הייבט זיך אָן די צווייטע העלפט,
ווען דו קויפסט אַ בריל זיך, וואָס זי העלפט

מערער שטומפּיק ווערן, ערגער זען,
דורכן זכרון זעט מען בעסער, וואָס געווען.

איינס נאָר קאָן איך ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס —
כ'טראָג דאָך אויף קיין אויער ניט קיין גלאָז,

קיינער שרייט דאָך אויף דער וועלט ניט: שאַ!
וואָס זשע הער איך ניט? וואָס זאָגט איר? האַ?!

קינדער שליטלען זיך אין דרויסן אויפן שניי,
דורך דער בריל און דורכן פענצטער זע איך זיי.

כ'בין ניט קיין קינד

כ'בין ניט קיין קינד מיט בלאָנדע לאָקן,
וואָס טראָגט אין ווינט זיי ווי אַ פאָן,
איך בין שוין פופציק יאָר אַ זקן,
אַ גרויער פון געבוירן אָן.

די וועלט איז פול מיט ברייטע שליאַכן,
מיט שמאָלע סטעזשקעלעך דורכויס,
מע רעדט, מע זינגט אויף טויזנט שפּראַכן
נאָר איך קען איינע, יידיש בלויז.

מיט פלינקייט בין איך ניט באַשאָנקען,
איך שווים אַהום און ווייס ניט ווו
און ניט איך ווער אין אים דערטרונקען
און ניט איך שווים צום האָפן צו.

מיין לייב איז אָנגעזאַפּט מיט דרויסן,
כ'האָב אַלע זאַלצן שוין פאַרזוכט,

נאָר כ׳ווייס, אַז וואָס כ׳האָב אָפּגעשטויסן
איז ווערט געווען, איז פּוילע פרוכט.

און כ׳ווייס, אַז וואָס כ׳האָב אויפגענומען,
כאָטש שטענדיק שפּעטער ווי מע דאַרף
(ווייל נאָך דער שימחה שוין געקומען
בין איך צו שפּילן אויף מיין האַרף),

איז שיין און ליכטיק, פול מיט צויבער,
כאָטש איך אַליין בין ניט קיין קינד,
וואָס טראָגט אַרום זיין בלאָנדן שויבער
ווי מע טראָגט אַ פאָן אַרום אין ווינט.

1962

פון יאָר צו יאָר

פון יאָר צו יאָר מיר ווערט דער הימל שווערער
און וואָלקנדיקער, גרויער ווערט מיין קאָפּ,
איך ציטער פאַרן טויט, דעם שווייגנדיקן שערער,
וואָס שערט די משא מיר פון קאָפּ אַראָפּ.

ער שערט אַראָפּ די וואָלקנס מיט די שטערן
און אַלצדינג אַרום מיר און איבער מיר אין רוים
און אַלצדינג, וואָס כ׳האָב אָנגעזאַמלט מיט מיין זען און הערן —
די ימען און דעם טייך, די וועלדער און דעם בוים.

מיטנוועג

מיטנוועג, דער וואָגן פאָרט ניט,
ניט פאָרויס און ניט צוריק,
ס׳איז מיין טאָג אַוועק מיט גאָרניט,
ס׳האָט אין גאָרניט מיר געגליקט.

וואָס זשע טוט אַזאַ שלימזל,
וואָס איך בין שוין זעכציק יאָר?
כ׳שפּרינג אַריבער, די פאַנטאַזיע
יאָגט מיך, טראָגט מיך און איך פאָר.

אַנגעפאָרן זיך, דער וואָגן
שטייט דאָך אויפן זעלבן פּלאַץ
און עס בלייבט מיר נאָר צו זאָגן:
איי ביסטו אַ נאַר, חרץ.

1.2.1971

אויף דער עלטער

1

עס איז ניט לאַנג מיט מיר געשען,
איך בין געזעסן, פאָרנדיק אַהיים,
און ס'איז אַזוי מיין ענג געווען,
אַז העכער האַלב געמוזט האָט שטיין
און נעבן מיר אַן אַלטער מאַן
און כ'האָב אים פאַרגעלייגט מיין פּלאַץ
— פאַראַן נאָך דזשענטלמענס, פאַראַן,
האָט ער געזאָגט, נאָר איר, חרץ,
איר זעט פון מיר דאָך עלטער אויס,
טאָ זיצט זשע, ביז איר גייט אַרויס.

2

דער מאַן איז גראָ, געקנייטשט, געבויגן
מיט קישעלעך אונטער די אויגן,
די אויגן רויט און אָנגעצונדן,
אַ האַנט איז ווייס אַרומגעבונדן,
די ליפּ די אונטערשטע אים ציטערט
און ראַנגלט זיך מיט עפּעס ביטערס,
אַן אַלטער מאַן, איז ווען פעלט ער?
און איך פון אים זע אויס נאָך עלטער.

3

זאָל ווער סע וויל צו זיך אַליין זיך בוקן
און איך, איך קאָן אויף זיך ניט קוקן,
איך האָב פאַרקויפט פון הויז דעם שפּיגל
און פאַרן געלט אַ שטול געקריגן,
אַ ווייכן שטול אַן אויסגעבעטן,
וואָס שטרעקט זיך אויס און ווערט אַ בעטל,

איך ליג אין צימערל אין שטילן
און קוק אויף אַלע פוטבאָל־שפּילן,
כ׳פאַרמאַך די פענצטער מיט די לאָדן
און קוק אויף טענץ, אויף קאַראַהאָדן.
אַן אַלטער פילם, מע קעמפט מיט אָקסן,
אַ נייער פילם מיט קלעפּ מיט באָקסן,
איך זע אין טאָג אויך דריי באַלעטן,
איך ברען אַ וועלט ביי זיך אין בעטל.

כ׳בין מיד

כ׳בין מיד
און וואָס איך וויל טוּען, טוּ איך ניט,
פאַרבלייבט ניט דערשריבן דאָס דאָזיקע ליד.

נאָר ניין,
געלאָזט זיך אין וועג, איז דאַרף מען גיין,
כ׳בין מיד, נאָר איך בלייב ניט שטיין.

ס׳איז שטאַרק
דער שלאָף און ליגט ווי אַ באַרג,
כ׳שפּרינג אויף און וואַרף אים אַראָפּ פונעם קאַרק.

די פען
זי נעמט
מיין האַנט, מיט געוואַלד.
איך שרייב וועגן שטאָט, וועגן פעלד,
וועגן וואַלד.

כ׳בין מיד
נאָר רוּען קען איך ניט,
ביז וואַנען איך גרייך ניט צום ברעג פונעם ליד.

כ׳געדענק אַ צייט

כ׳געדענק אַ צייט, מיר זענען אין דרייען
מיט אונדזערע קינדערשע שפּילערייען,
מיט אונדזערע נאַרישע שפּילערייען.

דערנאָך אין צווייען, אין שפּעטערע צייטן,
מיט אונדזערע ערנסטע נאַרישקייטן,
מיט אונדזערע שטרענגע נאַרישקייטן.

און איצט די עלטער, די עלטערע זאַכן —
און איבער זיך דאָס חוזק מאַכן,
כדי אַ ביסל כאָטש צו לאַכן.

און זאָלן אונדז מוחל זיין אונדזערע טעכטער,
אונדזערע שטרענגע, שיינע טעכטער,
ווייל ס׳איז שוין אַז ווי צו אונדזער געלעכטער.

כ׳האָב אָנגעדרייט דעם זייגער

כ׳האָב אָנגעדרייט דעם זייגער, ער זאָל גיין צוריק
און וואַרטן זיך געשטעלט, אַז איך זאָל ייִנגער ווערן,
עס האָבן אָנגעצונדן זיך פון־לאַנג־פאַרלאָשענע שטערן,
וואָס האָבן נאָך געזונגען ביי מיין וויג.

איך בלעטער אין זכרון, איך מיש דאָס בוך צוריק,
אָט לויפן קינדער דורך און קוקן ניט אַהינטער,
איך נישטער און איך זוך דעם ערשטן ווייסן ווינטער,
וואָס האָט אַריינגעשיינט פון דרויסן אויף מיין וויג.

איך דריי זיך אויס און פּרוּוו זיך גיין צוריק,
די וואַקסנדיקע קינדער, וואָס גייען מיר אַקעגן,
זיי לאָזן מיך ניט גיין אַקעגן זייערע וועגן,
זיי דרייען אויס מיין וועג אַלץ ווייטער פון מיין וויג.

לעבנס־לוסט

ניט די הענט ווערן שווערער,
ניט די פיס, ווען איך שטיי,
נאָר די משא ווערט שווערער,
וואָס לייגט זיך אויף זיי.

ניט די הענט ווערן בלויער,
ניט די פיס, ווען איך גיי,
נאָר די פּאַסיקלעך טרויער,
וואָס מע צייכנט אויף זיי.

ניט די האַנט איז, וואָס ציטערט,
ניט סע וואַקלען זיך פיס,
ס'איז געוואָרן בלויז ביטער,
וואָס געוועזן איז זיס.

מיין לייב איז מיד

מיין לייב איז מיד פון קליידער טראָגן,
פון קליידער טראָגן, ליגן זאָגן,
ווייל וואָס איז דען אַ הוט, למשל,
אויף פּראָסטן ניט־פאַרשטעלטן לשון ?
אַ ליגן, וואָס דעם פּליך באַהאַלט ער,
אַ גרויסן פּליך פון אַ בוכהאַלטער.
און וואָס באַדייט דאָס העמד דאָס ווייסע ?
אַ ליגן אויך, אַ פּוסטע מעשה
אויף צודעקן די האָר די שוואַרצע,
וואָס וואַקסן אויפן פּעטן האַרצן.
און וואָס באַדייט עס דען דאָס רעקל,
וואָס נעמסט אַראָפּ עס פונעם פלעקל ?
דאָס רעקל אין די בלאָע פאַרבן,
וואָס טוסט עס אָן אויף ביידע אַרבל
און אַלע קנעפּלעך דו פאַרקנעפּלסט
און פרעמדע אויגן דו פאַרנעפּלסט,
מע זאָל ניט זען דיין בייכל וואַקסן.

די קישעלעך אויףביידע אַקסל
באַדייטן אויך אַ גראָבן ליגן,
מע זאָל ניט זען, אַז ניט קיין פליגל,
נאָר גאָר אַ האָרב איז אויף דיין רוקן
און ס'קען זיך גלוסטן וועמען קוקן.
און וואָס פאַרדעקן דען די הויזן?
פאַרשטייט זיך, אויכעט ניט קיין רויזן.
נו און די שיך די אָפּגעפּוצטע?
פאַרדעקן פיס שוין אָפּגענוצטע.
מיין לייב איז מיד פון קליידער טראָגן,
פון קליידער טראָגן, ליגן זאָגן.

אויסגעשעפּט און אויסגעוועפּט

אויסגעשעפּט און אויסגעוועפּט,
אָפּגעקלעפּט און אָפּגעלעבט,
ציטערט מיר די האַנט.
אויפגעוועקט און אָפּגעדעקט,
אָפּגעמעקט און אָפּגעעקט,
שטיי איך ביי דעם ראַנד.

אָפּגעשוואַכט אַקעגן נאַכט,
אָפּגעשוואַכט און אויפגעבראַכט,
לאָז איך זיך אַראָפּ.
אָפּגעשוואַכט און אויסגעלאַכט
דעק איך צו זיך מיט דער נאַכט
ביז איבערן קאָפּ.

די לעצטע כוחות

די לעצטע כוחות גייען אויס
און ס'פּאַלט דער הימל אויפן הויז,
און ס'פּאַלט די סטעליע אויפן קאָפּ,
די ערד אַליין פאַלט אויך אַראָפּ,
אַראָפּ־אַראָפּ!

און ערגעץ אונטן אויפן דנאָ
געפאַרבט אין פאַרבנלאָזן גראָ
איז גאַרניטאָ, קיין פרייד, קיין פיין
און איך וועל אויכעט באַלד ניט זיין,
ניט זיין, ניט זיין!

איך ווייס אַליין ניט, ווי איך קען
די האַנט נאָך האַלטן אויף דער פען,
זי פאַלט, מיר דאַכט זיך, באַלד אַרויס,
די לעצטע כוחות גייען אויס,
אוי, גייען אויס,
אוי, גייען אויס!

אין שפּיטאָל

מיינע האָר אויפן ווייסן קישן זיי גראָען
אַזוי ווי די שטויבן, וואָס אויפן וועג,
מיינע פריינד זיי קומען צו מיר אויף שעהען
און גייען פון מיר אַוועק אויף טעג.

מיינע ווייטיקן זענען מיד געוואָרן,
שרייען זיי ניט אין גבול פון שפּיטאָל,
כ'ליג אָן כוחות אויף אַ הויפן יאָרן
און מיר דאַכט, אַז איך שווים צום אַמאָל.

מיינע קינדער־יאָרן לויפן באָרוועס
מיינע אויגן פאַרביי אין הוילן העמד,
לויפן צוריק דורך שרפות, חורבות,
צוריק צו דער מאַמען אויף די הענט.

שטיל, אין שפּיטאָל איז געוואָרן פינצטער
און ווידער ליכטיק אויף אַלע ווענט,
ד צייט ווי אַ רעגן קלאַפּט אין די פענצטער
מיט אַלע פינגער פון אירע הענט.

באַלד־באַלד

איך וועל זיך מוטשען, מוטשען און דערמוטשען,
איך וועל אייך לאַנג שוין ניט דערקוטשען,
איך וועל אייך, פריינד, שוין לאַנג מיט זיך ניט פּלאָגן,
כ׳האָב אָפּגעזאָגט שוין, וואָס געהאַט צו זאָגן.

מיין גרויסער גאָט

מיין גרויסער גאָט, איך שטאַרב אַוועק
און ס׳שטאַרבט אויך מיין זכרון,
און ס׳שטאַרבן אַלע מיינע טעג
און אַלע מיינע יאָרן.

און ס׳שטאַרבן אַלע מיינע טעג,
וואָס דו האָסט מיר געגעבן,
מיין גרויסער גאָט, איך שטאַרב אַוועק
און לאָז דיך ווייטער לעבן.

נאַכטגעדאַנקען

דער טאָג איז אַוועק און דער חשבון איז שלעכט געמאַכט,
דער טאָג איז אַוועק, איז אַוועק, איז אַוועק און ס׳איז נאַכט.
ס׳איז נאַכט און ס׳איז נאַס און ס׳איז קאַלט און ס׳איז וויסט
און ס׳איז נאַכט —
דער טאָג איז אַוועק און דער חשבון איז שלעכט געמאַכט.

אין פענצטער איז שוואַרץ און דאָס אויג איז דערשראָקן און ווילד,
דאָס פּנים איז הייס און צערייצט, נאָר דער האַלדז איז פאַרקילט,
אַ שטערן בליצט אויף ווי אַ גראָשן, וואָס מ׳האָט אים פאַרשפּילט
און ווידער איז שוואַרץ און דאָס אויג איז דערשראָקן און ווילד.

אַ טאָג איז אַוועק, די נאַכט וועט אַוועק, סאַראַ שרעק!
און ווידער אַ טאָג, אַ טאָג וואָס וועט ווידער אַוועק.
אַ טאָג און אַ נאַכט און אַ טאָג און ס׳נעמט ניט קיין עק,
אַ טאָג איז אַוועק, די נאַכט וועט אַוועק, סאַראַ שרעק!

מיינע נעכט און טעג

מיינע נעכט
שלאָפן שלעכט,
שטעכן אין די זייטן.
כ'זע אין טעג
ניט דעם וועג
ווי מע זעט ביי לייטן.

מיינע פריינט
זענען היינט
אַלע זיך צעפאָרן.
זייער וועג
ניט אויף טעג
נאָר אויף לאַנגע יאָרן.

מיינע לייט
זענען ווייט
ניט צו זען פון דאַנען.
כ'בין אַליין
ווי אַ שטיין
און איך וויין אין גראַמען.

און איך בין מיד

און איך בין מיד פון וואַרטן און פון האָפן
אין מיטן ים, אין מיטן טרינקען זיך, מיר ווילט זיך שלאָפן, שלאָפן,
ס'איז גוט צו שטאַרבן שלאָפנדיק, אין סאַמע מיטן חלום,
דיר חלומט זיך, דו קעמפסט, דו שלאָגסט און פלוצעם — שלום, שלום!

ווערטער

ווער סע זאָגט...

כ׳האָב געזען אַן אָרעם ייִנגל
טאַנצן באָרוועס אויפן מיסט.
ווער סע זאָגט, אַז דיכטער זינגען,
ווייסט ניט, וואָס אַ דיכטער איז.

כ׳האָב געזען אַ מויד זיך דינגען
מיט אַ זעלנער און געוויינט.
ווער סע זאָגט, אַז דיכטער זינגען,
ווייסט ניט, וואָס אַ דיכטער מיינט.

כ׳האָב געהערט אַ קלויסטער קלינגען,
כ׳האָב געזען אַ קלויז, וואָס ברענט.
ווער סע זאָגט, אַז דיכטער זינגען,
האָט קיין דיכטער ניט געקענט.

ווערטער ייִדישע

ווערטער ייִדישע פון אַלע עקן וועלט
קלאַפּן אָן ביי נאַכט צו מיר אין טיר —
ס׳האָבן דיכטער אונדז פון ליד אַרויסגעשטעלט,
זענען מיר געקומען זיך אויסוויינען פאַר דיר.

ס׳האָבן דיכטער קלייבנדיק די שפּראַך,
ווי מע קלייבט קראַוואַטן אין אַ קלייט,
אונדז געפּסלט און אַוועקגעמאַכט
מיט דער האַנט פון לעבעדיקסטע רייד.

זוכנדיק אַ וואָרט, וואָס איז נאָך ניט געווען,
האָבן זיי געמעקט, געשניטן בלינד,
האָבן מיר, די אויסגעמעקטע, קיינער זאָל ניט זען,
אַנגעקלאַפּט צו דיר אין ליד אַצינד.

האָב איך זיי, די אויסגעמעקטע, אויסגעהערט,
ניט געהאַט קיין האַרץ צו לאָזן זיי,
פונעם שטויב זיי אויפגעהויבן, פון דער ערד,
און זיי אויסגעשטעלט אין רייען — ריי נאָך ריי.

פון די אויסגעמעקטע ווערטער האָב איך באַלד
אויסגעוועבט אַן אויסגעמעקט געזאַנג.
זינגט עס ניט ווי פייגל אין אַ וואַלד,
זינגט עס ווי אַ שטיין ביים זונפאַרגאַנג.

ווונדערווערטער

ווונדערווערטער ווי רפואות אונטער גלאָז,
ווונדערוואַסערלעך און ווונדערזאַלבן,
האַלט דעם אָטעם איין, ווייל פון אַ בלאָז
קאָן דאָס גלאָז, חלילה, זיך צעהאַלבן.

ווונדערווערטער — שטיינער פון גראַניט
מיניען זיך און שפּילן זיך מיט פאַרבן,
שטעל זיך אָפּ אַ ווײַלע, זיי געהיט
פון אַן איבעריקן טראָט אויף וועג אויף האַרבן.

ווונדערווערטער — שמאָלער קלאָרער פלוס
צווישן גראָע נעפּלדיקע ברעגן,
פאַלט אַראָפּ דאָרט פון אַ בוים אַ נוס,
בייג זיך ניט, זי איז פון קיינעמס וועגן.

ווונדערווערטער אויף אַ שטרענגער וואָג,
מיט אַ דינער־דינער מאָס געמאָסטן,
קיינער ווייסט דערוויל ניט, היינט צו טאָג,
וויפל וועלן זיי אונדז מאָרגן
אָט די ווונדערווערטער קאָסטן.

4.10.1975

אַן עמער מיט ווערטער

אַן עמער מיט ווערטער אַ פולן
אַרויסגעשלעפּט ווי פון אַ ברונעם,
איך בין ניט געגאַן אין קיין שולע
און כ'ווייס ניט פון וואַנעט זיי קומען.

אַן עמער מיט ווערטער ווי טראָפּנס
צונויפגעגאָסן אין איינעם.
ווער האָט מיר געשטעלט אים צוקאָפּנס ?
צי האָב איך באַגנבעט די שכנים ?

אַן עמער מיט ווערטער ווי טרערן,
אַן עמער מיט ווייטיק אַ פולן,
איך שטיי איבער אים און איך לערן,
איך בין ניט געגאַן אין קיין שולן.

אין דער קראָם פון שיינע ווערטער

אין דער קראָם פון שיינע ווערטער
שטייען ביי די ראַפּטן מיידלעך
און זיי ווענדן זיך : "גערערטער
קונה, אפשר דאַרפט איר דריידלעך
זיך ביים רעדן אויסצודרייען ?
אפשר הייסע ווערטער, פלאַמען ?
אפשר קאַלטע ווערטער, שנייען ?
קורצע ווערטער צו דער מאַמען,
לאַנגע רעדעס צו די "מאַסן",
ווערטער גרויסע, ווערטער קליינע,
ליבעווערטער, אויך צום האַסן
איז פאַראַנען ווערטער שיינע.
ס'איז פאַראַנען ווערטער־גלעקלעך
פאַר אַן אָוונטפעלד אַ שטילן,
אפשר דאַרפט איר ווערטער־עקלעך
צוצובינדן צו געפילן ?
ס'איז פאַראַנען ווערטער נייע,
אַלטע ווערטער בירושה,

שעמט אייך ניט, איר דאַרפט באַפרייען
זיך, געערטער, פון דער בושה.
ווייסט, אַז אונדזער אויסוואַל ווערטער
איז דער רייכסטער, איז דער פילסטער
און איר קאָנט מיט זיי, געערטער — —"
רעדט אַ מיידל מיט געפּליסטער
אינעם אויער פון אַ קונה,
אַז סע ווערט דעם קונה וואַרעם
פון אַזעלכע און אַזוינע
שיינע ווערטער פול מיט שאַרעם.
ער באַשטעלט ביי איר דעריבער
ווערטער אויף זיך צו דערקלערן
איר אַליין טאַקע אין ליבע,
ווייל ער וויל איר חתן ווערן.
פאַקט דאָס מיידל איין אַ שאַכטל
מיט די טייערסטע ווערטער סאָמע
און פון דאַן אין די פאַרנאַכטן
זעט מעןביידע שוין צוזאַמען.

מיין וואָרט

מיין וואָרט — מיט ברענשטאָף אָנגעלאָדן,
עס ברענט, ברענט אויס און ווערט פאַרלאָשן,
נאָר אַש איז אויך אַ וואָרט אין לשון,
איך בין פון פלאַם אַרויס אָן שאָדן.

דאָס אַש קאָן קיינער ניט פאַרברענען
און אויב דער ווינט וועט עס צעבלאָזן
און ס'וועט זיך אינעם זאַמד צעלאָזן,
וועל איך עס אינעם זאַמד דערקענען.

ווייל זאַמד איז אויך אַ וואָרט מיט ווערטער,
אַ וואָרט צעשפּרייט אויף טויזנט ערטער
און ס'לאָזט דער ווינט עס לאַנג ניט ליגן.

ווי לאַנג דער ווינט זאָל זיי ניט טראָגן,
די זאַמדן קען ער ניט פאַרטראָגן
פון דר'ערד און לאָזט אַראָפּ די פליגל.

מיר טאַפּן אָן

מיר טאַפּן אָן די ווערטער בלינדערהייט,
פאַרגלייכן זיי מיט די געהערטע רייד,
וואָס מיר באַהאַלטן טיף אינעם געהער
און זייער קלאַנג ווערט מיט די יאָרן שווער.

מיר טאַפּן אָן די ווערטער מיט די הענט,
פאַרגלייכן זיי מיט בלינד־געטאַפּטע ווענט,
וואָס מיר אין משך פונעם לעבנסגאַנג
געטראָפן און געשטאַנען ביי זיי לאַנג.

מיר רירן אָן די ווערטער מיט אַ קוש,
מיר כאַפּן אויף די ווערטער מיטן חוש,
וואָס אים אַליין איז ניט צו כאַפּן גרינג,
אפילו ווען מע רעדט ניט, נאָר מע זינגט.

געפין מיר אויס

געפין מיר אויס אַן אָרט,
ווו נאָך קיין איינציק וואָרט
האָט זיך ניט צוגערירט צו דעם ;
אַן אָרט, וואָס האָט קיין שלעכטן, ניט קיין גוטן שם,
אַן אָרט, ווו ס'רוישן פונעם טייך,
איז דער נאָמען
פון זיין שטראָמען
קרום און גלייך ;
ווו דאָס רוישן פונעם וואַלד
איז דער נאָמען, וועלכער שאַלט
באַקאַנט און אַלט.
געפין מיר אויס אַן אָרט,
ווו נאָך קיין איינציק וואָרט
האָט זיך ניט צוגערירט צו דעם,
אַן אָרט, וואָס האָט קיין גוטן, ניט קיין שלעכטן שם.

איך זוך ניט

איך זוך ניט קיין וואָרט פֿאַר דער פֿרייד,
איך זוך ניט צו גליקן קיין נעמען,
ווען דו וואָלטסט נאָר ניט ליב געהאַט קיין רייד,
וואָלט איך זיך מיט קיין נעמען ניט פֿאַרנעמען.

איך זוך ניט קיין ניגון צו דעם וואָרט,
איך זוך ניט קיין געזאַנגען פֿאַרן אויער,
ווען דו וואָלטסט וואָרט מיט ניגון ניט געפּאָרט,
וואָלט איך דעם ניגון ניט געפּאָרט מיט טרויער.

איך זוך ניט און איך זוך ניט און געפֿין
אַלצדינג, וואָס איך זוך ניט צו געפֿינען,
נאָר טרעפֿט אַ וואָרט זיך אָן דעם מינדסטן זין,
איז האָב איך עס אויף אייביק שוין אין זינען.

ירושלים, 6.10.1975

איך בין אין גערטנער ניט געווען

איך בין אין גערטנער ניט געווען,
איך האָב קיין בלומען ניט געזען,
איך זיץ פֿאַרשפּאַרט אין שטוב אַליין
און הער אַ נס: ס'בוך, וואָס כ'לייען
פֿון נעכטן אָן, האָט אויפֿגעבליט.
דאָס ביסל וואַסער, וואָס איך טרינק,
וועט אָפּפֿרישן דעם פֿריען צוויט,
די ווערטער שלאָפֿן אויפֿן צונג,
די ווערטער "גרין" און "רויז" און "בלום",
זיי ציען זאַפֿטן פֿון מיין לונג,
די שטילע ווערטער, וואָס איך זינג
זיי איבער, זענען זיס און גרינג
און טראָגן זייער דופֿט אַרום,
ווען אַלע שטויבן ליגן שטום.
דער שטויב פֿון אַלע זומערטעג,
איז שווער און מיד און לייגט זיך אָפּ
אויף ווייסן וועש, וואָס פֿאַלט אַראָפּ

פון שטריק, וואָס איז פאַרבונדן לויז.
צווישן פלויט און דאַך פון הויז.
אין דרויסן ברענט דאָס דאַרע גראָז
פון גרויסן פעלד, וואָס איז פאַרלאָזט
און ס'דעמפט דער שמאָלער טייך, וואָס גרינט
און רירט זיך ניט פון שטאַרקן ווינט.
אין דרויסן שטייט אַן אַלטער בוים,
אַ געל און קרום און פויל שטיק האָלץ
געוואָרן פון זיין פרילינגטרוים,
געוואָרן פון זיין ווּקס און שטאָלץ.
וואָס זאָל איך איצטער זוכן דאָרט ?
זיי וועלקן יעדער אויף זיין אָרט
און בליען אַלע אין מיין וואָרט.

די ווערטער־קאַשע

צעווילדעוועטע ווערטער ווי אַ וויכער
זיך דרייען איבער מיר אַלץ גיכער־גיכער,
גלייך ס'האָבן אויסגעשיט זיך אַלע ביכער
פון אַלע ביכער־שאַפעס אויף דער וועלט.

זיך דרייענדיק פאַרלירן זיי דאָס פּנים,
עס איז שוין שווער די ווערטער צו דערקאָנען
און ס'שלאָגן זיך ווי אמתדיקע שונאים
די טייטשן מיט די קלאַנגען פון דער וועלט.

אַ ווערטער־קאַשע קאָכט זיך אויף אַ פייער
און פאַלן ווערטער, זענען זיי ניט טייער,
מע שיט זיי אונטער גלייך פון ווערטער־שייער,
פון ווערטער־שייער פון דער גאָרער וועלט.

זיי דרייען זיך און פאַלן גלייך אין קעסל
און ס'גייט אַ פּאַרע, גלייך אונטער אַ פּרעסל,
איז נעמט די לעפל, זעצט צום טיש זיך פרעסן
די קאַשע פון די ווערטער פון דער וועלט.

ווערטער

דער מענטש האָט איינגעהילט די גאַנצע ערד אין ווערטער,
די גאַנצע ערד באַשטייט אַצינד פון ווערטער, ניט פון ערטער.
אַז ווו ער שטעלט אַ טראָט, ווערט אַן אָרט צעטראָטן
און ס'וואַקסן וואָרט נאָך וואָרט אויף דער זון, אין שאָטן.
ניטאָ קיין בוים, קיין גראָז, קיין פעלד, קיין טייך, קיין ברעגן,
נאָר ווערטער, ווערטער, ווערטער — אַ ווערטערדיקער רעגן.
דאָס וואָרט פאַרנעמט דאָס אָרט פונעם בינטל בלומען,
מיט וועלכן מיר פלעגן צו אַ געבורטסטאָג קומען.
דאָס וואָרט פאַרנעמט דאָס אָרט פון אַ קוש אַ הייסן
און ס'הייסט אַ דאַנק דעם וואָרט די מענטשן פילן, ווייסן.
די ווערטער רוישן שטאָלץ אין אונדזערע געפילן
און ס'פעלט אַן איינציק וואָרט די ווערטער איינצושטילן.

ווען ווערטער שווייגן

אַ ביכל פול מיט ווערטער אויפן טיש פאַרמאַכט.
אַז ווערטער קאָנען שווייגן האָט איר אַ מאָל געטראַכט?
און אויב איר האָט שוין יאָ אַ מאָל דערפון געקלערט,
אַז ווערטער קאָנען שווייגן, איז ווער האָט אייך געהערט,
איז ווער האָט אייער טראַכטעניש און קלערעניש געהערט?
אויך איר זענט פול מיט ווערטער, וואָס שווייגן טיף אין אייך,
אויך איר זענט פול מיט ווערטער און ווי דאָס ביכל רייך,
דאָס ביכל ווערט געעפנט, געלייענט ווערט און געמישט,
נאָר ווער וועט הערן אייך, ווען ווערטער רעדן נישט,
ווען טיף־אין־אייך־געטראַכטע ווערטער רעדן נישט?

איך בעט זיך

איך בעט זיך ביי די ווערטער,
פאַרדרייט מיר ניט די זאַכן,
פאַרפלאָנטערט ניט די ערטער,
פאַרטרערט מיר ניט מיין לאַכן.

איך בעט זיך ביי די קלאַנגען,
פאַרטומלט ניט די שטערן,
פאַרשרייַט ניט די געדאַנקען,
פאַרדונערט ניט מיין קלערן.

איך בעט זיך ביי די פאַרבן,
פאַרשמירט מיר ניט מיין וועבן,
פאַרבלויט מיר ניט מיין שטאַרבן,
פאַרגרויט מיר ניט מיין לעבן.

אָנגעשאַרפטע ווערטער

אָנגעשאַרפטע ווערטער ווי חלפים,
אָנגעצילטע קללה ווי אַ קויל,
גאַטעניו, מיין גאָלדענער, ניט שטראָף אים
פאַר די נאַרישקייטן פון זיין מויל.

גאַטעניו, מיין גוטינקער, ניט צאָל אים
פאַר די ווילדע מעשים, וואָס ער טוט,
רייצנדיקע שלאַנגען פון זיין חלום
האָבן אים פאַרסמט דאָס יונגע בלוט.

רייצנדיקע שלענגלדיקע שלאַנגען
און געשטרייפטע טיגערס אין געלאַף,
זיבן מאָל איז דאָך דיין זון פאַרגאַנגען
אין דער ערשטער וואָך פון וועלטבאַשאַף.

און פון דעמלט זאַמלען זיך די שקיעות,
ביז זיי פלאַצן אין דיין ענגן רוים,
שפריצט מיט פייער אויך אויף זיינע וויעס,
זעצט פון מויל זיינעם מיט עמערס שוים.

אָנגעגליטע ווערטער ווי אַן אויוון,
קאַלעכשטיינער ווערן ווייס ווי שניי,
גאָטעניו, מיין האַרציקער, לייז אויס אים
פונעם פייער, וואָס עס ברענט אין זיי.

ווערטערשטרייק

עס האָבן די ווערטער פאַרשטרייקט
און רירן זיך ניט פון די ערטער,
עס וואָלט זיי די צונג איבערצייגט
ניט שטרייקן, איז פעלן איר ווערטער.

עס האָבן די ווערטער פאַרשטרייקט,
זיי מאָנען גאָר העכערע לוינען,
און ווייזט מען די ווערטער אַ פייג,
פון זשעסט פונעם גראָבן זיי שטוינען.

זיי זענען דערצו ניט געוווינט —
אַ פייג צי אַ פויסט צי אַ שטעקן,
ביז איצט האָט מען ביליק באַלוינט
דאָס פרעדיקן זייערס, דאָס שרעקן.

אויף אונדזער חשבון איר לעבט,
זיי טענהן, און מיר וואָס קריגן?
מיר האָבן אומזיסט געשלעפט
דעם בילבול אייערן, דעם ליגן.

איצט שטעלט איר דעם ליגן דאָרט,
ווו ער קען אונדז וואָלט זיך שטעלן.
נאָר וואָס איז ליגן אָן וואָרט,
אַ ליגן, ווען ווערטער פעלן?

איצט שטעלט איר דעם ליגן אַוועק
ער זאָל אונדז באמת האַסן
דער שטעקן דער גראָבער, וואָס שרעקט,
דערשרעקט ניט קיין ווערטער־מאַסן.

מיר ווילן ניט דינען מער
דעם שווינדל און ליגנס זאָגן
און אויב דער אמת איז שווער,
מיר וועלן מיט ליבשאַפט אים טראָגן.

דער אמת, די גילדענע קרוין,
מיר וועלן אין פייער אים שטאַלן,
און דאָס וועט זיין אונדזער לוין
און איר וועט אים דאַרפן צאָלן.

כ׳האָב אויסגעלערנט זיך אַ נייע שפּראַך

כ׳האָב אויסגעלערנט זיך א נייע שפּראַך צום רעדן,
אַ שפּראַך אַזאַ, וואָס גיט זיך ניט אין מויל אַריין צו יעדן,
אַ שפּראַך אַזאַ צו הערן זי פון בלעטער אין אַ ספר,
צו הערן זי מיט דאָרשטיקייט, מיט הונגער און מיט אייפער.

כ׳האָב אויסגעלערנט זיך אַ שפּראַך אַ שפּאָגלנייע,
אַ שפּראַך אַזאַ אָן קלאַנגען און פון כללים גאַנץ אַ פרייע,
אַ שפּראַך, וואָס ווערט געבוירן ביים איינזאַמען, ביים יחיד,
בשעת ער רעדט צו זיך און זי פאַרבלייבט ביי אים אויף תמיד.

כ׳האָב אויסגעלערנט זיך צו רעדן אַנדערש־אַנדערש,
אַ נייע שפּראַך? ס׳איז ניט דאָס וואָרט, זי גיט מיר ניט קיין אַנדערס,
זי גיט מיר ניט קיין אַנדער וואָרט, אַ זאַך אַ ניט־דערהערטע,
פאַר זיך אַליין און פאַר איר נאָמען האָט זי ניט קיין ווערטער.

1976

גראַמען

איך זיץ און זוך די גראַמען צו אַ ליד,
ביז איך ווער פון זוכן גראַמען מיד,
ווער איך שוין אָן גראַמען זיך באַגיין,
אויב די גראַמען קומען ניט אַליין
הייב איך אויף זיך און איך גיי אַרויס,
קומען גראָד די גראַמען אין מיין הויז,
טרעפן מיך די גראַמען ניט ביים טיש,
כאַפּן זיי זיך צו צום טעלער פיש,
טרינקען אויס די מילעך מיט דער הויט,
נאַשן אויף די פּוטער מיטן ברויט.
כ׳בין אַ רגע בלויז אַרויס און זיך פאַרקוקט,
האָבן מיך די גראַמען דאָ דערוויל פאַרצוקט.

אַ ליד אָן גראַמען

אַ לויב דער זון,
דער זון, וואָס גייט אויף פאַר טאָג
און דער זון, וואָס פאַרגייט פאַר נאַכט.
די זון שטרעקט אויס אירע שטראַלן צום טייך
און שלעפט אַרויף די וואָלקנס,
וואָס הענגען אַ ביסל,
רוען זיך אָפּ
און רעגענען, רעגענען, רעגענען
און טרינקען אָן די געוויקסן.
דער שטראָם פון די לעמפּלעך ביי נאַכט
שטאַמט פון דער זון,
די קוואַלן פון נאַפט
שאַפט די זון,
די היץ אין פאַרמאַכטן אויוון
קומט פון דער זון,
די קוילן אויף ווינטער
פאַרגרייט די זון,
די זון שטעלט אונדז צו די קאַרטאָפל
ביז צו די קעלערן
און איז אונדז מכבד מיט וויין
און איז אונדז מכבד מיט זונענשיין,
נאָר דאָס האָב איך צוגעגעבן סתם,
ווייל ס'וויל זיך מיר ענדיקן מיט אַ גראַם.

דאָס וואָרט

דאָס וואָרט, וואָס צינדט אונדז אָן די זון,
האָט אויסגעלאָשן אַלע שטערן,
איצט זוך איך זיי, ביי טאָג, אַרום
מיט אַ לאַמטערן.

איך זוך זיי שווייגנדיק און שטום
אין ברינעמער אין טיפע,
איך קוק אין טייכן, אומעטום,
וווּ זענען זיי, די שטיפערס ?

זיי האָבן זיך אין טייך געוויגט
און גאָלדיק אָפּגעשפּיגלט,
איצט פּאַשען זיך ביים ברעג אַ ציג,
אַ ציגעלע, אַ ציגל.

אין טונקלעם ליכט פון שטערנלאַנד
געליובעט זיך אַ פּאָרל,
איצט שטייט אַ העלע פור געשפּאַנט,
אַ גרייטע אָפּצופאָרן.

אָט הייב איך דעם לאַמטערן הויך,
אָט לאָז איך אים אַרונטער
און ער איז מיט זיין ליכטל רויך
שוין אויכעט אַ באַזונטער.

איך בלייב אין מיטן זוכן שטיין,
די שקיעה שפּילט אויפן לאַמטערן,
דאָס וואָרט, וואָס מאַכט די זון פאַרגיין
צינדט אָן צוריק די שטערן.

אַז ס'טוט מיך וויי

אַז ס'טוט מיך וויי אַ האַנט,
טוט עס וויי דעם גאַנצן לאַנד.
אַז דער ווייטיק גרעסער ווערט,
טוט עס וויי דער גאַנצער ערד.
ווערט די גאַנצע ערד מיין גוף,
לייגט דער הימל מיר אַרויף
שטעכעדיקן וואָלקנשפּיץ,
שניידנדיקן וואָלקנבליץ,
בייג איך זיך אַראָפּ־אַראָפּ
מיטן בויך און מיטן קאָפּ
און איך קאָרטשע זיך פון וויי
און איך לעכער מיט געשריי
דורך דעם וואָלקן ביזן דנאָ,
ביזן סאַמע הימלבלאָ.
גייט אין אויג מיר אויף אַ שיין,

גייט די שיין אין גוף אַריין,
טיף אַריין צו מיר אין בלוט
און עס ווערט מיר גרינג און גוט.
אַז סע ווערט מיר גוט און גרינג,
הייב איך אויף זיך און איך זינג,
זינג צום הימל און איך דאַנק
גאָר דער ערד פֿאַר מיין געזאַנג.

ביים איבערשרייבן

ווען ווערטער גייען איבער פֿון איין פּאַפּיר צום צווייטן
און הענגען נאָך אין מיטן, ניט דאָרטן און ניט דאָ,
ווי קאָן מען לאָזן זיי אַליין און ניט באַגלייטן
אין וועג, ווו אונטער זיי איז קיין פּאַפּיר ניטאָ?

אַ וואָרט ווערט קראַנק אין וועג, אַ צווייטס אין וועג פֿאַרדרייט זיך,
אַ דריטס חלשות פֿאַלט און הייבט זיך מער ניט אויף,
כ'באַדויער זיי, כ'באַוויין זיי, נאָר כ'לאָז זיי דאָרט, פֿאַרשטייט זיך,
און כ'נעם שוין מער זיי אויף מיין פֿעדער ניט אַרויף.

ווייל ווערטער, וועלכע קאָנען אָן פּאַפּיר ניט לעבן,
באַדאַרפֿן אויך ניט לעבן אפילו אויף פּאַפּיר,
איך זאָג עס אָן אַ ציטער, אָן רחמנות, כ'לעבן,
און איידער כ'זאָג עס אייך, איך זאָג עס פֿריער מיר.

איך לייען פּאָעטן

איך לייען פּאָעטן פֿונעם פֿאַריקן יאָרהונדערט,
די נעמען זייערע דריקן אויף אונדז שטאַרק,
דאָס ליד, וואָס האָט די גאַנצע וועלט פֿאַרוווּנדערט,
קלינגט איצטער ווי אַ גלעקל אויף אַ באַרג.

דער באַרג איז הויך און הייסט ווערלען צי טיוטשעוו,
דאָס גלעקל האַלט אַ ייִנגל פֿון דער שול,
דאָס ייִנגל איז שוין לאַנג צום ליד אַ שותף
און ס'איז די וועלט מיט זיי, די ייִנגלעך, פֿול.

נאָר אָפּטער בונטעווען זיי זיך ווי סטודענטן,
וואָס לייענען מאַיאַקאָווסקי, מאַרקיש, בלאָק,
זיי שפּאַנען אין די טאָלן צווישן מענטשן,
נאָר קלינגען קלינגט מען אין אַ גרויסן גלאָק.

ביים לייענען

איך עפן אויף דאָס בוך, די שורות שטייען קרום,
די שורות שטייען קרום און די ווערטער זענען שטום,
די אותיות — פאַרחלשט און תעניתדיק און פרום.

איך עפן גרויס די אויגן און כ׳גלייך די שורות אויס
און כ׳הער ווי פון די ווערטער רעדט עפּעס אַרויס,
די אותיות לאָזן הערן זיך, סע רעדט דאָס גאַנצע הויז.

סע רעדט דאָס גאַנצע הויז, סע רעדט די גאַס, די שטאָט,
סע רעדט דאָס פעלד, די וועלט און צו דער וועלט רעדט גאָט
מיט הייסע ווערטער, ווערטער גלייך פון זאָט.

איצט רעדט דער עכאָ בלויז, דאָס בוך איז שוין פאַרמאַכט,
נאָר ס׳הערן זיך די ווערטער די גאַנצע לאַנגע נאַכט,
סע שטעלט זיך מיר צוקאָפּנס דער חלום אויף דער וואַך.

לידער, לידער

לידער, לידער, לידער,
ס׳איז פול מיט זיי די וועלט,
אין מאַרק זיצט אַ בעטלער אַ מידער
און ציילט די לידער ווי געלט.

ער ציילט און ער זינגט ביים ציילן,
עס זינגט זיך די צאָל ווי אַ ליד,
ווערט טרויעריק נאָכן ציילן,
ס׳איז מער מיט אַ ליד אין דער מיט
און סע שטימט דער חשבון ניט.

פּראָזע

שטערבלעכע פּראָזע טאָג־טעגלעכע,
ערלעכער חשבון פון טאָג
גאָר די מאַטעריע באַוועגלעכע
זי וועגט אויף איר ערלעכער וואָג.

אויפגאַנג פון שקיעה פּילפּאַרביקער,
אויפגאַנג פון אונטערגאַנג,
פּראָזע טאָג־טעגלעכע, שטאַרביקע
ציט זיך און ציט זיך לאַנג.

אויפגאַנג פון טעג שוין געוועזענע,
איבערגעצייטיקטע פּרוכט.
פּראָזע אַ ווידערגעלעזענע
מישט זיך מיר אויף ווי אַ בוך.

איך לייג אַוועק

איך לייג אַוועק אויפן ליידיקן טיש
פּאַפּיר אַ ליידיק שטיקל
און מיט אַ ליידיקן קאָפּ איך מיש
די העמדער, וואָס אויפן שטריקל.

די העמדער הענגען איבערן קאָפּ
זיי זאָלן טרוקן ווערן,
אָט פאַלט אַ העמד אויף מיר אַראָפּ
און דעקט מיר צו דעם שטערן.

איך נעם די פּען אין האַנט און שרייב,
ווי כ'וואָלט מיט טינט געשפּיגן,
איך נעם די פּען ווי אַ שטעקן און טרייב
אַוועק די געדאַנקען ווי פליגן.

זיי זעצן זיך אויס אויפן ווייסן פּאַפּיר
אין שורות אַראָפּ ווי שטיגן
און איך בין ווידער ליידיק ווי פריער
און וויל מיטן העמד זיך קריגן.

יידיש

מיין גורל איך האָב פֿאַרבונדן מיט דיר
און גייסטו פֿאַרלוירן, איז אויס מיט מיר,
איז אויס מיט מיין שיר.

מיין ליד איז פֿאַרבונדן מיטן יידישן גראַם,
אַן יידישן גראַם האָט מיין ליד ניט קיין טעם,
איז עס ווערטער סתם.

איך וויל ניט קיין אויסלייז אין עמעצנס שפּראַך,
די זעלבע זאַך אין אַן אַנדער שפּראַך
איז אַן אַנדער זאַך.

מיין גורל איך האָב פֿאַרבונדן מיט דיר
און גייסטו פֿאַרלוירן איז אויס מיט מיין שיר,
איז אויס מיט מיר.

1956

זאַך און שפּראַך

פֿון מיינע פּילשפּראַכיקע געסט די זיבן
איז קיינער צו נעכטיקן ניט געבליבן,
געבליבן בין איך מיט די שטובזאַכן אַליין,
וואָס גיבן זיך מיר צו פֿאַרשטיין.
ווי ווערטער פֿון פרעמדע שפּראַכן
זיי זעצן זיך איבער, די זאַכן
און יעדע זאַך
ווערט אייגענע שפּראַך,
ווערט ווייכער יידישער ריש,
ווערט אייגן בלוט און פֿלייש.

שטילקייט

און סוף־כל־סוף די שטילקייט איז געקומען,
איך האָב פון איר געטרוימט אַ לעבנלאַנג,
און אַלע כוואַליעס זענען אָפּגעשווומען
מיט זייער מילדן רויש, מיט זייער ווילד געזאַנג.

דער ווינט איז ערגעץ ווייט אין וועג געשלאָפן,
די לופט האָט אין דער הויך זיך אָפּגעשטעלט
און איך האָב אויף אַ שאָטן אָנגעטראָפן
ביים שטילסטן בוים צווישן טייך און פעלד.

און איך האָב מיינע שיך אַראָפּגעוואָרפן
און אויסגעטון די הויזן מיטן העמד,
מיין אויג האָט זיך אין בילד געוווּמען שאַרפן,
וואָס איז געוואָרן ווידער פריש און פרעמד.

און איך האָב אויפן גראָז זיך אויסגעצויגן,
און, ליגנדיק, שוין גאָרניט ניט געוואָלט,
און אָט אַזוי, ניט ווילנדיק, די אויגן
כ׳האָב אָנגעפולט מיט זיידנס און מיט גאָלד.

אָן לשון

איך ליג אָן לשון אויף מיין בעט אַליין
אין פינצטערניש, אין שטילעניש, אין שרעק
און אַלץ, וואָס כ׳האָב ביז איצטער דורכגעטראַכט,
גייט שטיל און אומבאַמערקט פון מיר אַוועק.

און שטיי איך אויף פאַר טאָג, איז הויל מיין קאָפּ,
מיין מויל איז פוסט אָן ווערטער און אָן ציין.
די ווערטער זענען דאָך מיין גאַנצער האָב־
און גוטס־ געווען. אָן זיי בין איך אַליין.

אין תפיסה־קאַמער, אין דער איינצלצעל,
בין איך געווען פאַרבונדן מיט דער וועלט.

מיט לשון איז די פינצטערניש מיר העל,
אָן לשון איז מיר אויך די זון פאַרשטעלט.

✶

סע ברומט שוין ווידער,
מע קאַכט אויף ס'ניי אין די געדערעם,
דאָס זענען אָנהייבן פון לידער,
וואָס פאַרן אָנקומען צו ווערעם,
זיי קריכן מיט די פייגל פריער
אויף ברייטן שטח פון די רוימען
און פאַלן טיף אַראָפּ ווי פליער,
נאָר ווערן פריער בלינד פון טרוימען
און נאָך דעם טויב פון די געזאַנגען
און נאָך דעם קרום פון די געיעגן
און נאָך דעם שטום פון די פאַרלאַנגען
און אָפּגעשמיסן פונעם רעגן.

איצט קאָנסטו, וואָס דו ווילסט נאָר, פרעגן.

איך שעם זיך אייך צו דערציילן

איך שעם זיך אייך צו דערציילן
און איך דערצייל אייך דאָך,
פאַר מיר איז אַן עול דאָס ציילן
די זיבן טעג אין דער וואָך.

פאַר מיר איז אַן עול דאָס פאַרקנעפּלען
דאָס העמד, די הויזן, דעם ראָק,
פאַר מיר איז אַן עול דאָס אַרויפשלעפּן
אויפן פוס אַ זאָק.

איך גיי אַרום אַ פאַרזאָרגטער,
ווען איך בין ניט אָפּגעגאָלט,
ווי גלייך אַ חוב אַ געבאָרגטער
איז נאָך ניט אָפּגעצאָלט.

ווען כ'דאַרף אַן איי אָפּשיילן,
אַ פּשוט איי אַ האַרטס — —
איך שעם זיך אייך צו דערציילן,
דאָס פּנים איז מיר פאַרשוואַרצט.

ווען איר אָבער זעט מיך ברענען
ביים ליד, וואָס איר האַלט פאַר גרינג,
איך קאָן זיך אַליין ניט דערקענען,
בשעת די פען מיינע זינגט.

זינגען איז געזונט

"לאַכן איז געזונט"
פלעגט מען פריער זאָגן,
לאַכן איז אוודאי
בעסער ווי צו קלאָגן.

נאָר דאָס ווערטל דאַכט
איז שוין אַלט געוואָרן,
כאָטש מיך אַרט ניט, לאַכט
אַלע אייערע יאָרן.

דאָך ניט שטענדיק פּאַסט,
ס'ווענדט זיך ווי, פאַר וועמען,
לאַכט, ווען ס'קומט אַ גאַסט,
וועט איר אים פאַרשעמען.

לאַכערס, זייט געהיט!
ס'לאַכט זיך דאָך ניט שטענדיק,
הייבט מען אָן אַ ליד,
איז דער לאַך געענדיקט.

זינגען איז געזונט,
מאַכט דאָס ווערטל איבער,
ס'ליד האָט ניט קיין גרונט,
ס'זינגט אין אַלע שטיבער.

צום פּאַריזיי, צום שניט
גייט מען מיט געזאַנגען,
אונטער שטאַרקן ליד
בייגן זיך די זאַנגען.

ס׳ליד וויגט איין אַ קינד,
ס׳ליד וועקט אויף די שטערן,
שטעלט זיך אַפּ דער ווינט,
וויל דאָס לידל הערן.

ווער אַ טרויערליד,
ווער סע זינגט זיך פריילעך,
ס׳לידל שטעלט זיך ניט
אַפּ אויך פאַר קיין מלך.

ווער אַ ליבע־ליד
זינגט אין די פאַרנאַכטן,
מיט אַ העלדן־ליד
גייט מען אין די שלאַכטן.

מיט אַ שלום־ליד
ברעכט מען אַרסענאַלן,
מיט אַ פרייהייטליד
שטעלט מען אַפּ קינזשאַלן.

״זינגען איז געזונט״
איז דאָס גלייכסטע ווערטל,
ס׳ליד טוט אָפּט אַ שניט,
ס׳ליד טוט אָפּט אַ צערטל.

ס׳ליד וויגט איין אַ קינד,
ס׳ליד וועקט אויף אַ שטערן,
שטעלט זיך אַפּ דער ווינט,
וויל דאָס לידל הערן.

וואָס וועט זיין ?

וואָס וועט זיין מיט די דאָרפישע לידער,
מיט די ריטמישע לידערביים קאָסיען היי —
סע קאָסיעט דאָס היי זיך אָן די שניטער,
וואָס פלעגן ביים קאָסיען זינגען זיי.

וואָס וועט זיין מיט די שניידער־געזאַנגען —
ס׳איז אונטערגעגאַנגען דאָס האַנטגעניי
און דערמיט זענען אונטערגעגאַנגען
אויך די געזאַנגען ווי מיר, וויי.

וואָס וועט זיין מיט די סערענאַדעס,
מיט די גיטאַרעס און ליבעבריוו —
די ליבעלידער און די סטראַדאַניעס
ליגן אין סקלאַדעס, אין אַרכיוו.

וואָס וועט זיין ?

זינג מיר אַ לידעלע !

זינג מיר אַ לידעלע ! זינג עס מיר שטיל !
יאָ, שטיל, איך זאָל קאָנען עס הערן,
סע שטייט פונעם ווּיגעלע אויף אַ געפיל,
צעוויינט זיך מיט קינדערשע טרערן.

אָ, זינג עס מיר ווייטער און קוק גוט אויף מיר
און זאָל דיך ניט אַרן מיין וויינען.
אַ זאָל פול מיט טרערן טוט קוקן אויף דיר,
נאָר דו מעגסט ניט קוקן אויף קיינעם.

פאַרמאַך דיינע אויגן, צעעפן די הענט
אַזוי ווי די פליגל אַ פויגל
און פלי מיטן ליד דיר, ברעך דורך די ווענט
און זינג אונדז : ״געפלויגן־געפלויגן״.

דו טראַכט ניט פון אונדז און זינג עס דיר סתם:
„די גאָלדענע פאַווע איז געפלויגן".
מיר זעען זי פליען, מיר זעען דעם ים
דורך טרערן פון אונדזערע אויגן.

מיר זעען דורך טרערן דעם ים ווי ער קאַכט
און באַלד ווערט ער גלאַט ווי אַ שפּיגל,
און איבערן שפּיגל די פאַווע, וואָס פאָכט
מיט פאַרביקע גאָלדענע פליגל.

אָ, זינג אונדז דאָס לידעלע, זינג עס אונדז, זינג
און זאָלן זיי פליען און פליען
די גאָלדענע פאַוועס אַ רינג נאָך אַ רינג,
די גאָלדענע קייט זאָל זיך ציען.

די אבות

1
זעצט מיך דער זיידע אַוועק אויף די קני,
פרעגט מיך דער זיידע, וואָס איך לערן,
ענטפער איך אים, אַז היינט אין דער פרי
זענען געשטאָרבן אַלע שטערן.

זאָגט מיר דער זיידע, ס'איז דעקאַדענץ,
עפּעס ווערסטו מיר ווילדער, טעמפּער.
ענטפער איך אים אי דאָס אי יענץ,
דריי זיך אַרויס פון אַ קלאָרן ענטפער.

שטעלט מיך דער זיידע צו צו דער וואַנט,
קוקט דערביי אין פענצטער, אין דרויסן,
ביילט אין אַ פויסט די אייזערנע האַנט
מורמלענדיק: „ניט דאָס בין איך אויסן."

2
כ'שטיי אַ באַשטראָפטער, פאַרוויינטער,
כ'קוק מיט שרעק אויפן זיידן,

זיצט ער אַ שטרענגער, פאַרשטיינטער,
וויל מיט מיר ניט ריידן.

שרייבט עפּעס, צייכנט מיט ד׳אויגן,
מאָלט אויס אַ בויד אויף רעדער,
קומט צו פליען אַ פויגל,
זעצט זיך אַרויף אויף זיין פעדער.

״שפּיל, סאָלאָוויטשיקל״ הער איך,
זאָגט צום פויגל דער זיידע,
שטראַלטביים זיידן דער שטערן,
זינגען שוין, הער איך, ביידע.

זינגט דער זיידע : אמר
מענדעלע מוכר ספרים,
סאַראַ זינד איז, טאָמער
פישקע דער קרומער איז אָרעם.

סאַראַ זינד, וואָס פון שטעטל
איז אַוועק בנימין,
דאַרף מען פון אים שפּעטן ?
ניין, ער בענטשט זיין נאָמען.

מורמלט שטיל און געמיטלעך,
מאָלט אויס מיט ווערטער שטילע
אַלע קליינע שטעטלעך
מיט דער באָד אפילו.

שטאַם איך דאָך אויך פון דאָרטן,
מאך איך זיך כלא־יודע
און פונעם פערטן גאָרן
זינג איך דער שטאָט אַן אָדע.

3

קלאַפּט מען אָן אין טיר, דער זיידע
הייסט מיר עפענען די טיר,
קומט אַריין אַ גאַנצע עדה
יידן, קוקט מען ניט אויף מיר.

איינער בלויז (אַ בלאָנדער, אין ברילן)
בעת דער זיידע רעדט מיט ברען,
מאַכט מיר אַ צייכן, אַ ווונק אַ שטילן,
שענקט מיר בשתיקה אַ הענטלפען.

שענקט מיר אַ שימחת־תורה־פענדל
און אַ מעסערל, אַן אַנטיק,
זענען זיי ווערט אַ גאָלדן רענדל
אָדער דריי, אַ רענדל אַ שטיק.

לייג איך דערווייל מיין פען אַנידער,
שפּיל מיטן מעסערל, מיט דער פאָן
און פאַרגעס אין מיינע לידער,
קוק צום זיידנס אויבנאָן.

זע איך דעם זיידנס קלוגן שמייכל,
הער איך דעם זיידנס קלינגעוודיק קול
און פון קול אַ ליבן, ווייכן
עכאָ ווי פון אַ פאַסטעכס טאָל.

4

כ׳מוז דערציילן אייך דעם אמת,
כ׳האָב דעם טאָג פאַרשלאָפן האַלב
ווי די אמתע באָהעמעס
פונעם גאָט פון קונסט געזאַלבט.

כ׳מוז דערציילן נאָך אַ שטיקל,
כ׳האָב דעם טאָג אין בעט פאַרבראַכט,
ווי די אמתע אַנטיקן,
וואָס זיי שלאָפן ניט ביי נאַכט.

אין דער זעלבער צייט דער זיידע
מיט דער עדה שטיל און פרום
שפּאַנען אום ווי אין גן עדן
אינעם דרויסן, וואָס אַרום.

און ער ווייזט דאָרט אויף די פעלדער
און ״ווי שיין איז אָט דער בוים״

דער אַנטלאָפֿענער פֿון וועלדער
העט פֿון דאָרט ביים הימלזוים.

ס׳האָט דער זיידע ליב צו רעדן,
נאָר פֿאַראַן אַן אויסנאַם פֿאָרט,
ס׳טרעפֿט, ער גיט דאָס וואָרט אַ צווייטן,
שלום־עליכם האָט דאָס וואָרט.

ווישט דער בלאָנדער אויס די ברילן,
רייניקט זיך דאָס שטילע קול
און ער נעמט אַ טאָן אַ שטילן
נאָך דעם העכער מיט אַ מאָל.

אָט שפּילט סטעמפּעניו אויפֿן פֿידל,
אָט זינגט יאָסעלע סאָלאָוויי,
אָט אַ פֿאַסאַזשיר אַ יידל
טוט דעם פֿאַראַוואָז אַ דריי.

קאָמאָוואָיאַזשאָרן מאָדנע
העצקען זיך אין דריטן קלאַס
און דער גליקלעכסטער פֿון קאָדני
פֿירט זיין גליק אין טאַראַנטאַס.

עולם וויינט און לאַכט צוזאַמען,
ווען דער שניידער פֿירט אַ ציג
צום מלמד און פֿון דאַנען,
ווען ער פֿירט אַ באָק צוריק.

און דאָס זעלביקע געלעכטער,
ווען מנחם־מענדל פֿליט,
ס׳רעדט אַ ייד מיט זיינע טעכטער,
טוביה, דאַכט זיך, הייסט דער ייד.

לויף איך נאָך אַ טאָכטער איינער,
שמייכלט טוביה, רעדט פֿאַרשטעלט,
וויצלט זיך: ״צו מיינע איידעמס
נאָר אַ דיכטער האָט געפֿעלט״.

5

הייבט זיך אויף פון אָרט דער זיידע
אויפנעמען אַ ליבן גאַסט,
הייבט זיך אויף די גאַנצע עדה
און פאַרנייגט זיך ווי עס פּאַסט.

פּאַר אַ פּאַן פון וייטן פוילן,
פּאַר אַ הויכגעשטעלטן מאַן,
שוואַרצע אויגן ווי צוויי קוילן,
וואָנצעס שוואַרץ פאַרמאָגט דער פּאַן.

אַ פּעלערינע און אַ זאָנטיק
און אַ הוט (אַ ביסל אַלט).
ס'איז אַ פּאַן אָן אַ מאַיאָנטיק,
ס'איז אַ פּריץ אָן אַ וואַלד.

"ניט קיין פּריץ, ס'איז דאָך פּרץ"
פאַלט אַ וואָרט, צעטראָגט זיך גיך
"און זיין 'מאָניש' איז אַ תירוץ
צו דערציילן וועגן זיך."

אַז אַ פּאַן זאָל רעדן יידיש,
איר אַזוינס האָט שוין געהערט,
אַז דערציילן זאָל ער חסידיש,
ניט פון שלאַכט און ניט פון שווערד ?

ער דערציילט פון מקובלים
און ער שילדערט אויך דעם סוף
פון אַ לאַנגן, שיינעם חלום,
ווען מע כאַפּט זיך אויף פון שלאָף.

בייסט סאַטיריש צביעות, ליגן
און פאַרוויגט אייך מיט אַ ליד,
מיט אַ גילגול פון אַ ניגון,
ווען איר זענט אַנטוישט און מיד.

און ער וועקט אייך פונעם דרימל —
שלאָף איז סם, זיי וואַך, זיי דרייסט !

און ער דונערט ווי פון הימל:
„טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט!"

מיר, די קליינע חברה יינגלעך,
אָפּגערוקטע אין אַ זייט
פּלאַפּלען, שאַרפן זיך די צינגלעך
וועגן קונסט פון אונדזער צייט.

6
כ'טו אָן דעם צעקנייטשטן מאַנטל
און צעפּאַטל מיר די האָר
און שטעל אָפּ אַן אומבאַקאַנטן:
אַ גוט־מאָרגן, אַ גוט יאָר!

אפשר ווייסט איר, זאָגט מיר, פּעטער,
ווו געפינט מען איצט די דריי
קלאַסיקער און ווו'ז דער פּערטער —
שטיינבאַרג פון דער וואַלאַכיי?

— וואָסער שטיינבאַרג? ניט געטראָפן,
בערגעלסאָן דער פערטער איז.
דאָ איז אַ קוטנער אָנגעלאָפן —
„בערגעלסאָן? איר ווייסט געוויס?"

זאָל זיין בערגעלסאָן, וואָס אַרט אייך?
זאָל זיין אַש און ווייסנבערג,
קלאַסיקער כאָטש הונדערט אַכציק
און דער עיקר זייערע ווערק.

נאָר די ערשטע דריי — דער זיידע,
אונדזער מענדעלע דער ליטוואַק,
דער אוקראַינער שלום־עליכם,
י. ל. פּרץ, דער פּאָליאַק.

זיי, די גרויסע, זיי, דער וווּנדער,
זיי, די אבות, זיי, די דריי
לאָזט זיי בלייבן דריי באַזונדער
פון אַ פערטן, פינפטן פריי,

מיר, די היינטיקע פּאָעטן,
זוכן זייער נעכטיק הויז
און דעם וועג צו זייער שטעטל
און דעם וועג פון דאָרט אַרויס.

שוין צופיל ווערטער

שוין צופיל ווערטער האָט אַ יעדער שפּראַך,
נאָר אַז ס'קומט צו רעדן צו דער זאַך,
איז שטייען מיר ווי שטומע מיט אַ לאַנגער צונג
און כאַפּן ניט דאָס וואָרט, וואָס ליגט אונדז אויף דער לונג.

באחרית הימים

דאָס איז דער וועג פון די ווערטער —
אויף אַן עד־ד אַן איבערגעקערטער
קערן זיך איבער די ווערטער
און מיט גענדזנפיסלעך אַרויף
פליעסקען זיי צו זייער סוף —
דאָס איז דער וועג פון די ווערטער.

אין אַ תוהו־ובוהו אַ נייעם
וועט די וועלט זיך פון ווערטער באַפרייען,
ס'וועט שוין קיינער אויף קיינעם ניט שרייען.
אַן דער הילף פונעם וואָרט
שטעלט זיך די ערד אויף איר אָרט
אינעם תוהו־בוהו דעם נייעם.

והיה באחרית הימים
וועט דער מענטש פאַרלירן זיין נאָמען
און צוריק באַקומען אַ פּנים,
ס'וועט איינער דעם צווייטן דערקאָנען
— ווען דער מענטש וועט פאַרלירן זיין נאָמען
והיה באחרית הימים.

1976

מיט פאַרטראַכטע אויגן

פאַראַן

פאַראַן אַן אייביק גרויסער טאָג,
וואָס טיילט די אייביק אַלטע נאַכט
אויף נעכט אַ סך,
וואָס טיילן ווידער איין
די גרויסע שיין,
דעם גרויסן טאָג אויף שטיקלעך, טעג,
ווי ס׳טיילט דער ברייט פאַרצווייגטער וועג
דאָס איינציקע, דאָס גרויסע פעלד
אויף קליינע פעלדער אין דער וועלט.

אויף אַלע בריוו שוין געענטפערט

אויף אַלע בריוו שוין געענטפערט,
די געסט אויך צופרידנגעשטעלט,
איצט וואַרט איך אַליין אויף עפּעס,
ניט וויסנדיק, וואָס מיר פעלט.

אַז עפּעס פעלט, בין איך זיכער,
ניט אַלץ איז גאַנץ אין דער וועלט,
איך לייען אין די צענדליקער ביכער
און אויך אין זיי עפּעס פעלט.

איך טונק די פען אינעם טינטער
און גיי פֿאַרריכטן די וועלט,
גענוג האָט געפֿעלט ביז אַצינדערט,
אַצינדערט נאָך מערער פֿעלט.

צייט

און וואָלט די צייט געיאָגט אפֿילו שנעלער,
נאָר איין מאָל אָפּגעשטעלט זיך אויף אַ שעה,
די וועלט אַראָפּ וואָלט אין אַ שוואַרצן קעלער
אויף אָט דער שעה, ווען ס'איז קיין צייט ניטאָ.

נאָר ווער וואָלט אָט דעם איבעררייס געמאָסטן
אין אָט דער שעה, ווען ס'איז קיין צייט ניטאָ?
ווער ווייסט, וואָס ס'קאָן אַזאַ מין שעה אונדז קאָסטן,
אַזאַ מין וויסטע קעלערדיקע שעה?

אַ שרעק באַהערשט מיך און איך פֿרעג פֿון וואַנען,
צי קומט זי נישט די שרעק פֿון אָט דער שעה,
פֿאַרויסגעשיקט צו צוימען אונדזער שפּאַנען,
אונדז איינרעדן, אַז ס'איז קיין צייט ניטאָ?

אונדז צוגרייטן, אַנטוואָפֿענען, פֿאַרסמען —
איך שטיל זיך איין, אַז צייט איז שטענדיק דאָ,
קיין איבעררייס אין צייט איז ניט פֿאַראַנען,
אויב מעסטן זי מיט צייט, מיט שעה.

צייט און אייביקייט

און אַלע טעג מיט אַלע זייערע שעהען
מיט אַלע זייערע טיילן פון דער צייט,
זיי קרייזן ווי די קראָען און זיי דראָען
דעם טויטן קערפּער פון דער אייביקייט.

אַ טויטער ריז מיט אויסגעפּיקטע אויגן
און ווייסט איז אים פאַר קראָען זיין צום פרעס,
ער ליגט אין גאַנצן חלל אויסגעצויגן,
די קראָען פּיקן אים און שטאַרבן אויפן מת.

אַ צייט אַזאַ

אַ צייט אַזאַ געדיכטע איז אונדזער דור געגעבן,
אַ צייט פול מיט געשיכטע, אין וועלכער מיר לעבן,
אַ צייט, וואָס אַלע צייטן וועלן זי דערמאָנען,
און אַלע ימים־טובים וועלן פייערן איר נאָמען,
אַ צייט, וואָס אַלע צייטן וועלן זי געדענקען,
קיין איינע אָבער פון די צייטן וועט נאָך איר ניט בענקען.

עס ווייסן שוין אַלע

עס ווייסן שוין אַלע — אַרום דער זון
דרייט זיך די ערד אַ קליינס ווי אַ שרעטל,
נאָר הייב איך די אויגן אַרויף צו דער זון
דרייט זיך די זון אַרום דעם שטעטל.

עס ווייסן שוין אַלע — די שטערן אין רוים,
ריזיקע וועלטן מיט אייגענע געטער,
נאָר הייב איך די אויגן אויף צו אַ בוים,
ציטערן די שטערן אויף זיינע בלעטער.

עס ווייסן שוין אַלע, אַז אָן אַ סוף
ציען זיך אייביק די ליידיקע רוימען,
נאָר הייב איך די אויגן אויף פונעם שלאָף,
זענען זיי פול מיט היימישע טרוימען.

ביי גאָט

און גאָט קוקט אַראָפּ אויף דער ערד
און לייענט דער ערדס געשיכטע,
ביי גאָט האָט אַלצדינג אַ ווערט —
מדבריות און וועלדער געדיכטע.

און גאָט געדענקט די ערד,
ווען אַלצדינג איז אַנדערש געשטאַנען,
ביי גאָט האָט אַלצדינג אַ ווערט,
סיי ריטשקעלעך, סיי אָקעאַנען.

און גאָט באַצירט אונדזער ערד
מיט וואָלקנדלעך ראָזע און ווייסע,
ביי גאָט האָט אַלצדינג אַ ווערט,
אַ ליד און אַ פּראָסטע מעשה.

ביי גאָט האָט אַלצדינג אַ ווערט,
אַ בוים און אַ פיש און אַ פויגל,
און גאָט קוקט אַראָפּ אויף דער ערד
און קען ניט פאַרמאַכן די אויגן.

און גאָט זעט פון הימל אויף דר'ערד
מלחמות און שרפות און מאָרדן,
און גאָט טוט אַ טרייסל די ערד
און קוקט אַראָפּ אויפן שאָדן.

אויפן אויסגעשפּאַנטן טראָטואַר

אויפן אויסגעשפּאַנטן טראָטואַר
גוססט שוין די ערשטע האַלבע נאַכט
און אַ בוים מיט טויזנט אויגן וואַכט
און באַוואַכט דער מוטער חווהס צער,

וואָס איז עלטער פונעם אויסגעשריי
פון אַ יתום קעגן טויבן גאָט,

אַ לוויה וואַלקנס לאָזט זיך שטיל אַראָפּ
און אַ צווייטע נעמט זיך נאָך נאָך זיי.

ווייטער, אין דער פֿינצטער, צינדט זיך אָן אַ בילד,
מאָרגן וועט איר אויפֿשטיין, טרעפֿן, וואָס איר ווילט,
נאָר די וואָלקנס וועלן מער ניט זיין.
שטאָט אַ קבר וועט אַ קעלער־שילד
זיך באַגיסן מיט דער זונענשיין:
דאָ פֿאַרקויפֿט מען שטאַרקן־שטאַרקן ווײַן.

אויפֿגעבויט אַ הויז

אויפֿגעבויט אַ הויז מיט אַ דאַך אַ גרויסן,
איז געוואָרן קלענער מיט אַ הויז דער דרויסן,
איז געוואָרן ווייניקער מיט אַ שטיקל הוים,
איז געוואָרן מערער מיט אַ שטער, אַ צוים,
איז געוואָרן לענגער אונדזער גאַס און קרומער,
איז געוואָרן ענגער פּונקט אין מיטן זומער.

דאָס רעדן צום שטיין

דאָס רעדן צום שטיין
איז דאָך סוף־כּל־סוף
אַ רעדן צו זיך אַליין
און סוף־כּל־סוף
איז דאָס רעדן צו גאָט
פֿון פֿעלד צי פֿון שטאָט,
פֿון ים צי פֿון וואַלד
איין מאַלפּישער נעכטיקער,
איין היינטיקער מעכטיקער
געוואַלד!

די לאַנדשאַפט בליט

די לאַנדשאַפט בליט ווי אַ חומש־בילד,
אַ וועג, אַ פעלד, אַ ציגיינעריש געצעלט,
אַ יונגע ציגיינערטע גייט דאָרט צו קינד
און גאָט האָט ווידער באַשאַפן די וועלט.

עס בליען דיביימער צום ערשטן מאָל,
די זון טרעט צום ערשטן מאָל אַרויס,
די ערד צעטיילט זיך אויף באַרג און טאָל,
און ס'איז נאָך ניטאָ קיין פלויט און קיין הויז.

סע גייט, סע גייט, סע קומט פון די בערג

און ניט פון קיין גאַסן און ניט פון קיין מערק,
סע גייט, סע גייט, סע קומט פון די בערג.
דער סיני־באַרג און דער באַרג אַלימפּ,
זיי האָבן שוין לאַנג זיך געמאַכט באַרימט
מיט געטער און געטינס, מיט אַן איינציקן גאָט,
לעגענדעס און לוחות, מיט צען געבאָט,
נאָר יונגע אויפגעקומענע בערג,
זיי קוקן אַראָפּ אויף די הימלישע ווערק,
זיי קוקן מיט שפּאָט, אפיקורסיש צעלאָזט,
די יונגע בערג זענען וואָכעדיק פּראָסט,
באַלקאַנען און אַלפּן און בערג פון אוראַל
און שטיינערנע בערג און בערג מיט מעטאַל
און בערג, וואָס זענען באַדעקט מיט וואַלד,
סע רוישט און סע הילכט און סע ברילט און סע שאַלט.
סע שטייען קאַרפּאַטן אַ גאַנצע קייט,
אַ קייט פון בערג אין דער לענג, אין דער ברייט
און וואַרפן מיט קלעצער אין טאָלן אַראָפּ
אין רוישיקע טייכן, וואָס פירן זיי אָפּ
צו ווייטע שטעט (מיט גאַסן און מערק),
סע גייט, סע גייט, סע קומט פון די בערג.

שטייט דער באַרג

שטייט דער באַרג — אַ הויכער גוי,
אַ הויכער גוי, אַ באַרג, אַ כלאָפּ,
גייט אַ ייִד פֿאַרביי און זאָגט:
„ס'איז פֿון אייביק אַן אַזוי,
אייביק שטייט אַ גוי און טראָגט
דעם הימל אויפֿן הוילן קאָפּ."

„אייביק־אייביק" און דאָס וואָרט
שטעלט דעם באַרג זיך אויפֿן קאָפּ,
שטעלט זיך אויפֿן באַרג און שטייט
אייביק, רירט זיך ניט פֿון אָרט.
בלויז דער ייִד אַלץ גייט און גייט,
שטעלט אין ערגעץ זיך ניט אָפּ.

אונדזער גיין

אונדזער גיין איז אַן אייביק גיין צום מאָרגן,
צו וועלכן מאָרגן?
צום מאָרגן, וואָס גייט צום איבערמאָרגן,
וואָס גייט צו די ווייטערדיקע מאָרגנס
און בלייבסטו שטיין,
צי ערגעץ וווּ ליגן אונטער אַ שטיין,
גייט זיך די צייט אַן דיר, אַליין,
צום מאָרגן,
דער מאָרגן צום איבערמאָרגן —
אַן אייביקע קייט,
וואָס רופֿט זיך אייביקייט.

און אַז די ערד איז קראַנק געוואָרן

און אַז די ערד איז קראַנק געוואָרן,
האָט זי דאָס לעבן געבאָרן,
און אַז די ערד איז געוואָרן מסוכן,
האָט זי מיט אויגן גענומען קוקן.
און אַז די ערד האָט געהאַלטן ביי שטאַרבן,
האָבן זיך אָנגעצונדן פאַרבן,
האָבן זיך אויפגעהויבן שטערן,
האָט זי מיט אויערן גענומען הערן,
האָבן ווינטן גענומען בלאָזן,
האָבן צעוויגט זיך צווייגן און גראָזן,
האָבן צערוישט זיך טייכן און ימים,
האָבן זיך ווערטער גענומען גראַמען.

אַ גוט־מאָרגן, אַ גוט־יאָר

און אַט אַזוי מיט אַ גוט־מאָרגן, אַ גוט־יאָר
פאַרגייט דאָס גאַנצע יאָר,
פאַרגייען יאָרן,
וואָס גייען אין דער אייביקייט פאַרלאָרן
מיט אַ גוט־מאָרגן, אַ גוט־יאָר
און גאָר.

מיר זענען געגאַנגען צום זונפאַרגאַנג

מיר זענען געגאַנגען צום זונפאַרגאַנג,
נאָר די שיף,
וואָס האָט געטראָגן אונדזער גאַנג,
אונדזערע טריט,
אונדזער געזאַנג,
אונדזער ליד
וועגן אונדזער צייט,
איז אַוועק אין אַן אַנדער זייט,
צו אַן אַנדער ווייט.

אויפן פאָן פון דער שטילקייט

אויפן פאָן פון דער שטילקייט,
אויף איר לענג און ברייט,
צייכנט זיך דאָס צילברעט
פון דיין שיסערפרייד.

דורך דער גאָרער שטילקייט,
דורך איר נידער און הויך,
טראָגט זיך דורך מיט ווילדקייט
פייער רויש און רויך.

אין דער שטילקייט דער גאָרער
איז שוין קיין שטילקייט ניטאָ,
ווערט דער הימל דער קלאָרער
קאַלעמוטנע גראָ.

דער ווינט פאַרוויגט די ביימער

וויגליד פאַר רוטעלע לעווין

דער ווינט פאַרוויגט די ביימער
און זינגט אַ וויגנליד,
דאָס וויגליד הערט ניט קיינער,
די הערער זענען מיד.

די הערער ווילן שלאָפן,
די הערער שלאָפן שוין,
עס שטייט אַ בוים אין צפון
מיט וויס פאַרדעקטער קרוין.

עס שטייט אַ בוים אין צפון,
דיין טאַטע קומט פון דאָרט
און זינגט דיר, דו זאָלסט שלאָפן
און ברומט אַ יידיש וואָרט.

ער קומט פון שניי און שטורעם,
ווי קומט ער דען אַהין ?
דיין טאַטע ז'דאָך אין דרום
געוואַקסן, וווּ ס'איז גרין.

דערנאָך האָט זיך געטראָפן,
עס זאָל ניט טרעפן מער
פון דרום ביז קיין צפון,
פון צפון ביז אַהער.

דער ווינט פאַרוויגט דיביימער
און זינגט אַ וויגנליד,
דאָס וויגליד הערט ניט קיינער,
די הערער זענען מיד.

די הערער ווילן שלאָפן,
די הערער שלאָפן שוין,
ס'האָט גאָרניט ניט געטראָפן,
עס בליט דער זעלבער בוים
ביי דיכטער אין די סטראָפן,
ביי רוטעלען אין טרוים.

עס שטייט אַ בוים אין צפון
מיט ווייס פאַרדעקטער קרוין.

אַ טאָג אַזאַ

ס'איז היינט אַ טאָג אין גאַנצן אומגעווייינלעך,
אַן אַנדערער פון אַלע אַנדערע טעג,
אַ טאָג, ווען אויף לוויות גייט מען ווי פאַרשטיינערט
און וויינען ווייגט מען ערשט צוריק צו וועגס.

אַ טאָג, ווען די פאַרגעסענע זכרונות
צעצינדן זיך ווי האָלץ מיט פלאַם און רויך,
און ברענען זעסט אפילו די חלומות,
וואָס האָסט געחלומט אין דיין מאַמעס בויך.

אַ טאָג, ווען אַלע דיינע פּלענער,
געוווינהייטן, געוויינלעכקייטן סתם
און דיינע אַלטע ביינער ווערן שפּענער
און אַלע אין איינעם ווערן זיי איין פלאַם.

אַ טאָג, ווען אויך די צייט פון רגעס, שעהען
פאַלט איין און פאַלט אַריין אין פייערגרויל,
זיי מישן אויס זיך מיט די רויטע קראָען,
וואָס ברענען אויס און ווערן שוואַרץ ווי קויל.

און ס'פאַלט אַ שניי און קאָן זיי ניט פאַרשנייען,
און ס'נעמט אַ פראָסט און האַלט ניט איין דעם פלי,
און מענטשן אויף די גאַסן גייען, גייען
און שטעלן זיך ניט אָפּ ביז אין דער פרי.

ס'איז היינט אַ טאָג אין גאַנצן אומגעוויינלעך
אַן אַנדערער פון אַלע אַנדערע טעג,
אַ טאָג, ווען אויף לוויות גייט מען ווי פאַרשטיינערט
און ווײנען ווײנט מען ערשט צוריק צו וועגס.

האָסט שוין ווידער

האָסט שוין ווידער אָנגעפּאַצקעט
צאַצקעס,
האָסט שוין ווידער אָנגעגראַמט דאָרט אַ גן עדן
פאַר דיין עלטערזיידן
אדם.
נעם אַ קאַסטן און באַלאָד אים
זיינע פּלייצעס.
זאָל ער אים דאָרט טראָגן
ביז צום וואָגן
און דערלאַנג אים גלייך די לייצעס,
זאָל ער פאָרן אין אַ בלאָטע אויף אַ רעגן,
זאָל ער שלעפּן זיך אויף שווערע וועגן
און אין שווייס פון פּנים אויסגעמישט מיט רעגן־טראָפּנס
זאָל ער דאָס געזאַלצן ברויט זיינס עסן.

מיט אַ האַרטן פויסט צוקאַפּנס
זאָל ער שלאָפן און פאַרגעסן
די חלומות פון גן עדן.
שאַנעווע דעם עלטערזיידן.

רו

די נאַכט האָט די שויבן פאַרמאַכט,
אין שוואַרצן זיי אָנגעטאָן,
נאָר כ׳פיל אויף מיין קאָפּ אַ דאַך,
וואָס מע זעט אים אין שטוב ניט אָן.

ס׳איז שפּעט און אַ רעגן רינט,
דער ווינט קלאַפּט פעסט אין מיין טיר.
איך ווייס, אַז אַ בייטש איז דער ווינט,
אַ בייטש, וואָס דערגרייכט ניט צו מיר.

סע טאָגט אין דער אָפענער שטאָט,
כ׳בין פריש און בין אויסגערוט,
די זון איז אַ ליכטיקע ראָד,
וואָס דרייט זיך אַרום אין מיין בלוט.

כ׳זיץ אין אָוונט

כ׳זיץ אין אָוונט ווי אַן אבל,
ס׳ברענט אין טרויער מיר דאָס לייב,
ס׳קומט די נאַכט — דער שוואַרצער טאָוול
פאַר די ווערטער, וואָס איך שרייב.

כ׳שרייב זיי מיט די רויטע פינגער,
וואָס ווי אייזן אָנגעגליט
האָב איך זיי ביי טאָג, ווען יינגער
כ׳בין געוועזן מיט אַ ליד.

איצטער, ווען שוין אויסגעלאָשן
איז די האַנט מיינע, וואָס שרייבט
און סע ווערט אויך קאַלט מיין לשון,
ברענט אין טרויער מיר דאָס לייב.

נעם ניט די פען

נעם ניט די פען מיט געוואַלד אין דער האַנט,
שטעל ניט די מוזע צו צו דער וואַנט,
מעגסט אויך האָבן דעם גרעסטן שם,
מוזעס פאַרמאָגן אַ גאַנצן האַרעם.

שלמה אפילו, וואָס האָט פון שטאָל
זיינע טויזנט ווייבער געטריבן צום באָל,
ווו ער איז געווען דער איינציקער מאַן,
שלמה דער מלך און ניט דער סולטאַן,
ניט דער סולטאַן, דער טערק סוליימאַן,
האָט ניט געמאַכט קיין איינציקן שפּאַן,
האָט צו זיין וועלט־באַרימטן שיר
השירים זיך ניט צוגערירט,
ביז ער האָט ניט דערהערט איר קול
נאָך און נאָך און נאָך אַ מאָל:
דודי, דודי,
אני לדודי
ודודי לי.

נעם ניט די פען מיט געוואַלד אין דער האַנט,
שטעל ניט די מוזע צו צו דער וואַנט,
מעגסט אויך האָבן דעם גרעסטן שם,
מוזעס פאַרמאָגן אַ גאַנצן האַרעם.

מיין ערשטע ליד

און איצט, ווען איך קען שוין בעסער די נאָטן,
איז שוואַכער געוואָרן מיר מיין קול
און ס'איז מיר מיין זינגען ניט געראָטן,
ווי ס'איז מיר געראָטן געווען אַ מאָל.

אַ מאָל, ווען ס'האָט ניט געקענט מיך קיינער
און קיינער האָט ניט באַמערקט מיין ליד
האָב איך געפילט (קען זיין, איך איינער),
אַז ס'איז באמת אַזוינס, וואָס בליט.

אַז ס'איז באמת אַזוינס, וואָס רייסט זיך
אַרויס ווי אַ בלימל אויף דער ערד,
אַז ס'איז באמת אַזוינס, וואָס ווייזט זיך
און היט זיך ניט צו ווערן צעשטערט.

נאָר איצט, ווען איך קען שוין בעסער די נאָטן
און מעסטן איך קאָן אין ליד מיינע טריט,
איך פּיל, אַז עס איז מיין ליד ניט געראָטן,
ווי ס'איז מיר געראָטן דאָס ערשטע ליד.

איך וועל קיין חסרונות ניט זוכן אויף דיר

איך וועל קיין חסרונות ניט זוכן אויף דיר,
איך קען זיי, חלילה, געפינען,
איך וויל ניט פאַר מיר פאַרמאַכן דיין טיר,
דיך ברענגען צו זינד בחינם.

און האָב איך דיין חשבון־הנפש געמאַכט,
און טו עס פון ריינסטע געפילן,
ווייל ניט אין טויט איך האָב דיך דערמאָנט,
חלילה, חלילה, חלילה.

כ'האָב אַלעמען־אַלעמען איבערגעצאָלט,
זיך קיין מאָל מיט קיינעם געדונגען,
אויך דיר, כאָטש נעפלדיק האָסטו געמאָלט
און נעפלדיק געזונגען.

נאָר יעדער זינגט אַזוי ווי ער קען,
אַבי ניט געפעלשט די טענער
און איינער האָט אַ שטימע פאַר צען
און איינעמס איז ווערט אַ צענער.

דאָך קיינער איז ניט באַרופן דערצו
דעם צווייטנס געזאַנג צו צעשטערן,
נאָר זינגען דאַרף מען וויסן ווו
און ווער דיין געזאַנג וועט הערן.

געווען איז אַ צייט, מיר האָבן געלויבט
און האָבן געבויט מיט גלויבן,
נאָר איצט, ווען אונדזער געביי איז אין שטויב,
ווי קען מען די שטויבן לויבן?

און ווען וועסטו זאָגן, אַז פאַרן ליד
מע קלייבט זיך ניט אויס קיין ווערטער,
געשעט עס נאָר דאָרט, וווּ מע פרעגט עס ניט,
מע גיט דעם אויך פּאַרטיקע ווערטער.

נאָר דו — אויף דעם ברוק — מיר זענען אומזיסט
געווען דיך, הייסט עס, מקנא,
ווייל ד׳האָסט ניט גערירט זיך, ווען דו ביסט
בפירוש פאַר ברירות געשטאַנען.

און ביסט פאַרבליבן, ווען האָסט געקאָנט
אַוועק מיטן פאָלק און זיך שטילן,
איז האָב איך דיין חשבון־הנפש געמאַכט,
איך טו עס פון ריינסטע געפילן.

1970

ברויט אין לידער

ברויט אין לידער — ווי אַ "ה" אין סידור,
די לבנה איז מיר שוין דערווידער.

די לבנה, אויב זי וועט ניט קייכן
פאַר געלעכטער פון די נאַרישע פאַרגלייכן,

וועל איך איר אַ זונליד מוזן לייענען,
ביז זי וועט פאַר קינאה זיך צעוויינען.

די לבנה טוט די טרערן ווישן,
מענטשן עסן ברויט אויף אָוונטטישן.

זיצן נאָענט איינער נעבן צווייטן,
פלאָנטען אויף אַ פלאָנטער אַ פאַרדרייטן.

בינטלעך זונענשטראַלן פון זכרון
פאַלן אויף אַ טיש אַ טונקל־קלאָרן.

בליצט אַ שטראַל אויף אין פרימאָרגן־פלאַמען,
ליגן אויף די טישן לענדער, ימען.

קאָכט דאָס וואַסער אויף אַן אָרט אַ הייסן,
זינקען שיפן פון די גרעסטע גרייסן.

זינקען מיטן גאָלד און מיטן גאַנצן זילבער,
הייבן אָן די ימען זיך צו קאָכן ווילדער.

וואַרפט עס באַלד אַרויס די שיפן אויף די ערדן,
גייט מען קעגן זיי אַרויס מיט שווערדן.

גייען טעג שוין מיט געשלעג, מיט שלאַכטן,
דויערן זיי ביז אין די פאַרנאַכטן.

קער איך אָפּ מיין אויג פון דער סכנה,
קער זיך אום צוריק צו דער לבנה.

כ׳בעט זי, זי זאָל אויפהערן צו וויינען,
כ׳וועל איר מער קיין זונלידער ניט לייענען.

כ׳וועל זיך אויסשטרעקן אינעם גראָז אַ מידער,
זיך פאַרוויגן מיט לבנה־לידער.

וועט זי מיט לבנה־שיין פאַרדעקן
קאָפּ און פיס מיר, מיך ניט לאָזן וועקן.

ניט די וואָלקנס, ניט דער מינדסטער שטערן
זאָלן מיין לבנה־שלאָף ניט שטערן.

ביים פּאַרמאַכן

ער האַלט דאָס לידערבוך שוין ביים פּאַרמאַכן,
אין זיינע אויערן רוישן שטילע טייכן
לבנה־שיין און אויפן טיש די זאַכן —
לבנות קליינע דורך די נעכט זיי וואַכן.

אין דרויסן שטייט פאַרמאַכט אַ שורה שטיבער
און אויף די גראָזן קלינגען שטילע לידער,
זיי ענדיקן זיך, הייבן אָן זיך ווידער
און חזרן אַ גאַנצע נאַכט זיך איבער.

ווענן טויט

ס׳האָט די זון אין הימל זיך באַוויזן,
איז געוואָרן ליכטיק אויף דער וועלט.
ס׳איז די זון אויך פריער דאָרט געווען,
זענען מיר פון איר געווען פאַרשטעלט,
נאָך דעם האָט די ערד אונדז צוגעטראָגן,
נאָך דעם האָט די ערד זיך אויסגעדרייט
און אויף אונדז האָט אָנגעהויבן טאָגן
פון דער זון, וואָס אויף אַן אָרט זי שטייט.
זענען מיר אַרויס פון בעטן, שטיבער
און דעם טאָג מקבל זיין אויף זיך,
איז דער טאָג באַלד איבער אונדז אַריבער,
ווייל די ערד זי דרייט זיך שוין צו גיך.
האָבן מיר דעם חשבון שיער פאַרלאָרן
פון די גיכע טעג, וואָס דורכגעמאַכט,
זענען מיר געקומען אין די יאָרן
און דערנענטערט זיך צו יענער נאַכט,
ווען דער טאָג נאָך איר וועט אונדז ניט וועקן
און ניט שרעקן וועט אונדז מער די ערד,
ווען זי וועט מיט חושך אונדז פאַרדעקן,
וואָס איז אַלעמען, אונדז אַלעמען, באַשערט.
ווען די ערד צום טאָג וועט ווידער קומען,
קומען ווידער צו דער אייביקער זון,
וועט ביי אונדזער קבר שטיין מיט בלומען
אונדזערע אַ טאָכטער צי אַ זון.

און אַז דו רייטסט אַרום

און אַז דו רייטסט אַרום אויף אַ פערד,
צי ביסטו באַפרייט שוין פון דער ערד,
אויף וועלכער סע טרעט דאָס פערד ?

און אַז סע ווערט מיד דאָס פערד,
צי קריכסטו דען ניט אַראָפּ אויף דער ערד,
אויף וועלכער סע שטייט דאָס פערד ?

און אַז דו לאָזט עס שוין שטיין דאָס פערד
און פליסט אין די הימלען איבער דער ערד,
צי קערסטו ניט אום זיך צו די פערד ?

און אויב סע שטאַרבן היינט אויס די פערד,
צי בלייבט ניט אויף אייביק דיין בונד מיט דער ערד,
אויף וועלכער סע שטאַרבן אויס די פערד ?

ירושלים, 10.4.1973

אַ מיש־מאַש

אַ מיש־מאַש פון פרייד און זאָרגן,
טענץ און טרויער — אַ מיש־מאַש,
זיבן פלעשער וועל איך באָרגן
זעקס מיט ווייַן און סם אַ פלאַש.

אַ מיש־מאַש פון זיס און ביטער,
זיס און זויער — אַ מיש־מאַש,
אויפן יום־טוב פון די שניטערס
קומט דער טויט און טוט אַ נאַש.

קומט און שלעפּט אַוועק אַ פויער
אין דער מיט פון רייכן שניט,
אַ מיש־מאַש פון פרייד און טרויער,
רייכער שניט און טויט אין מיט.

אַ מיש־מאַש פון קברים, אַקער,
טויט און אויפגאַנג — אַ מיש־מאַש.
פון אַ שייטער שטייגט אַ פלאַקער,
פונעם פלאַקער שטייגט דאָס אַש.

אַ מיש־מאַש פון פרייד און זאָרגן,
טרוים און טרויער — אַ מיש־מאַש,
זיבן פלעשער וועל איך באָרגן
זעקס מיט וויין און סם אַ פלאַש.

די נאַכט האָט אָפגעשוואַרצט

די נאַכט האָט אָפגעשוואַרצט די ווענט,
וואָס טויגן איצטער מיינע אויגן ?
איך טאַפּ אַרום מיט בלינדע הענט
און זוך דאָס לייב פון רעגנבויגן

פון היינט ביי טאָג, ער איז שוין טויט
און אויסגעטון פון אַלע פאַרבן,
פון גייסט, פון גרין און בלאָ און רויט,
דאָס לייב איז גראָ איצט נאָכן שטאַרבן.

דאָס לעבעדיקע אויג (פאַרמאַכט)
קאָן מאָלן בילדער אויך אין שלאָפן.
וואָס זעען אויגן אין דער נאַכט
אפילו, ווען זיי זענען אָפן ?

וואָס זעען אויגן אין דער נאַכט ?
זיי זעען גאָרניט ניט אַצינדער,
איך האָב דאָס לידל אויך געמאַכט
מיט טאַפּנדיקער האַנט מיט בלינדער.

כ'האָב אַ גרונט געזוכט

כ'האָב אַ גרונט געזוכט — אומזיסט.
אונדזער ערד איז פול מיט גריבער
און די גריבער פול מיט מיסט.
אויף די מיסטן בויט מען שטיבער,
וואָס מע רייניקט טאָג ווי נאַכט
און מע וואַשט די טיר־און־פענצטער
און מע פאַרבט די בלעך פון דאַך,
וועלכער גלאַנצט, אַז ער פאַרבלענדט זיך
ביי דעם זונפאַרגאַנג פאַר נאַכט,
און דו אַנסט ניט, אַז די ריינקייט
האַלט זיך אויף די גריבער מיסט,
סיי די פאַרביקייט, די שיינקייט,
וואָס די גאַנצע וועלט געניסט.

שפּיגלפלאַך האָט איינגעראַמט

שפּיגלפלאַך האָט איינגעראַמט
די אַקעגנדיקע וואַנט,
אין דער לענג און אין דער ברייט
האָט די לופט זיי צוריק צעשיידט.

צווישן די צעשיידטע צוויי
שטעל איך זיך אַוועק און שטיי —
צווישן שפּיגל און דער וואַנט,
דיל און סטעליע איינגעראַמט.

כ'שטיי אַזוי אַ רגע לאַנג
ווי די זוןביים זונפאַרגאַנג
און מיר ווילט זיך שטיין און שטיין
(אויך די זון וויל ניט פאַרגיין).

נאַר זי מוז פאַרגיין די זון,
דריי איך אויכעט זיך אַרום
ווי די זון, די רויטע ראָד
און איך פיל מיט יעדן טראָט,
יעדער שפּאַן פּאַרויס אין גאַנג
פּירט מיך אויך צו מיין פאַרגאַנג.

המבדיל בין קודש לחול

המבדיל בין קודש לחול —
דער רייכערער פאַררייכערט אַ ציגאַר
ביים רויטן שפּיץ פון שוואַרצער קויל,
וואָס טליעט נאָך אין אַש־פאַרדעקטן זשאַר.

אַ יידענע ווישט דאָס גלעזל אויס,
אַ ביסל נאָפט אין לאָמפּ געבליבן נאָך,
אַן איינציק שוועבעלע, זי דרייט דעם קנויט אַרויס —
אַ גוטע וואָך, אַ פולע וואָך!

דאָס יינגל טוט זיך אויס די שבתדיקע שיך
און גרייט די שטיוול צו אויף אין דער פרי,
דאָס מיידל קומט אַהיים און רעדט צו זיך,
ווייל אַלע שלאָפן שוין און זי? אויך זי.

די שטוב איז שטיל און פולט מיט וואָך זיך אָן
און ברויט־חלומות בייטן אַלע מאָל
זיך איבער מיט די בעטן, ס׳קרייט דער האָן
און הייבט דאָס שטיבל אויף, וואָס שטייט אין טאָל.

גרויסשטאָט און הויפּטשטאָט

איך שטרעק פון דער גרויסשטאָט אויס מיין האַנט
צו כעלעם, דער הויפּטשטאָט פון לידערלאַנד,
ווערט כעלעם מיר נאָענט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען
און ס'קלינגען אין גרויסשטאָט כעלעמער געזאַנגען.

איך שטרעק דורכן פענצטער אַרויס מיין קאָפּ
און קוק אין דער נאַכט אַרויף און אַראָפּ,
דער גרויסשטאָטס ערד איז אויסגעלאַמטערנט,
דער כעלעמער הימל איז אויסגעשטערנט.

איז נעם איך זיי ביידע צונויף און עס ווערט
פון כעלעמער הימל און גרויסשטאָטס ערד
אַ ליכטיק געוועב פון דראָט און לאַמטערן,
פון דראָט און לאַמטערן, פון שטאָט און שטערן.

איך גיי און איך גיי און איך גיי

איך גיי און איך גיי און איך גיי
און טויזנטער אַנדערע גייען,
איך קאָן ניט אַרויס פון געדריי
פון גאַסן, וואָס דרייען זיך, דרייען.
איך בין פון אַ גאַס נאָר אַרויס
און פאַל שוין אַריין אין אַ צווייטער
און ס'קומט מיר אַקעגן אַ הויז
מיט טרעפּ פון אַ בבלשער לייטער.
איך קאָן ניט דערגיין צו דעם פעלד,
פון וועלכן איך בין געקומען.
ווען איך בין אַוועק צו דער וועלט,
בין איך פון דער וועלט גאָר אַנטרונען.
ווען איך בין געגאַן צו דער שטאָט,
האָב איך פון דער וועלט זיך דערווייטערט.
די שטאָט איז אַ שטיינערנע באָד,
וווּ ס'פּאַרען זיך מענטשלעכע לייבער.

איך גיי און איך גיי און איך גיי
און טויזנטער אַנדערע גייען.
איך קאָן ניט אַרויס פון געדריי
פון גאַסן, וואָס דרייען זיך, דרייען.

גערשטן און קאַרטאָפל

הערט אַ מעשה, נאָר צום ערשטן
הערט די וווּנדער פון דער וועלט,
ערגעץ וואַקסט אין פעלד דער גערשטן,
וואַקסט ער אויך ביי אונדז אין פעלד.

איז געשען, אַז אַ קאַרטאָפל
איז געשלאָפן ערגעץ ווייט,
האָט אַ שיפער אים געטראָפן
אָנהייב פון דער נייער צייט.

האָט ער אים געבראַכט פון דאָרטן
אויף אַ גרויסער זעגלשיף,
אים פאַרזעצט ביי זיך אין גאָרטן,
וואָס ער האָט צעגראָבן טיף.

הערט אַ מעשה, וואָס געטראָפן,
הערט די וווּנדער פון דער וועלט,
ערגעץ וואַקסט אין פעלד קאַרטאָפל,
וואַקסט ער אויך אויף אונדזער פעלד.

כ'האָב ליב ביים פענצטער פון וואַגאָן

כ'האָב ליב ביים פענצטער פון וואַגאָן
אַ פאַרנדיקער קוקן אויף די אויפגעגאַנגענע פעלדער
אין פולער זומערצייט, אין הייסן שניט־סעזאָן
ביי פלייצנדיקער שיין פון אויסגערייפטע בילדער.

ס׳איז גוט צו פילן ווי דער צוג זיך טראָגט
דורך ווייטקייטן, וואָס שטייען אויף קיין אָרט ניט
און וויסן, אַז דער לאַנגער זומערטאָג
פאַרגייט ניט פון דער ערד אַזוי מיט גאָרניט.

און וויסן, אַז אַ יעדער דריי פון ראָד
איז אויך אַ טראָט פאָרויס אין דער געשיכטע
און אַז דער צוג, וואָס יאָגט פון שטאָט צו שטאָט
דעריאָגן וועט די סאַמע שאַרפסטע ליכטער.

ס׳קען ניט זיין

ס׳קען ניט זיין, סע זאָל ניט זיין,
ערגעץ איז עס דאָ,
לויט דער גרייס עס קען אַריין
אין דער גרענעץ פון אַ שעה.

און די שעה איז איינגעראַמט
אינעם זילבער פון דער צייט,
פון דער צייט, וואָס ווערט געגראַמט
מיט דער אייביק ווייטער ווייט.

ס׳קען ניט זיין, סע זאָל ניט זיין,
נאָר איך ווייס ניט, ווען
קומט עס אין מיין שטוב אַריין —
זייגער זעקס צי זייגער צען.

צי ביי נאַכט גאָר, האַלבע נאַכט
קומט עס און סע וועקט.
כ׳ווייס, אַז ווען כ׳האָב אויפגעוואַכט
איז עס שוין אַוועק.

וועט עס קומען נאָך איין מאָל,
זיבן מאָל, צי צען,
ביז עס וועט מיך דאָך אַ מאָל
טרעפן מיט דער פען.

ס׳קען ניט זיין, סע זאָל ניט זיין,
ערגעץ איז עס דאָ.
לויט דער גרייס עס קען אריין
אין דער גרענעץ פון אַ שעה.

זאָל זיין געזאָגט דאָס היינט

זאָל זיין געזאָגט דאָס היינט היום יום ראשון,
אָט דאָ ביי די באַלויכטענע געדעקטע טישן,
די טישן די אַרומגעזעצטע מיט די געסט,
זאָל זיין געזאָגט דאָס איצט, בשעת מע עסט.

די אבות אונדזערע האָבן אויף אַ פונק פון פייער
אַוועקגעגעבן שעהען און קיין טאָג קיין פרייער
פון האַרעווען, איז ניט געווען ביי זיי
און ווי אַ הירש, וואָס גראָבט זיך טיף אין שניי
אַ וואָרצל פון אַ גרעזל צו געפינען
און ווי אַ האָז, וואָס גרייט זיך צו אַנטרינען
ביים מינדסטן שאָרך פון סאַמע קלענסטן ווינט
(דער האָז פאַרלאָזט דאָס פעטע גראָז, אַנטרינט
אַ הונגעריקער פון דער פעטער סעודה)
אַזוי די אבות אונדזערע, עס האָט זיי ניט געגונדיעט
אַרומגעזעצטע ביי אַ ברייטן טיש
זיי האָבן ניט די צייט געהרגעט ביי קיין קאָרטן
אין זייערע אויסגעהאַקטע היילן דאָרטן,
ווייל ס׳האָט קיין צייט זיי קיין מאָל ניט געקלעקט
אין זייער האָרעוואַניע אין שווייס און שרעק.
מיט הוילע שאַרפע הענט געהאַקט די וועלדער
און פון די וועלדער איז געוואָרן פעלדער,
די פריצים זאָלן האָבן וואָס דערנאָך
צו ירשענען און אָנצוטאָן אַ יאָך
אויף די, וואָס האָבן קיין מאָל ניט געגונדיעט
ווי מיר מיט אייך אַצינד ביי אָט דער פעטער סעודה.

אַ לידער־בוך

אַ לידער־בוך, אַ טרויערבוך
אַ טונקל־גרויער אומעטבוך,
אַ שטיינער־און־אַ־ציינערבוך,
אַן אויסגעדאַרטער ביינערבוך,
אַ טונקל־רויטער וווּנדנבוך,
אַ ווייטיקן־ און צרות־בוך,
אַ לידערבוך.